# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 98 - Autumn 1981 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1m05c5d3

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 98(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1981

**Copyright Information**
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

AUTUMN
1981

98

האַרבסט
תשמ״ב

אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט

זייט

שואל גוטמאַן: שמעון דובנאָוו און שמעון ראַווידאָוויטש —
צוויי וואַריאַנטן פון איין פילאָסאָפיע — — — — — — — — — 4

לייב וואַסערמאַן: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 11

לילקע מייזנער: איך האָב דיך געזוכט — — — — — — — — — — 13

בלומע לעמפּעל: אויפן וועג צום גט — — — — — — — — — — — 16

ד"ר יעקב י. מייטליס: דער מיטעלער מזרח אין היסטאָרישן פּערספּעקטיוו
(אַ קאַפּיטל תנכישע געשיכטע) — — — — — — — — 22

מאיר חרץ: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 26

לילי בערגער: אַ מעשה מיט אַ דירה און אַ „קאַווע" — — — — — — — 27

שמואל איזבאַן: קאַפּיטלען יידישע געשיכטע — — — — — — — — — 33

ס. נוטקעוויטש: דער משפט איבער יאַן בוקרעי (אַ דערינערונג) — — — 36

א. לוריא: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 40

שרה ליינער: שבועות (אַ קיצור פון אַ לעקציע געהאַלטן אין קולטור קלוב) — 42

איש יאיר: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 47

משה שקליאַר: אין דער פרעמד (פראַגמענט) — — — — — — — — — 49

ביכער אַנגעקומען אין רעדאַקציע — — — — — — — — — — — — 51

אשר שטשוטשינסקי: בראָדוויי און קאַנאַל סטריט (בילדער פון ניו־יאָרק) — — 52

(סוף פון אינהאַלט אויף זייט 90)

רבקה קאָפּע: לידער — 56

לאָטי פּ. מלאך: עד־דלא־ידע (אַ מעשהלע) — 47

חיים קעניגער: צווי לידער — 61

יעקב שיפער: נקמה — 62

מ. סאַרנא: הבה נתחכמה — לאָמיר פּאַרזייען ווען אויסוואַקסן פּרוכטן — 65


## שרייבערס און ביכער


זלמן שלאָסער: I. אַריה פּאָזיס „באַגינען" — 66

II. בלומע לעמפּעלס „אַ רגע פון אמת" — 70


## ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס


שמואל ווייס: דער חורבן אָנדענק־מוזעאום פון דער יידישער פעדעראַציע אין ל. א. 47

משה כהן: דער ל. א. יידישער קולטור קלוב אין תשמ"א — 78

ל. מ.: אַזוי איז עס געווען (צו מאַקס קרעמערס ערשטן יאָרצייט) — 80

מעלדונגען און באַגריסונגען — 90-81


די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פֿאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פֿון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפֿן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פֿאַר פֿאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג פֿון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פֿאַרבאַנד איז אַ פּראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פֿאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן איך איין אַנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פֿון
ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד
לייביש נאַטאַנסאָן, פּרעזידענט • בערנאַרד וויסבערג, דירעקטאָר
משה כהן, ראַיאָן פּרעזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



**HESHBON**
*PERIODIC LITERARY REVIEW*
8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048


EDITORIAL BOARD:
M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER
1108 S. Clark Dr., Los Angeles Ca. 90035
ADMINISTRATIVE COMMITTEE:
G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292
*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ S. ZUCKERMAN & J. SHAFER


**Subscripton price: $5.00 per year**



רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

# חשבון
פּעריאָדישע שריפֿט
פֿאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פֿאַרוואַלטונג:
„עניך בערמאַן, פֿאַרוואַלטער
גרשון פֿרידמאַן, פֿינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גערשאָוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפֿער

37טער יאָרגאַנג, נומער 98 • האַרבסט 1981 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפֿאָרניע


ה׳תשמ״ב 5742

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**צום נייעם יאָר תשמ״ב** שיקן מיר האַרציקע ברכות צו אַלע אונדזערע לייענערס, מיטאַרבעטערס, פֿריינד, און צו אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט.

**ראש השנה** איז דער טאָג פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלן נייע־יאָר און אויך דער יום הזיכרון, דער טאָג פֿון דערמאָנען און געדענקען — פֿון דערמאָנען אונדזערע פֿאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן אין פֿאַרשיידענע ציטן און לענדער זיך מקריב געווען על קידוש השם, און צו געדענקען אונדזער אייגענעם חוב פֿאַרן נאַציאָנאַלן קיום און המשך.

**אין דעם גרויסן טאָג** דריקן מיר אויך אויס אונדזער זאָרג און באַוואונדערונג פֿאַר **מדינת ישראל** און אונדזער שטענדיקע גרייטקייט זי צו העלפֿן ווייטער בויען און ברענגען שלום פֿאַר ישראל און פֿאַר דער וועלט.

רעדאַקציע און פֿאַרוואַלטונג
פֿון „חשבון"

ש. אַל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# שמעון דובנאָוו און שמעון ראַווידאָוויטש —
## צוויי וואַריאַנטן פון איין פילאָסאָפיע

I

נאָך אַלע אויפטרייסלונגען און טיף־גייענדיקע ענדערונגען אין יידישן לעבן במשך דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט; נאָכדעם ווי דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ האָט זיך דערוואָרבן די פּאָזיציע פון „גרויסן ברודער" אין וועלט־יידנטום — מוז יעדער אַחריותדיקער ייד זיך פרעגן: וואָס בלייבט איצט, פנים אל פנים מיט דער היינטיקער ווירקלעכקייט, פון די פאַר׳מבולדיקע יידישע אידעאָלאָגיעס? קענען זיי, מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס, נאָך אַלץ זיין אָנווענדבאַר? קענען די דאָזיקע פילאָסאָפיעס, וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן אין אַן אַנדער צייט, אין אַן אַנדער גייסטיקן קלימאַט, אויף אַן אַנדער קאָנטינענט, אויך זיין חל אופן אַמעריקאַנער יידישן שבט, און אויף די איבעריקע שבטים, איצט, ביים סוף פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?

צוויי טיפע דענקערס און פאָרמולירערס פון יידישע פילאָסאָפיעס ווילן מיר באַהאַנדלען. איינער, שמעון דובנאָוו (1860-1941) איז ברייט באַקאַנט און באַרימט אין דער יידישער וועלט; בעת דער צווייטער, שמעון ראַווידאָוויטש (1896-1957) האָט ערשט אָנגעהויבן מפורסם ווערן, ווען זיין לעבן איז פלוצלונג איבערגעהאַקט געוואָרן. איצט באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט זינט ער איז אַוועק אין דער אייביקייט, איז כדאי אַריינצוקוקן אין זיין רייכער און גייסטרייכער אידעען־וועלט, ווייל ער, פונקט ווי זיין עלטערער חבר און פריינד, קען אונדז שטאַרק בייהילפיק זיין ביים לייזן די דילעמעס פאַר וועלכע מיר שטייען היינט־צו־טאָג.

די צוויי דענקערס האָבן זיך אונטערגעשיידט אין עלטער אויף 36 יאָר; זייער הינטערגרונט איז געווען פאַרשידן: דער עלטערער, דובנאָוו, איז רייף געוואָרן אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט, אין תחום־המושב פון דער צאַרישער רוסלאַנד, בעת דער יינגערער, ראַווידאָוויטש, האָט געוואָרצלט אין פוילן, און האָט באַקומען זיין בילדונג אין דייטשלאַנד, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אין בערלין זיינען ביידע פאַרפריינדט געוואָרן און אויך אידעיש זיך דערנענטערט. זייערע פילאָסאָפיעס פון יידישן פאָלק, הגם אויסגעדריקט אויף באַזונדערע לשונות — דובנאָווס איז רוסיש און ראַווידאָוויטשעס אין העבריש — זיינען געבויט אויף ענלעכע הנחות און קאָנצעפּציעס וואָס זיינען אין תוך ווייט נישט פאַרעלטערט, עבר־זמניק. לאָמיר צוערשט אָנצייכענען די קאָנטורן אין דובנאָוו היסטאָריסאָפיע, און אין יידישן וועלט־באַנעם.

ווי באַקאַנט איז דובנאָוו געווען דער פּיאָנער־היסטאָריקער פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, אַ שבט וואָס איז כמעט איגנאָרירט געוואָרן פון די פריערדיקע יידישע היסטאָריקערס אין 19טן יאָרהונדערט — יאָסט, גייגער און גרעץ. אַחוץ דעם איז דובנאָוו געווען דער ערשטער אָנצוווענדן די מעטאָדן פון דער „נייער געשיכטע", וואָס עס האָבן אין אַמעריקע באַנוצט דזשיימס האַרווי ראָבינסאָן, טשאַרלס בירד און קאַרל בעקער. דובנאָוו האָט אין זיין געשיכטע באַטאָנט קולטורעלע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן. דער העלד פון זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" איז נישט דער קדוש אָדער דאָס ספר, ווי ביי גרעצן, נאָר דאָס יידישע פאָלק. זיין „וועלט־געשיכטע" איז די ערשטע יידישע היסטאָריע וואָס איז געשריבן געוואָרן פון אַ סעקולערן קוקווינקל, און זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנהייב פון אַ פּרוּוו צו דערקלערן אונדזער געשיכטע אָן דער הילף פון טעאָלאָגיע, אָדער מעטאַפיזישע אַבסאָלוטן.

ש. דובנאָוו איז געבוירן געוואָרן אין מסטיסלאַוו, ווייסרוסלאַנד, אין אַ מיוחסדיקער משפחה.



פון 1890 ביז 1903 האָט ער געלעבט אין אָדעס, וווּ ער האָט זיך געחברט מיט אַזעלכע גדולים ווי מענדעלע מוכר ספרים, אחד־העם, שמעון פרוג און שלום־עליכם.

עס זיינען דאָ, האַלט דער היסטאָריקער, דריי סטאַדיעס אין וווּקס פון אַ פאָלק: ראַסע, טעריטאָריע (דאָס שליסט איין פּאָליטישע סוווערעניטעט) און קולטור. דעם פּראָגרעס פון אַ פאָלק קען מען מעסטן לויט דער מאָס אין וועלכער זיין קיום איז אָפּהענגיק אין יעדן פון די דריי עלעמענטן. אַזוי אַז אַ פאָלק וואָס ווערט אויפגעהאַלטן דער עיקר אַ דאַנק זיין ראַסע געפינט זיך אויף דער נידעריקסטער מדרגה פון זיין נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג; אַ פאָלק וואָס האַלט זיך מיטן כוח פון זיין טעריטאָריע איז אויף אַ מיטעלער מדרגה און אַ פאָלק וואָס עקזיסטירט אַ דאַנק זיין קולטור, ווי יידן אין דער דיאַספּאָרע, אַזאַ פאָלק איז אויף דער העכסטער שטופע.

אין דעם אַלטערטימלעכן נצחון פון די פּרושים איבער די צדוקים זעט דובנאָוו דעם טריומף פון פּרינציפּ פון גייסטיקן און קולטורעלן נאַציאָנאַליזם, איבער דעם פּרינציפּ פון פּאָליטישן און מיליטאַריסטישן נאַציאָנאַליזם. און פון דעם שטאַנדפּונקט איז ער געקומען צום אויספיר אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף אין תוך ווערן דעפינירט דורך גייסט, קולטור און נישט דורך טעריטאָריע — אפילו נאָך איידער עס איז געוואָרן צעשפּרייט איבער דער וועלט. מיט גייסט האָט ער נישט געמיינט בלויז רעליגיע, נאָר אויך אידעען, ווערטן און לעבנסשטייגער. רעליגיע און ראַסע זיינען טאַקע וויכטיקע פאַקטאָרן, אָבער זיי אַליין קענען נישט דערקלערן דעם פאַקט פון אונדזער עקזיסטענץ, ווייל די פריידענקער שטייען אין די ערשטע רייען פון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער „עפּעס" וואָס האַלט אונדז צוזאַמען איז געמיינזאַמקייט פון היסטאָרישן גורל פאַר אַלע צעוואָרפענע טיילן פון דער יידישער נאַציע. „דעריבער שטעלט דאָס גלות־יידנטום מיט זיך פאָר דעם קווינטעסענץ פון אַ נאַציע, אַ נאַציע פון דער ריינסטער גייסטיקער פּראָבע" (1).

דובנאָוו שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע מינים נאַציאָנאַליזם: אַן אימפּעריאַליסטיש־דעספּאָטישן און אַ פּראָגרעסיוו־הומאַניטאַרן. צוליב די ספּעציעלע תנאים אין גלות, שטרייכט ער אונטער, קען דער יידישער נאַציאָנאַליזם נאָר זיין אַ ריין אינדיווידועלער און עטישער. פונקט ווי זיינע רביים קאַנט, ספּענסער און דזשאָן סטיוּאַרט מיל זעט ער אין געשיכטע אַן אַרויפשטייגנדיקע ליניע וואָס גייט פון אַ נידעריקער צו אַ העכערער מדרגה.

ווי אַ קולטור־עוואָלוציאָניסט האָט דובנאָוו געהאַלטן אַז די יידישע אמונה איז געפורעמט געוואָרן לויט די סאָציאַלע תנאים אין וועלכע דאָס פאָלק האָט געלעבט, און יידישקייט מיינט פאַר אים די גאַנצע יידישע קולטור, וואָס שליסט איין אין איר היקף אַחוץ רעליגיע, אַלע אַנדערע עלעמענטן פון עטישן, סאָציאַלן און פילאָסאָפישן כאַראַקטער. ער באַשטייט דערויף אַז אַ ייד קען ניט איבערגיין צו אַן אַנדער אמונה און בלייבן אַ מיטגליד פון יידישן פאָלק; ווייל דער היסטאָריקער נעגירט בלויז דעם סופּרעמאַט פון אמונה, אָבער ער וויל זי נישט עלימינירן פון פאָלקס גייסטיקן פאַרמעגן. דער צענטער פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, וואָס איז אַמאָל געווען דער בית המדרש, דאַרף איצט ווערן די אַלץ־אַרומנעמענדיקע, וועלטלעכע, דעמאָקראַטישע קהילה, וואָס שליסט איין אַלע פונקציעס: סאָציאַלע, פּאָליטישע, דערציערישע, רעליגיעזע, און אַנדערע.

אין דער שפּראַכן־פראַגע איז דובנאָוו געווען אַ פּלוראַליסט — יידיש, העבריש און די לאַנד־שפּראַך, דאַרפן זיין די אינסטרומענטן פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמער קהילה. עס וואָלט געווען אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן, האַלט ער, נישט אויסצונוצן אין קאַמף מיט דער אַסימילאַציע די גאַנצע ווידערשטאַנד־קראַפט וואָס יידיש גיט אונדז, ווייל מיר האָבן נישט קיין האָפענונג אַז העבריש וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקער אומגאַנגס־שפּראַך אין דער דיאַספּאָרע. אָבער ער בויט נישט אַלץ אויף יידיש. „יידיש איז אונדז טייער... אָבער בויען אויפן

יידישיזם די גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור — דאָס הייסט מפקיר זיין מיליאָנען יידן וואָס רעדן נישט אויף דער שפּראַך, און גרייטן צום באַנקראָט שפּעטער נאָך מיליאָנען" (2).

## II

עס איז שוין באַלד אָפּגעלאָפן אַ פערטל יאָרהונדערט, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, זייט עס איז אַוועק פון אונדז דער שאַרפזיניקער, אַנטי־שטראָמיקער פובליציסט און דענקער שמעון ראַווידאָוויטש — אַ העבראַיסט מיט אַ פּאָזיטיווער באַציונג צו יידיש; אַ ציוניסט און אַ באַיאָער פון די תפוצות. מיר פלעגן באַוווּנדערן זיין אַלזייטיקע לומדות אין דער אַלגעמיינער ווי אין דער יידישער קולטור, זיין אָריגינאַליטעט, זיין הומאָר, בעת זיינע אויפטריטן ביי די „צוקונפט"־סימפּאָזיומס, ביים יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. ער האָט אין זיך קאָמבינירט אַ טיפן דענקער, אַ גרויסן געלערנטן און אַ ווייט־זעענדיקן קריטיקער פון די אָרטאָדאָקסאַלקייטן וואָס האָבן דאָמינירט אין דער יידישער וועלט.

ראַווידאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין גראַיעווע (לעבן ביאַליסטאָק) ביי אַ טאַטן אַ למדן און סוחר. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג, און אין 1910 פאָרט ער קיין בערלין זיך גרייטן אין אוניווערסיטעט, און אין 1930 קריגט ער זיין דאָקטאָראַט אין פילאָסאָפיע פון בערלינער אוניווערסיטעט. ער אַנטוויקלט דאָ אַ ברייטע פילאָסאָפישע און ליטעראַרישע טעטיקייט. אין 1931 ווערט אויף זיין איניציאַטיוו צוזאַמענגערופן אין בערלין אַ קאָנפערענץ צו גרינדן דעם וועלט־פאַרבאַנד „ברית עברית עולמית"; גלייכצייטיק פאַרטיידיקט ער אַ פּאָזיטיווע גלות־אידעאָלאָגיע, און ער פאַרלאַנגט פון די העבראַיסטן צו שאַפן אַ מאָדוס וויווענדי צווישן יידיש און העבעריש.

אין 1933, ווען די נאַציס נעמען איבער די מאַכט אין דייטשלאַנד, באַזעצט ער זיך אין לאָנדאָן, וווּ ער ווערט פּראָפעסאָר פון יידישער פילאָסאָפיע אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. דאָ דערשיינען אונטער זיין רעדאַקציע די העברעישע זאַמלביכער „מצודה" (7 בענדער) און שפּעטער (אין 1954) — דאָס העברעישע זאַמלבוך: „ספר שמעון דובנוב". אין 1948 באַזעצט ער זיך אין אַמעריקע, וווּ ער לערנט אין שיקאַגער „קאָלעדזש פאַר יידישע שטודיעס (1948-1951) און שפּעטער ווערט ער פּראָפעסאָר פון יידישער פילאָסאָפיע אין בראַנדייס אוניווערסיטעט (1951-1957). ער שטאַרבט פּלוצלונג דעם 20טן יולי 1957.

שמעון ראַווידאָוויטש האָט געשריבן הויפּטזאַכלעך אין העבעריש, איבער י י ד י ש ע  פּ ר אָ ב ל ע מ ע ן, איבער פילאָסאָפישע טעמעס און דענקערס, וועגן סעדיה גאון, דעם רמב"ם, נ. קראָכמאַל, משה מענדעלסאָן, משה העס, גוסטאַוו לאַנדויער און אַנדערע. ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יידיש אַ ריי אַרבעטן אין די „ייוואָ־בלעטער", אין „צוקונפט", „יידישער קעמפער", „אויפן שוועל", און אַנדערע. צווישן זיינע וויכטיקע ווערק דאַרפן דערמאָנט ווערן דער „ספר המדע לרמבם", „כתבי רנ"ק, מיט אַן אַריינפיר פון 200 זייטן; זיין קרוין־ווערק: „בבל וירושלים", און די 7 בענדער „מצודה". אין ענגליש איז ביז איצט דערשינען איין באַנד: „שטודיעס אין יידישער מחשבה" — אַ קווערשניט פון ראַווידאָוויטשעס שעפערישקייט.

ווען מדינת ישראל איז עטאַבלירט געוואָרן שטיצט זי ש. ר. מיט באַגייסטערונג. „מען דאַרף זי בויען", שרייבט ער, „מיט אַלע כוחות, מיט די גרעסטע קרבנות; זי באַפעסטיקן ווירטשאַפטלעך, פּאָליטיש, אין יעדער הינזיכט. מ'טאָר אָבער נישט מאַכן מדינת ישראל קיין באַדינג פון יידישן קיום... יידישער קיום איז באַדינגונגסלאָז; אויף זייער לשון „אָנקאָנדישאָנעל סורוויוול" (3). אָט פאַר דער אַפּיקורסות לגבי דעם ציוניסטישן הויפּטשטראָם, און פאַר אַנדערע נישט־קאָנפאָרמיסטישע אָפּנייגן איז ש. ר. געוואָרן אַ דרויסנדיקער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם שלילת הגלות שטאַנדפּונקט פון מערסטע ציוניסטן און זייער איינשטעל אַז די יידישע מדינה איז דער ענטפער אויף אַלע דילעמעס



פון יידישער עקזיסטענץ. ער הערט נישט אויף צו אַרגומענטירן אַז דאָס יידישע פאָלק באַשטייט פון צוויי גלייך־וויכטיקע צענטערס וואָס שטיצן זיך קעגנזייטיק — די תפוצות און ארץ־ישראל.

בבל און ירושלים — די תפוצות און ארץ ישראל — באַווייזט ער מיט אָן אַ שיער ראיות, האָבן געווירקט אין דער יידישער געשיכטע. „ירושלים און בבל" סימבאָליזירן פאַר אים די קולטור פון דער צייט פון תנ"ך, און די קולטור פון דער צייט פון בית שני, אַריינגערעכנט די תלמודישע תקופה. לאַנד, פאָלק און מלוכה — זיינען איינס אין דער צייט פון בית ראשון. אין בבל אָבער, פאַרנעמט תורה און מצוות דעם פּלאַץ פון לאַנד און מלוכה. גאָט פירט מלחמות אין דער צייט פון בית ראשון; גאָט איז אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, זיצט און לערנט תורה אין צייט פון בית שני. אין ראַווידאָוויטשעס ווערטער: „דאָס פּנים פון ישראל האָט צוויי פּראָפילן — בבל און ירושלים. דאָס איז אַזוי געווען במשך צוויי טויזנט יאָר; אַזוי איז עס אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; אַזוי וועט עס זיין פאַר אַ צייט ווייטער. ישראל (ד.ה. דאָס יידישע פאָלק — ש.ג.) איז נישט ירושלים, און אויך נישט בבל. עס איז ירושלים און בבל, בבל און ירושלים. יעדער ייד וואָס פאַרדינט דעם נאָמען ייד וואָרצלט אין ביידע — אין אַ ירושלים וואָס איז פאַרוואָרצלט אין בבל, און אַ בבל וואָס וואָרצלט אין ירושלים. מיט ירושלים מיינען מיר ירושלים ווי אַ סימבאָל פון ארץ ישראל און איר גאַנצקייט. מיט בבל מיינען מיר נישט בלויז די טעריטאָריע וואָס ליגט ביי די ברעגן פון חידקל און פרת, נאָר יעדער פּלאַץ וואָס איז נישט ירושלים.

בבל איז דערשינען אין אַ סך געשטאַלטן: ווי די בבל פון עזרא־נחמיה, פון הלל און ר' חייא, און אַלע באַבילאָנישע תנאים ביז רב האי גאון... ווי די עגיפּטן פון חוניו'ס בית המקדש, און פילאָן, ווי די שפּאַניע פון ר' חיסדאי איבן שפרוט, ר' שלמה איבן גבירול, ר' יהודה הלוי, דער רמב"ם, ווי פון רש"י... ווי די פּוילן און אוקראַינע פון בעל שם טוב און זיינע תלמידים, ווי די ליטע פון ווילנער גאון און דער השכלה; ווי פון אַלע מאָדערנע אייראָפּעישע קהילות מיט זייערע שטרעבונגען און דאגות, גייסטיקע און מאַטעריעלע... בבל איז אויך געווען דער פּלאַץ פון צוויי דריטל פון דער יידישער געשיכטע... ירשלים האָט באַקומען די פּריאָריטעט אין פּרט פון הייליקייט און פאַרערונג אין די הערצער פון פאָלק. זאָך זיינען אַזעלכע פּריאָריטעטן אילוזאָריש, ווייל ס'איז דאָ בלויז בבל און ירושלים, ירושלים און בבל — איין ענטיטעט" (4).

דער תלמוד, לערנט אונדז ש. ר., איז נישט בלויז אַ פּירוש צום תנ"ך, נייערט אַ זעלבסטשטענדיקע שאַפונג און איבערשאַפונג פון תנ"ך. דער בית שני (530 פ.ק.צ. ביז 70 נ.ק.צ.) שטייט העכער ווי דער בית ראשון (1000 — 586 נ.ק.צ) ווייל די תורה שבעל פה, ד.ה. דער פּירוש, קען נישט איפּגענומען ווערן ווי סתם אַ קאָמענטאַר, ווייל זי איז אַן אָריגינעלע שאַפונג. דער אָריגינאַל — די תורה שבכתב — איז סובאָרדינירט צום פּירוש, ס'הייסט צו דער תורה שבעל פה — און דער פּירוש שטייגט אַרויף צו דער מדרגה פון אַן אָריגינאַל וואָס איז אַנדערש, סתירהדיק צום מקור. „דעם גרונט־טעזיס וואָס די פאָרשטייערס פון דער תורה שבעל פה האָבן פאָרמולירט אויף פאַרשידענע אופנים באַשטייט אין דעם אַז דאָס וואָס דער תלמיד ותיק וועט לערנען אין דער צוקונפט איז שוין געזאָגט געוואָרן פון משהן אויפן הר סיני. דער טעזיס מיט וועלכן דער רמב"ם עפנט אויף די „משנה תורה" איז: כל המצוות שנתנו לו למשה, מסיני בפירושו ניתנו. (אַלע מצוות וואָס משה האָט באַקומען אויפן הר סיני, זיינען געגעבן געוואָרן צוזאַמען מיט זייער אינטערפּרעטאַציע). דאָס באַווייזט אויך ווי די שאַפערס פון דער תורה שבעל פה האָבן דערהויבן די מינדלעכע תורה צום סטאַטוס פון תורה שבכתב, און אַז דער פּירוש האָט דעם זעלביקן סטאַטוס ווי דער טעקסט" (5).

דער בית שני, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט תורה לערנען, און מיט דער גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון

יענער תקופה, האַלט ש. ר., איז גרעסער און שטאַרקער ווי דער בית ראשון. די צוויי „הייזער" האָבן צוויי באַזונדערע פּרצופים, און דאָס וואָס איינער האָט, פאַרמאָגט נישט דער צווייטער. דאָס זיינען צוויי יידישע פורעמס, וואָס אין זיי האַלט זיך אָן דאָס יידישע פאָלק, און זיי זיינען דער מקור פון אַלע שעפערישע פערמענטאַציעס וואָס זיינען אויפגעקומען ביי אונדז פון ווייטן אַמאָל ביז איצט. (6).

אַוודאי אנערקענט ש. ר. די וויכטיקייט פון בית ראשון מיטן תנ"ך ווי די קרוין־שאַפונג. אָבער דער תנ"ך, דערמאָנט ער אונדז, איז שוין פאַר אַ לאַנגער צייט אַ טייל פון דער מערב־ציוויליזאַציע. די אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק איז דער רעזולטאַט פון די ספּעציפישע פירושים מצד די חז"ל פון די נאָך ביבלישע דורות. די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע פון תנ"ך מצד דער תורה שבעל פה איז אייגנאַרטיק יידיש, און איז קיין מאָל נישט אַקצעפּטירט געוואָרן פון קיין אַנדער אומה אַחוץ יידן. בעת דער בית ראשון האָט איינגעשלאָסן זיין ספּעציפישקייט בלויז פאַר יידן אין ארץ ישראל, האָט דער בית שני זיך אויסגעטיילט פאַר דער תפוצה, ווו עס איז אויפגעקומען די „תורה־קיניגרייך". ווי אַ קאָנטראַסט זעט ש.ר. דאָס קאַראַימערטום וואָס האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם, און זיך געריסן צום בית ראשון, וואָס איז ריין פון די פּרושים און די פירושים פון בית־שני. אויך די משיחישע באַוועגונגען וואָס האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער תורה־קיניגרייך, און אויך אין חסידיזם לאָזן זיך באַמערקן סימנים פון ענלעכן רעוואָלט קעגן לומדות.

דער בית שני, ציט ראַווידאָוויטש ווייטער זיין געדאַנקען־גאַנג, האָט דאָמינירט ביי יידן אומבאַגרענעצט ביזן סוף פון 18טן יאָרהונדערט, און דער קריזיס וואָס איז דעמאָלט געקומען אין יידישן לעבן איז אין תוך אַ קאָנפליקט צווישן בית ראשון און בית שני. ביזן מיטן פון 18טן יאָרהונדערט האָט, הייסט עס, דאָמינירט בבל, דער תלמוד, מיטן אויסנאַם פון די צדוקים, די קריסטן, די קאַראַימער וועלכע האָבן געוואָלט צוריקגיין צום בית ראשון, צום תנ"ך. נאָך 1850 האָט דאָס אייראָפּעישע יידנטום אָנגעהויבן דעם צווייפאַכן רעוואָלט קעגן אויסערלעכער אונטערדריקונג, און דעם אינערלעכן „עול" פון תלמוד. רעליגיעזע און וועלטלעכע יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם רעוואָלט. דער בית ראשון איז געוואָרן דער צוציונג־כוח פאַר דער השכלה. זייט דער השכלה און דער רעפאָרם־באַוועגונג לאָזט זיך אַלץ מער הערן דער רוף: צוריק צום תנ"ך! צוריק צום בית ראשון! תנ"ך־יידישקייט, אָדער גמרא־יידישקייט?! אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג הערן מיר דעם רוף: צוריק צום בית ראשון, צוריק צום תנ"ך! דאָס נייע ישראל, פירט ש.ר. אויס, הייבט אָן זיין וועג מיט אַ פּרוּוו זיך אומצוקערן צום בית ראשון.

אויב מיר אנערקענען די פריערדיקע פּאָסטולאַטן און אינטערפּרעטאַציעס פון ש. ר., מוזן מיר אויך אָננעמען נאָך אַ קאַרדינאַלן פּונקט אין זיין שיטה: אַז ציון און תפוצה דערגאַנצן זיך — „צוויי וואָס זיינען איינס"; ביידע זיינען גלייכווערטיק. „אויב דער גלות האָט נישט קיין מאָרגן האָט אויך ציון נישט קיין מאָרגן! די ביידע טיילן פון פאָלק ישראל מוזן זיך קעגנזייטיק אנערקענען ווי צוזאַמענגעהעריק, אומלייזבאַר פאַרבונדן.‚ מדינת ישראל פון איר זייט אָבער מוז אויך אַנערקענען די תפוצות, כל־זמן זיי זיינען דאָ, ווי אַן אַבסאָלוט גלייכווערטיקן, גלייך־פליכטיקן, גלייך־באַרעכטיקטן, מיטפאַראַנטוואָרטלעכן טרעגער פון המשך, פון פאָלק ישראל". (7).

דעם פאַרשפּרייטן שטאַנדפּונקט אין ציוניסטישע קרייזן, אַז יידן לעבן אין די תפוצות מיט „חסד", „גנאָד", און נישט מיט רעכט, אָט דעם איינשטעל וואַרפט ער אָפּ ווי שעדלעך פאַר יידישער עקזיסטענץ אין די די תפוצות. די רעכט פון יידן אין חוץ־לארץ, אַרטיקולירט ער, זיינען נישט פון אַ נידעריקן גראַד, נאָר פון אַן אַנדער מין. די דאָזיקע גנאָד־טעאָריע, טענהט ער, האָט אָפּגעשוואַכט דעם נאַציאָנאַלן ווילן פאַר קיום אין גלות; די פאָרמולע „מיט גנאָד און נישט מיט רעכט" איז אַ גרויסע געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון יידן אויף דער וועלט. זי גיט אַריין אַ שווערד אין די הענט פון



אונדזערע אויסערלעכע שונאים. זיי וועלן קומען און טענהן: איר אַליין גיט דאָך צו, אַז מחוץ ארץ ישראל איז אייער עקזיסטענץ בלויז אַ „גנאָד־עקזיסטענץ" און אויב גנאָד וועלן מיר די גנעדיקע באַשטימען די מאָס גנאָד וואָס מיר קענען און ווילן צומעסטן אייך, די באַגנאָדיקטע" (8).

אַנשטאָט אחד־העמ'ס קאָנצעפּציע פון ארץ־ישראל ווי אַ מרכז־רוחני (אַ גייסטיקער צענטער) און די תפוצות ווי אַ פּעריפעריע, גלויבט ש. ר. אַז יידיש פאָלק איז אַן עליפּסע מיט צוויי צענטערס: ישראל און די דיאַספּאָרע: ביידע זענען איינס. די דאָזיקע דאָקטרין פון צוויי וואָס זיינען איינס פאַרפליכטעט צו קעגנזייטיקייט: ביידע צדדים האָבן התחייבותן איינע צו דער אַנדערער. דער גלות מוז העלפן בויען די מדינת ישראל און די מדינה מוז אַנערקענען די תפוצה ווי פון גלייכן ווערט. מיט דעם מיינט ער נישט אַז ישראל איז גלייך צו יעדער תפוצה. ניין! ארץ ישראל פאַרנעמט אַ ספּעציעל אָרט אין דער יידישער נשמה און געשיכטע. אָבער זיי זיינען גלייכע שותפים אין יידישן וועלט־פאָלק. „זיי, די יידן וואָס לעבן דאָרטן אין ארץ ישראל האָבן נישט מער ווערט ווי די בני אברהם, יצחק ויעקב אין די תפוצות.... מדינת ישראל איז נישט דאָס פאָלק ישראל, נאָר אַ טייל פון פאָלק ישראל, נאָר אַ שבט; אַ גרויסער, שעפערישער, פרייער שבט — אָבער נאָר איין רינגעלע אין דער קייט פון ישראל וואָס האָט אַ סך רינגעלעך" (9).

אין שייכות צו דער גרויסער וועלט, ס'הייסט כלפּי חוץ, איז מדינת ישראל סוווערען, אומאָפּהענגיק, אָבער אין שייכות צו אַנדערע יידישע קיבוצים איז די מדינה בלויז אַ טייל פון אַ גרעסערן אָרגאַניזם. די אַלטע יידישע רעליגיעזע קאָנסטיטוציע האָט אויסגעדריקט איר תוך אין דער פאָרמולע: כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא; אונדזער מאָדערנע קאָנסטיטוציע דריקט זיך אויס אין דער מאָטאָ: „איין פאָלק ישראל. ד ע ר געדאַנקען־גאַנג איז מחייב אַז די ישראל יוגנט זאָל געלערנט ווערן זיך צו באַטראַכטן ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון יידישן וועלט־פאָלק.

פון די אַלע פריער סקיצירטע פּאָסטולאַטן אין ראַווידאָוויטשעס אני־מאמין קומט ער צום אויספיר אַז אין פריעמבל צו דער ישראלדיקער קאָנסטיטוציע דאַרף מען אָפּגעבן כבוד די גרויסע אויפטוען פון גלות־יידנטום אָנהייבנדיק פון תלמוד בבלי דורכן רמב"ם, רבי יהודה הלוי, ביז צום בעל־שם־טוב, ווילנער גאון, מענדעלע, ביאַליק, פּרץ, און אַזוי ווייטער. (10).

## III

טראַכט מען זיך אַריין אין ראַווידאָוויטשעס קאָנצעפּציע וועגן דער סופּעריאָריטעט פון בית שני וויזאַווי דעם בית ראשון דערקענט מען גלייך אַ פּאַראַלעל צו דובנאָווס דאָקטרין אין שייכות צו דער עוואָלוציע פון יידישן פאָלק פון אַ שבטים פאָרמאַציע, צו אַ מלוכה־פאָלק, ביז אַ גייסטיקער נאַציע. ביי ביידע דענקערס איז פאַראַן אַן אידעאַליזאַציע פון תורה, פון גייסטיקייט, און ביידע באַטאָנען אַז יידן זיינען דערגאַנגען צו דער העכסטער שעפערישקייט נישט ווען זייער פּאָליטיש־טעריטאָריעלער כוח איז געווען אַם שטאַרקסטן, אין דער צייט פון בית ראשון. ביידע געלערנטע גרענעצן זיך שאַרף אָפּ פון שאָוויניסטישן ענגהאַרציקן נאַציאָנאַליזם. ראַווידאָוויטש, פּונקט ווי דובנאָוו, שטרייכט אונטער אַז אונדזער עקזיסטענץ אין די תפוצות דאַרף זיין אַ יידישער המשך, אָבער טאָר נישט געטאָאיזירט ווערן, און טאָר נישט זיין פאַרבונדן מיט אַן עקסקלוסיוון יהדות באַגריף וואָס וועט פאַרצאַמען דעם וועג צו אַ פרייער יידישער אַנטוויקלונג. ער שטרעבט צו אַן אָ פ ן יידנטום, „אַן אָפן סיסטעם פון יידישן דענקען, פילן, גלויבן און אויך צווייפלען. . . וואָרעם אונדזער אונדזער המשך פאַרלאַנגט שעפערישע אָפנקייט — כלפי חוץ וכלפי פנים" (11).

און אין אַ בריוו צו ש. ניגערן דריקט ער עס אויס שאַרף־איראָניש: „אַ געוויסער מין בעל־תשובה איז אַ סכנה אין יעדער אומה ולשון — און ספּעציעל ביי אונדז. האָבן נישט אין אַלע ליטעראַטורן די בעלי־עבירהניקעס אָפט מער אויפגעטאָן ווי די בעלי־תשובה?... ווי גרויס איז

געוואָן טאָלסטאָי דער קינסטלער בעת ער האָט נאָך גע'בעלי־עבירה'ט און נישט פאַרקראָכן אין שערי תשובה?" (12).

אויך אין שייכות צו אחד־העמס מרכז־רוחני הערן מיר ביי ביידע אַ נעגאַטיווע באַציונג, און פונקט ווי דובנאָוו האָט באַטאָנט אַז אונדזער אַנדערשקייט מיינט נישט זיין נידעריקער פון די אומות העולם, אַזוי האָט ש.ר. אויסגעדריקט אַ פראָטעסט קעגן אונדזער שטרעבן צו וועלן זיין ככל הגויים, וואָס איז ביי אַ סך יידישע נאַציאָנאַליסטן, סאָציאַליסטן און אַסימילאַטאָרן אַ פאָרם פון אַ שפלות־קאָמפלעקס: אַז מיר דאַרפן זיך אויסגלייכן מיט אַנדערע פעלקער, אַנשטאָט צו זיין אייגנאַרטיק, געטריי צו זיך, און אויסער די דאָמינירנדיקע פּאָליטיש־מלוכהשע קאַטעגאָריעס.

דער ייִנגערער פונקט ווי דער עלטערער דענקער שטעלט זיך אַ סך מאָל אָפּ אויפן רעכט פון אַנדערשקייט. ער האַלט אַז צו פרעזידענט רוזוועלטס „פיר פרייהייטן" דאַרף מען צוגעבן אַ פינפטע: די פרייהייט צו זיין אַנדערש. (13). דאָ רופט ער זיך איבער מיט דובנאָווס רעיון אַז אונדזער אַנדערשקייט איז אַן אויסדרוק פון העכערקייט נישט אינפעריאָריטעט. ביידע טיף־גראָבנדיקע וועלטלעכע לומדים אַקצעפטירן די יידישע צעשפרייטקייט נישט ווייל זיי האַלטן אַז דאָס איז אַ ברכה, נאָר ווייל זיי גלויבן אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך פאַר אַ לאַנגער צייט. אין זיין פלעמיק מיט אחד־העמען גיט דובנאָוו צו אַז זיין גלות־אַקצעפטירונג שטאַמט נישט פון דער „געוווּנטשנקייט און ברכהדיקייט פון יידישער צעשפרייטקייט; ניין. מיר מאַכן נאָר אַ פשרה מיט דער פאַטאַלער אומפאַרמיידלעכקייט פונעם גלות, און מיר שטרעבן איינצוהאַלטן און צו אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן קיום פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון פאָלק וואָס פאַרבלייבט ווייטער אין גלות."

## IV

לאָמיר איצט, בקיצור, זען ווי אַקטועל זיינען די גרונט־אידעען פון ביידע דענקערס אין דער אַמעריקאַנער תפוצה. זייט דובנאָוו האָט פאָרמולירט זיין גייסטיקן נאַציאָנאַליזם האָט זיך אַ סך געביטן אין דער וועלט, און אין יידישן וועלט־פאָלק. ווי אַ פועל־יוצא קענען נישט אַלע אַספעקטן פון דובנאָוויזם זיין גילטיק פאַר די היינטיקע תפוצות. אויך די שייכות צווישן דער אַמעריקאַנער תפוצה צו מדינת ישראל האָט דורכגעמאַכט אַ ריי גילגולים זייט ראַווידאָוויטש האָט אויסגערייפט זיינע גרונט־אידעען; נישטאָ יענע האָפערדיקייט און אַליין־זיכערקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג ווי אין די ערשטע יאָרן ווען די יידישע מדינה איז עטאַבלירט געוואָרן. די קאָמפליצירטע פראָבלעמען מיט וועלכע די מדינה ראַנגלט זיך, סיי כלפי חוץ, סיי כלפי פנים, האָבן ליידער אונטערגעמינעוועט אַ סך אילוזיעס און האָפענונגען ביי אירע געטרייסטע פריינד צווישן יידן אין די תפוצות. אַ סך אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן מאַניפעסטירט מיט זייער עולה־רגל זיין, אַנטשטאָט עולה צו זיין קיין ישראל, אַז פאַקטיש אַקצעפטירן זיי, כאָטש זיי דעקלאַרירן עס נישט עפנטלעך, אַז די גרעסטע און שטאַרקסטע תפוצה אין וועלט־יידנטום — דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ — האַלט זיך נישט ביים אויפלייזן.

ס'איז נישט נייטיק צו באַווייזן אַז אַמעריקאַנער יידן פון צווייטן און דריטן דור זיינען ווייט פון אַ שלילת הגלות איינשטעל. מיר וואָלטן געקענט ברענגען אַ סך אַרויסזאָגונגען און ציטאַטן פון פראָמינענטע היגע יידישע מנהיגים וואָס באַשטעטיקן דאָס. מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט בלויז איין רעפרעזענטאַטיווער פיגור וואָס דריקט אָן ספק אויס די שטימונג און איבערצייגונג פון רוב אַמעריקאַנער יידן. מאָריס ב. אייבראַמס, דער געוועזענער פרעזידענט פון בראַנדייס אוניווערסיטעט און פון „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט", האָט ביים יערלעכן „אַמעריקאַנער־ישראל דיאַלאָג" וואָס איז אָפגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים, אין יולי, 1980, דערקלערט אָט וואָס: „איך בין אַן אַמעריקאַנער און אַ ייד. די דיאַספּאָרע איז מיין היים. פונקט ווי דער ציוניסט לואיס ד. בראַנדייס פאַרשטיי איך די וויכטיקייט און נויטיקייט פון אַ יידישער מלוכה — אָבער איך האַלט נישט



אַז דאָס איז אַ לייזונג פון יידישן פראָבלעם... פונקט ווי בראַנדייס גלויב איך אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק וואָס לעבט אין צוויי גלייך־וויכטיקע צענטערס, יעדער איינער שטיצנדיק דעם אַנדערן. קיין איינער פון זיי איז נישט צווייטקלאַסיק, און יעדער איינער פון זיי שפילט אַ צענטראַלע ראָלע אין המשך פון פאָלק. די דאָזיקע צוויי צענטערס זיינען ישראל און די תפוצות פון דעם איז געדרונגען אַז דער גרעסטער, דער בליענדיקסטער, און אַמבעסטן אָרגאַניזירטער יידישער קיבוץ אין אַמעריקע איז נישט קיין צוגאָב אָדער אַן איבערבלייב פון יידישן לעבן, נאָר אַ כוח אין הויפט־שטראָם". (14).

מיר מיינען דעריבער אַז ס'איז פרוכטלאָז צו פירן ווייטער די אַלטע דיסקוסיע צי דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, ווי בכלל די תפוצות שטעלן מיט זיך פאָר בבל אָדער אַלעקסאַנדריע. זיי, די היינטיקע יידישע צעשפרייטונגען זיינען נישט קיין קאָפיע פון דער אַמאָליקער בבל, און אויך נישט פון אַלעקסאַנדריע, ווייל ס'איז דאָך אומבאַשטרייטלעך, ווי ש. ר. האָט אָנגעוויזן: אַלע מאָדערנע יידישע קיבוצים פון אייראָפע און אַמעריקע — און מיר מעגן צוגעבן: פון דרום־אַפריקע און אויסטראַליע — געהערן אין דער קאַטעגאָריע בבל. זיי דאַרפן נישט זיין מאָדעלירט ווי די אַלטע בבל, פונקט ווי די היינטיקע ירושלים איז נישט אַזוי ווי די ירושלים פון די נביאים און די תנאים. בבל האָט נישט איין באַשטימטע פאָרם, איין לבוש וואָס איז אַ מוז פאַר אַלע יידישע קיבוצים אין אַלע צייטן. היינטיקע צייטן מוז מען שאַפן אַ לבוש וואָס פאַסט פאַר אונדזערע מאָדערנע באַדינגונגען. דעם פאָלק ישראל וואַקסנדיקע גאַרדעראָבע שליסט איין אַ סך מלבושים, אַן אַנדערע פאַר יעדער בבל (ס'הייסט תפוצה) וואָס שטרעבט אויסצודריקן שעפעריש איר יידישע אידענטיטעט.

„בבל און ירושלים: די תפוצות און מדינת ישראל — אַלע זיינען מיר איין שעפעריש פאָלק, און יעדער יידישער קיבוץ מוז פירן זיין יידישע באַלעבאַטישקייט גלייך ווי אויף אים האַלט זיך דאָס גאַנצע פאָלק, און אַז ער טראָגט די אַחריות פאַרן יידישן קיום."

מיר קומען דעריבער צו דער מסקנא אַז שמעון דובנאָוו און שמעון ראַווידאָוויטש זכרונם לברכה פאַרבלייבן אַקטועל אין אונדזער צייט; זיי זיינען אי פראַגמאַטיש־רעאַליסטיש, אי ווייט־זעענדיק, און דער קערן פון זייערע פילאָסאָפיעס וועט נאָך זיין רעלעוואַנט פאַר אַ לאַנגער צייט. דערצו זיינען ביידע סובטילע אַנאַליטיקערס נישט בלויז געווען טעאָרעטיקערס, קאַבינעט־פילאָסאָפן, נאָר פערזענלעכקייטן וואָס זיינען געשטאַנען אויפן „מאַרק־פלאַץ" און געשטריטן פאַר זייערע אידעאַלן, און זיינען בלב ונפש געווען אַנגאַזשירט אין קאַמף פאַר יידישן קיום.

## נאָטיצן:

(1) אויספירלעכער וועגן שמעון דובנאָווס היסטאָריסאָפיע זע: ש. גוטמאַן: טראַדיציע און באַנייאונג, פאַרלאַג מתנות; ניו־יאָרק, 1967, זייט 25־31, 138־152.

(2) איביד. זייט 29.

(3) ש. ראַווידאָוויטש: שריפטן, בוענאָס איירעס, 1962, ז. 311.

(4) ראבידוויץ: בבל וירושלים, כרך ראשון, 1957, ז. 508־526.

(5) „סטאַדים אין דזשואיש טהאָוט", ז. 45־55.

(6) ג. קרעסעל: אין שריפטן פון ש. ר. ז. 35־36.

(7) איביד. ז. 352.

(8) איביד. ז. 273־382.

(9) איביד. ז' 312־315.

(10) איביד. ז' 328־329.

(11) „מצודה", ספר שביעי, 1954, ז. 29־38, און „שריפטן" ז. 351־354.

(12) איביד. ז. 402.

(13) זע ש. ר. „סטאָדיעס אין דזשואיש טהאָוט", ז. 24־25.

(14) זע: „קאָנגרעס מאָנטהלי", ניו־יאָרק נאָוו.־דעצ. 1980.

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## 1. איך ווייס ניט...

איך ווייס ניט,
וואָס זאָל איך זיך ווינטשן,
ווען ס׳ווערט טאָג.
זאָל איך זיך ווינטשן
איך זאָל ווערן
אַזוי הכנעהדיק,
ממש ווי איך שטאַרב?
דער ווינטש
אין מיינע בליקן
איז שטיל און כוללדיק.
איז שטיל
און כוללדיק.

## 2. מיין חלום...

מיין חלום
איז נאָך אַלץ ניט אַזוי שטרענג,
אפילו ווען איך שריי.
אפילו,
ווען איך שריי נאָך
איבער אַלע מיילן וואָר,
בין איך נאָך אַלץ
אַרומגעשטעלט מיט שטילקייט.
איך בין נאָך אַלץ
אויפגעשטעלט אין דער אייביקייט,
ווו אַלע סודות
לייענט מען
איינגעשוויגן.

## 3. שטילקייט...

שטילקייט
שוועבט צו שטילקייט,
און דערפאַר גריסן זיך
די וועלטן.
און דערפאַר,
ווען ס׳ווערט
אַרום מיין דאַך נאַכט,
גריס איך זיך
מיט יענער וועלט.
איך טו עס
דורך די עטלעכע
איינשטימיקע שויבן
נעבן מיין בעט.
דורכן גלאָז
איבער דער בלאָ,
פרגייט מיין בליק,
און גייט אויף דאָרט.

## 4. מיינע גענג

מיינע גענג,
צייכענען
דעם שטאַנד פון מיינע חושים.
איך פאַרטו
אַ גאַנץ עלטער,
ביז איך רונד עפּעס אויס.
ביז ס׳ווערט פאַרטיק
אַ שיין
צו אַ שלאָפלאָזיקייט.
אַ וואָרט,
צו דערענדיקן
אַ פאַרגאַנגענהייט.

## 5. טרוימען

איך נעם אַראָפּ
טרוימען פון די אונטן,
און טייל זיי צו פריינד.
איך ווייז זיי
אַביסל שטילקייט,
און זיי זאָגן:
אָמן.



לילקע מייזנער

# איך האָב דיך געזוכט!

(אויף די ראַנדן פון דעם שארית־הפליטה צוזאַמענפאָר אין ירושלים)

די זון איז אַ הייסע דעם טאָג אויפגעגאַנגען, אָבער דער מילדער ווינטל האָט געקילט אונדזערע פנימער, אַזוי ווי קושן געוואָרפן — און אַ יעדער בלאָז האָט אַ שעפּטשע געטאָן „געדענק״.

מיר זיינען געגאַנגען אויף די שמאָלע מיט שטיינער אויסגעלייגטע וועגן אַרויף צום כותל־המערבי; געגאַנגען כמאַרעס מענטשן אויף די אַלטע אויסגעטראָטענע שטעגלעך און פון צווישן די פעלזן־עפּעבונגען האָט זיך אויסגעשפרייט אַ פאַרכישופטע פּאַנאָראַמע, אַ פאַנטאַסטישער מיראַזש, אַ וועלט אַן אַנדערע — זאַמד און שטיין, שטיקער ווענט, גרויסע קאָלומנעס מיט קאָרינטישע קרוינען. דאָ און דאָרט קנוילן גראָזן וואָס האָבן זיך געבויגן, אַזוי ווי אין אַ געבעט, און מיר זיינען געגאַנגען, געגאַנגען. כ׳האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין, צוגעמאַכט די אויגן — און מיינע געדאַנקען זיינען העטווייט פאַרגאַנגען.

אַ מאַרש, דער לעצטער מאַרש, געשלעפּט די געשוואָלענע פיס אַרום חורבות פון שטעט. די ערד ציטערט און וויברירט און מיר גייען, גייען און פאַלן. און פון יעדן ווינקל אַזעלכע ווילדע געשרייען. כ׳האָב אַרויפגעלייגט מיינע הענט אויפן פנים און נישט געוואָלט פאַרלירן דאָס בילד! געהערט אַזוי פיל שטימען אַרום זיך — אַזאַ גערויש. דאָרט, דאָרט אויף דעם לעצטן מאַרש האָבן מיר אויך געהערט שטימען, אַזעלכע שוואַכע, מאָנענדיקע, געריפן נעמען פון נאָענטסטע און דאַן שטילע, גאָר שטילע — ביז די שפּיצ־

זיי זאָגן עס אַזוי,
אַז ס׳ווערט דערפון
אַ וואַנדער.
אַ בלאָנדזשעניש,
וואָס געפינט
נסים.

## 6. פון זינט...

פון זינט
כ׳האָב אָנגעהויבן
וואַקסן שטיל,
בין איך שוין מער ניט
שווער געוואָרן.
כ׳וועל אפשר גאָרנישט וועגן,
ווען מ׳וועט איבערוועגן
מיין טויט
אויף יענער וועלט.
מיין טויטע שטילקייט
וועט נאָך זיין
מיט געהיימע מאָל
גרינגער,
ווי די לעבעדיקע.

## 7. דער וואַלד

דער וואַלד
איז פול מיט שיין
און מיט שלום;
מיט בלעטער
אין אומענדלעכקייט.
ס׳גייט אָן אַ געשפּרעך
צווישן שיין
און ג־ט.
איך הער נישט דערין
קיין אות
און קיין סוף —
איך באַנעם נאָר
צו מורא האָבן
און צו ליב האָבן.

דראָטן האָבן צעריסן די צעווייטיקטע שטילקייט. קערפּערס זיינען געפאַלן, הענט האָבן אונטערגעהאַלטן די פאַלנדיקע גופים און אַרום דיר אַ מענטשלעכע שלאַנג וועלכע האָט זיך געדרייט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד.

ווידער האָט דער ווינט אַ בלאָז געטאָן און כ'האָב אויפגעריסן די אויגן און ווילד זיך אַרומגעקוקט. — אָט גייען זיי ווייטער, אָט זיינען זיי דאָ, די מענטשלעכע שאָטנס פון ווייטן אַמאָל. אָט גייען זיי דאָ אויף דער ערד פון ישראל, די וועלכע האָבן אַזוי פיל טויטן געזען אין דעם טאָל. אָט זיינען זיי ווייטער דאָ מיט אונדז צוזאַמען די דוד'ס און שלומה'ס, רחל און לייקעס. זיי זיינען געקומען פון לאַנגן מאַרש, פאַרמאַטערטע, פאַרמוטשעטע אָבער מיט דעם לעצטן פונק פון לעבן ווייזן, לערנען אויסצושרייען צו דער וועלט זייער צאָרן און ווייטיק.

נאַכט פאַלט צו, דער טאָג ברעכט זיך, און אַרום אַזוי פיל צאַנקענדיקע ליכט! זיי שימערירן אין דער נאַכט ביי דער אַלטער היסטאָרישער וואַנט. און יעדע ליכט אַ נשמה, יעדע ליכט אַ נאָמען, אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ קינד. צאַנקט, איר פייערלעך, איר דאַרפט דאָ זיין היינט מיט אונדז צוזאַמען. איר דאַרפט דאָ זיצן לעבן אונדז. שוועבט אַרום אונדז און זעצט זיך אויף דער אַלטער אויסגעטרוקנטער ערד פון ירושלים און הערט זיך צו צו די שטימען פון צייט! אַזוי פיל פיס האָבן דאָ די ערד באַטראָטן! אימפּעריעס זיינען דורכגעגאַנגען די וועגן. און איצט גייען מיר, מיר שאָטנס פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט! צאַנקט איר ליכט, צאַנקט נשמות, איר דאַרפט באַלייכטן די פינצטערניש פון דער וועלט!

דער ווינט האָט געבראַכט די אָפּגעריסענע קלאַנגען פון די תפילה־זאָגערס ביי דער וואַנט און די ווערטער זיינען געבליבן הענגען אויף די שפּיצן פון די מויערן, אָפּגעריסענע, נישט דערגאַנגענע. און פון דעם נישט־ווייטן מעטשעט האָט זיך צעזונגען די שטימע פון דעם מוסולמאַנישן געבעט־רופער און די קלאַנגען האָבן דורכגעדרונגען די שטילקייט פון דער נאַכט. די לבנה איז אַזאַ העלע, אַ גרויסע און צעשמייכלטע האָט אַרומגענומען דעם פירמאַמענט און טראָציק אַראָפּגעקוקט. זאָג, לבנה, האָסטו זיך פאַרגעשטעלט אַזאַ תחית המתים? דו ביסט דאָך אַן עדות געווען פון דעם גרויסן חורבן און האָסט אָט אַזוי אַראָפּגעקוקט און שעלמיש געלאַכט, אויך אין "יענע" ווייטע טעג — זאָג!? האָסטו זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיר, מיר פון יענעם יאָמער־טאָל זאָלן זיצן דאָ, ביי דער אַלטער וואַנט און קוקן דיר לבנה טראָציק אין די אויגן און זאָגן: — מיר זיינען ווידער דאָ?

אין יענעם אָוונט האָבן יונגע הענט איבערגענומען אונדזער צוואה און ירושה, זיי האָבן איבערגענומען ברענענדיקע ווערטער, און צוגעזאָגט, צוגעזאָגט קיין מאָל זיי נישט צו פאַרגעסן. האַלט זיי טייער, יונגע הענט, האַלט זיי פעסט! זיי זיינען אַ ירושה פון פאַרגאַנגענע היסטאָרישע טעג און יאָרן פון אַ פאָלק וואָס האָט געקעמפט צווישן פאַלנדיקע ווענט און צוריק צום לעבן אויפגעגאַנגען.

די לבנה האָט זיך אַ פאַרשעמטע צוריקגעצויגן אונטער די הויכע מויערן און די פינצטערניש האָט אונדז אַרומגענומען. נאָר די סימבאָלישע צאַנקענדיקע ליכט האָט זיך געצויגן הויך, הויך צום הימל און באַלויכטן די נאַכט.

***

דו ביסט געזעסן פאַררוקט אין אַ זייט, ווייט פון דעם גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם. דיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. נאָר די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון דיין אויסגעדאַרטן אַסקעטישן פּנים. אַרום דיר האָט געווימלט אַ מחנה מענטשן, נאָר דו ביסט געווען פאַרטראָגן ערגעץ ווייט. דיין קערפּער איז געווען אַזוי מאָדנע איינגעשרומפּן. נאָר פון צייט צו צייט האָט אַזאַ דינער שמייכל, קוים אָנזעבאַר, צעשטראַלט דיין גרוי פּנים. דיינע אויגן — כ'וואָלט אַזוי וועלן אין דער מינוט אַדורכקוקן דורך זיי און זען וואָס דו האָסט אין יענע מינוטן געזען. ביסטו ווייטער געשטאַנען אויף די ברענענדיקע מויערן פון וואַרשעווער געטאָ? האָסטו ווייטער אָנגעפירט מיט דער שאָטן־אַרמיי און אַריינגעהויכט אין זיי לעבן? — צי ביסטו אין דעם מאָמענט געווען „דאָרט" אין די טיפע קאַנאַלן מיט דיינע „געטאָ־סאָלדאַטן"?

אַנטעק (צוקערמאַן), איך האָב דיך געזען זיצן אַזוי אַליין — און דאָך ביסטו אין יענער מינוט געווען אַרומגערינגלט מיט „זיי" אַלע און מיט אונדז דאָ. מיר האָבן דיך אַריינגענומען אין אונדזער לעבעדיקן קאַראַהאָד, און ביסט ווייטער געווען „אַנטעק" צוקערמאַן, דער קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד!.

ביסט שטיל געזעסן אויף דיין אָפּגערוקטן שטול. דער טויט האָט שוין דעמאָלט זיינע פליגלען צעשפּרייט און דיר געגעבן דעם ערשטן טויט־קוש. צומאָרגנס, נאָך דעם גרויסן באַזוך אין דיין קיבוץ לוחמי הגיטאות, האָסטו צוגעמאַכט די אויגן אויף אייביק.

האָסטו רו געפונען, „אַנטעק"? צי וועסטו זיצן אויף דיין שטול ביי די בריגן פון דער וועלט און מאָנען, מאָנען מיט דיינע אויגן צעווייטיקטע און אַדורכלעכערן די פינצטערניש פון שלעכטס?

***

מיר האָבן בלומען געוואָרפן, אַזעלכע שיינע, רויטע און געלע רויזן. און יעדע בלום האָבן מיר געצערטלט און געלייגט אויף די שטיינער. און יעדער שטיין — אַ שטאָט, אָדער לאַגער, און יעדער לאַגער אַ שטאָט מיט מענטשן, און אין דער מחנה מענטשן — דיינע נאָענטסטע; און יעדער שטיין — אַ קבר פון דיינע אומגעקומענע און דער באַרג איז געוואַקסן, געוואַקסן רויט און געל און פון די טרערן יענעם טאָג וואָלט מען ימען אָנגעפילט. און די מחנה איז געגאַנגען, טויזנטער, טויזנטער שארית הפליטה יידן האָבן געשטראָמט צום יד־ושם — דאָס אָרט פון פאַרזאַמלטן אומקום; דאָס סימבאָלישע אָרט פון דער מאָדערנער יידישער מאַרטיראָלאָגיע...

שוואַרצע גראַניט־פּלאַטעס, צאַנקענדיקער אייביקער פלאַם, נעמען פון אומגעקומענע יידישע שטעט און שטעטלעך — און אין דער לופטן קלאַנגען פון דעם צאַרטן ליד „אונטער דיינע ווייסע שטערן" זיינען מיר געשטאַנען ביי דער באַלוסטראַדע און איבערגעבויגענע געוואָלט אויסשטרעקן די הענט, גלעטן אַ יעדן שטיין, אַרומנעמען דאָס ביסל אַש, צערטלען די אורנעס און האַלטן זיי פעסט צוגעדריקט צו אונדזער האַרץ; דערציילן זיי אַז מיר זיינען דאָ, אַז מיר האָבן זיי נישט פאַרגעסן און וועלן זיי נישט פאַרגעסן! אַז לעבן זיי שטייען די אייניקלעך און אוראייניקלעך וועלכע וועלן דעם פלאַם פלעגן; אַז באַלויכטן זאָל ער די וועלט־פינצטערניש.

אַ באַרג פון רויטע און געלע רויזן — אַזאַ הויכער באַרג. כ'האָב אַמאָל געזען אַזאַ באַרג — נאָר נישט מיט רויזן — אַ באַרג פון מיינע טויטע ברידער און שוועסטער. אַזאַ הויכן באַרג!

***

... „איך בעט אייך, רופט זיך אָפּ, אפשר ווייסט איר, אפשר קענט איר דעם נאָמען; האָט איר אפשר איר אָדער אים געזען... איך בעט אייך?" — וועמען בעטן די שטימער, וועמען זוכט מען אַרום אין דעם גרינען אַרום, צווישן מדבר און פעלד? וועמען בעט מען? צו וועמען זיינען די געבעטן געווענדן? וועמען זוכן טויזנטער, טויזנטער אויגן און קוקן אַריין אין דיין פּנים און ווילן דערקענען פאַרלוירענע נאָענטע, וועלכע דער שונא האָט אַזוי ברוטאַל פאַרפייניקט? צענדליקער נעמען פון פאַרוויסטע פוילישע און אייראָפּעישע יידישע ישובים זיינען דערמאָנט געוואָרן און דער געבעט איז אָנגעגאַנגען פאַר שעהען און די ביימער אַרום האָבן איינגעזאַפּט דעם ווייטיק און צער. און דער הימל אַזאַ בלויער האָט זיך צוגעהערט, צוגעהערט צו דעם לעצטן געשריי!

36 יאָר זוכן מיר אונדזערע נאָענטע. זוכן מיר זיי טאַקע? ווייסן מיר נישט, אַז זיי זיינען שוין מער נישטאָ? — אַז אין קבויל רויך און אין די הויכע טויטע קערפּער־בערג זיינען זיי פאַרשוווּנדן אויף אייביק! נאָר מיר, די לעבן־געבליבענע, האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן מיט אַ חלום, אַז אפשר, אפשר?

בלומע לעמפעל / ניו־יאָרק

# אויפן וועג צום גט

פּיליס שטראָמוואַסער איז אַריין אין עראָפּלאַן אויפן וועג קיין רענאָ, נעוואַדאַ. זי האָט פאַרנומען איר זיצפּלאַץ ביים פענצטער. נאָך דעם ווי זי האָט אַוועקגעלייגט איר האַנטבייטל, דעם רעגנמאַנטל, אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס, האָט זי אָנגעלענט דעם קאָפּ אין דער שויב און צוגעמאַכט די אויגן. זי האָט זיך באַמיט איינצושטעלן אירע נערוון, אַראָפּגעשלונגען אַ פּיל, נאָר די שפּאַנונג האָט ניט אָפּגעלאָזט. האָט זי אָפּגעזוכט אַ זשורנאַל און אויף איר שטייגער אָנגעהויבן בלעטערן פון לעצטן זייטל אויף צוריק. אויך דאָ האָט זיך איר פאַרזוך ניט איינגעגעבן. אירע געדאַנקען זענען געלאָפן ווי אַ מעקער איבער דעם געדרוקטן וואָרט, אָפּגעווישט אַלץ וואָס דאָס אויג האָט אויפגעכאַפּט. האָט זי ווידער אַמאָל אַריינגעטאָן דעם קאָפּ אין פענצטער. זי האָט געזען ווי דער עראָפּלאַן פאַרלאָזט דאָס פלי־פעלד, הייבט זיך אויף איבער דער אָנגעצייכנטער סטעזשקע, העכער און העכער איבער דעם פאַרנעפּלטן צודעק און דרינגט אַריין אין אַ וועלט פון גאָלער לויטערקייט, אַ וועלט ווו קיין מענטשלעכע האַנט האָט גאָר ניט געביטן, זינט ששת ימי בראשית. אַ גאָלדענע זון קומט צו לויפן צו איר פענצטערל, לויפט אַוועק און קומט באַלד ווידער צוריק. דער אונטערגרונט אויף וועלכן זי לויפט, איז טיף בלוי, דורכזיכטיק, ליידיק. די ערד אונטן זעט מען ניט. זי איז צוגעדעקט מיט אַ וויים־גרויען פאַרשפּרייטעכץ, וואָס ציטערט ווי אַ געפרוירענע דרעליע.

פּיליס גאַפט אויף דעם בראשיתדיקן ספּעקטאַקל. דער ליידיקער חלל וואַרפט אויף איר אָן אַ מין אַטאַוויסטישע שרעק. אַ וועלט אָן צייט, אָן בייט, אָן לעבן, אָן טויט. ניטאָ דאָ קיין איך, קיין דו — קיין אָנווייז אויף אַ וועג וואָס פירט פון ערגעץ קיין ערגעץ. פּיליס ווערט זיך קעגן דער ווילדער ליידיקייט. דאָס פּינטעלע איך

---

בין איך פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דעם מיקראָפאָן און אים צוגעלייגט צום מויל, ווי כ'וואָלט אים, פאַר דעם אַרויסגעזאָגטן נאָמען, געוואָלט קושן, און שנעל אַרויסגעזאָגט דיין נאָמען, מיין ברודער, און דיין אָלינקע, מיין קליינע קוזינע, און נישט געגלייבט זיך אַליין, אַז כ'האָב דאָס געטאָן — אַנטלאָפן און צוגעהאַלטן זיך די אויערן, ווייל כ'האָב געוווּסט, אַז קיין ענטפער וועל איך נישט באַקומען. אָבער איך האָב געדאַרפן די שווייגנדדיקע באַשטעטיקונג, אַז איר זייט נישטאָ!

איך האָב דיך געזוכט צווישן טויזנטער און אַריינגעקוקט אין די פּנימער, געזוכט דיינע בלויע אויגן און ברוינע טשופּרינע, דיין אָדלער־נאָז און דיין גוט צאַרט פּנים. כ'האָב נאָך אַלץ זיך גענאַרט און געמיינט אַז אפשר, אפשר... מען זאָגט, אַז דו ביסט אין טיפע וואַסערן אַראָפּ מיט אַ טאָרפּעדירטע שיף. אַזאַ טויט האָבן די „הערשער" פון דער „ריינער אַרישער ראַסע" אויסגעטראַכט. כ'האָב נאָך אַלץ געצווייפלט און געוואָלט דיך געפינען — נאָך 36 יאָר! האָב איך אויסגערופן אין דעם ווייטן לאַנד אונדזערן דיין נאָמען — ער זאָל דאָרט פאַראייביקט ווערן! איך האָב געוואָלט, אַז דו, און אַלע מיינע טייערע אומגעקומענע, זאָלן דאָ זיצן מיט אונדז צוזאַמען און אויסשרייען דעם גרעסטן ווייטיק פון אַ דור וועלכער איז אַוועק על קידוש השם!

איך האָב דיך געזוכט, איך האָב אייך געזוכט און איר זייט געווען מיט אונדז דאָרט, אין דעם געשיכטלעכן מאָמענט פון דערמאָנונג צווישן דער גרינקייט פון גראָז און די זאַמדן פון מדבר.

אַזאַ לאַנגער, לאַנגער וועג איז פון „חורבן צום אויפקום."

איר זייט אַלע, אַלע געווען — מיר זיינען אַלע געווען, צוזאַמען — לעבעדיקע און טויטע — צוזאַמען...

---



דערפילט די געפאַר און ציט זיך צוריק צום מער היימישן, צום פערזענלעכן, צום אָנגעצייכנטן וועג וווהין זי גייט, נאָך וואָס זי גייט, און וווהין דער וועג וועט ווייטער פירן. דאָס זענען געדאַנקען וואָס זי האָט שוין טויזנטער מאָל איבערגעטראַכט. אייגנטלעך, טראַכט זי, איז שוין מער וועגן דעם ענין ניטאָ וואָס צו טראַכטן. אַלע פאָרמאַליטעטן זענען גרייט, וואַרטן בלויז אויף איר חתימה. מיטן אונטערשרייבן איר נאָמען ווערט זי אַ פרייער מענטש...

אַזוי האָט פּיליס שטראָמוואַסער געטראַכט יענעם טאָג ווען זי איז אַרויס פון הויז צום ערשטן מאָל אַליין, אָן איר מאַן. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, ווי ווי איבסענס נאָראַ האָט אַ מאָל געטאָן. אמת, איר קלאַפּ מיט דער טיר האָט מער קיינעם ניט איבערראַשט. צייט האָט זיך געביטן. פרויען־רעכט איז אַריין מיטן רעכטן פוס אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַלטע ווערטן האָבן געברענט אויף נייע מזבחות. פרויען האָבן געוואָרפן זייערע חופּה קידושין רינגלעך אין אָפענעם פייער. דאָס וואָרט פרייהייט האָט געררייצט די פאַנטאַזיע: פרייהייט אויף אַלע געביטן, בתוכם סעקסועלע גלייכבאַרעכטיקונג.

דאָ אויפן עראָפּלאַן, צווישן הימל און ערד, וווּנדערט זיך פּיליס וואָס ס'איז געוואָרן פון נאָראַן נאָכן „זבענק" מיט דער טיר? האָבן זיך אַנדערע טירן פאַר איר געעפנט? איז זי שטיין געבליבן אין דרויסן אַ דערשראָקענע, אַ פאַרצווייפלטע, ניט געוווּסט וווהין זיך צו קערן, האָט זי די „פרייהייט" אויפגענומען, ווי אַ פאָן איבער דער וועלט זי געטראָגן? האָט זי געפונען אַ וועג אין דעם ניט אויסגעפּרוּווטן תוהו־ובוהו, אַ גרענעץ, אַ צאַם וואָס וואָרנט פאַר געפאַרן? און אפשר איז זי גאָר אַוועק אין אַ „סינגל־באַר", זיך אָנגעשיכורט, פאַרווילט די נעכט אין דיסקאָטעקס, געביטן די בעט־שותפים, יעדע נאַכט מיט אַן אַנדערן?

יעדע געבורט האָט איר חבלי־לידה, רעדט פּיליס צו זיך אַליין. איר מוטער האָט פון די ווייען ניט געליטן. איז איר אַ בחור געפעלן געוואָרן, האָט זי אָן שום מינדערוווערטיק געפיל געלאָזט פאַלן איר נאָזטיכל: אַ סטראַטעגיע אַזאַ וואָס האָט זי טאַקע צונייפגעפירט מיטן טאַטן.

ס'איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג. זי האָט שפּאַצירט אויף דער פיפטער עוועניו. זי איז געגאַנגען אַזוי פאַמעלעכל, מיט איין אויג אין די שויפענצטערס, מיטן צווייטן — אויף די שפּאַצירניקע יונגעלייט. דער בחור פאַר וועמען זי האָט געלאָזט פאַלן איר טיכל, האָט געטראָגן אַ שטרויהוט, געשטרייפטע הויזן, אַ ליכטיקע מאַרינאַרקע און לאַקירטע שיך. ער איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט, דעם קאָפּ הויך, די פּלייצע גלייך, גאָר ניט ווי די שניידערלעך פון דער איסט־סייד, האָט זי געטראַכט. דער שלל פון קאָלירן אין וועלכע ער האָט זיך געקליידט, האָט איר דערמאָנט אין אַ בלומען־גאָרטן. האָט זי ניט לאַנג געטראַכט, אַ לויף געטאָן פאָרויס און געלאָזט פאַלן איר נאָזטיכל. וועט ער עס אויפהייבן און עס איר דערלאַנגען — איז ער אַ זשענטלמאַן. ווען ניישט, טויג ער במילא אויף כפּרות.

דער טאַטע האָט דאָס טיכל אויפגעהויבן. עס איז געווען פון ריינעם זייד, אויסגעהאָפטן מיט מיידלשע חלומות, צויבער־שפּרוכן פון עלטער, עלטערבאָבעס האָבן געווייעט פון דעם. דערצו האָט עס נאָך געשמעקט מיט פראַנצויזישן פאַרפיום. און כאָטש זיי האָבן זיך דערקענט ווי שכנים פון דער איסט־סייד, האָט דער כישוף פון טיכל שוין געהאַט אָפּגעטאָן זיינס.

זי, פּיליס, טראָגט ניט קיין טיכל. דאָס דינע פאַפּירל וואָס פאַרנעמט איצט דאָס אָרט פון עם פאַרפומירטן, האַנט־געשטיקטן, טרוים באַצירטן פאַרטשיילעכל, וועט קיין שום לייטישער מאַנספאַרשוין ניט אויפהייבן. יענע ראָמאַנטישע צייט איז שוין לאַנג פאַרביי. ס'קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז די מאָדע פון גטן איז שוין אויך ניט מער קיין נייעס. די אַזוי גערופענע פאָרויס־לויפער, די אייז־ברעכער, האָבן זיך ערגעץ־ווו אויסגעגליטשט און געלאָזט די נאָכלויפער אויף גאָטס באַראָט. דזשערי רובין זיצט אויף וואָל־סטריט. מען זאָגט, אַז די פיסקעוואַטע מויד, מיט די ברילן איבערן האַלבן פּנים, האָט זיך צוזאַמען שרייבן איצט אַ בוך וועגן דער אָפּגעזוכט אַ „קאָכאַנקע" — און ביידע

פעמעניסטישער מיסטיק, וואָס וועט זיי זיכער אַריינברענגען אַ פאַרמעגן.

פיליס קוקט אַרויס דורכן פענצטער און טראַכט פון די אָדלער־פליגל וואָס האָבן זי אויפגעהויבן און געלאָזט הענגען אין חלל. אַ וועלט אָן טירן, אָ שלעסער, אָן אַ צאַם, אָן אַ גרענעץ. איר אויג ווי נוחס טויב, זוכט און געפינט ניט קיין אָפרו אָרט אַ צווייגל ווו דעם פוס אַוועקצושטעלן, אַ מאָראַל נאָך וועלכער זיך צו לענקען. די בלויע ווילדערניש, פוסט און ליידיק — שטימט. אַוודאי קאָן זי אַראָפרוקן דאָס ראָלעטל איבערן פענצטער, קויפן אַ פאָר „איר־פאָנס" און פאַרטויבן די געדאַנקען מיטן לעבן פון די העלדן וואָס לויפן אויפן עקראַן. זי קאָן זיך אויך אויסוויינען, אָפוואַשן דעם יאוש מיט אַ פאָר געזאַלצענע טרערן. אַז אַ כלה מעג וויינען אויף איר חתונה, מעג זי וויינען אויף איר גט.

דער ברייטבייכיקער עראָפלאַן איז געווען האַלב־ליידיק. צוויי יונגעלייט, וועלכע פיליס האָט באַמערקט ביים איינשטייגן, (נאָך אַ פאַראַדאָקס: אפילו איצט, אין דעם געמיט־צושטאַנד, לאָזט זי נאָך אַלץ ניט דורך אַ געוויסן בליק וואָס טרעפט אין פינטל. זי האָט אפילו באַמערקט די לעדערנע אַקטן־טאַשן אין זייערע הענט, די זשאַמעטנע שיך מיט די לאַנגע שפיצן וואָס האָבן אַזוי ווייך געטראָטן איבערן טיפן טעפיך). דער וואָס האָט געשפאַנט אין איין ריי מיט איר, האָט געהאַט לאַנגע האָר און אַ שפיציק בערדל. דאָס פנים פון צווייטן האָט זי ניט געזען. זי האָט ניט געוואַגט זיך אומצוקוקן, טאָמער דערקענט מען אויף איר אַז זי פאָרט זיך גטן.

אין שמאָלן קאָרידאָר אויפן וועג צו די זיצפלעצער, האָט דער באַבערדלטער אָפגעטראָטן אין אַ זייט, זי געלאָזט פאָרויסגיין. ער האָט עפעס געזאָגט צו איר, נאָר זי האָט דאָס געזאָגטע ניט אויפגעכאַפט. אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זי קונציק אַ וואָרף געטאָן מיט אירע וווּיל טרעני־רטע רויטלעך־ברוינע האָר, וואָס האָבן זיך אונטערטעניק אַ וויג געטאָן, זיך צעטיילט אין ביידע זייטן פון פנים, ווי אַ פירהאַנג איבער אַ טעאַטער־שפיל.

איצט האָט זיך דער באַבערדלטער ווידער באַוויזן. ער האָט זיך איבערגעטראָגן מיטן אַקטן טאַש אונטערן אָרעם און מיטן קאָקטעיל־גלאָז אין דער האַנט. זיין בליק וואָס האָט זי פריער אַזוי דורכגייענדיק פאַרטשעפעט, האָט זי איצט אָפגעבריט. אויפן טונקעלן פלאַך פון איר נשמה האָבן גליענדיקע פליגעלעך זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן טאַנץ. די זון וואָס איז פריער געלאָפן פון איין זייט עראָפלאַן צום צווייטן — איז איצט שטיין געבליבן ביי איר פענצטער. די טרערן וואָס זי האָט ביז איצט צוריקגעהאַלטן, האָבן זיך מער ניט געלאָזט האַמעווען. זיי האָבן אַ פלייץ געטאָן פון אונטער אירע לאַנגע וויעס און צעשמירט די מאַסקאַרע איבער איר פנים. די מאַגנעטישע נאָדל, וואָס ציילט יעדן האַרץ־קלאַפ, האָט אַ ציטער געטאָן, אַרויס פון קאָנטראָל: „אָט איז ער! ער, אויף וועמען דו וואַרטסט, אויף וועמען דו האָפסט. זיין אַקטן־טאַש איז פול מיט פאָעזיע, ליבעס־לידער, מוזיק, אפשר גאָר אַ גאַנצע סימפאָניע"...

פיליס שטראָמוואַסער פאַרשטעלט זיך דאָס פנים. פאַרוואָס גראָד איצט? פאַרוואָס ניט נעכטן, מיט אַ יאָר צוריק? פאַרוואָס בין איך אַזאַ שלים־מזל, ווען איך בין אַמווייניקסטן גרייט, שאַפן זיך אַלע געלעגנהייטן. וואָלט איך ניט געווען אַזוי פאַרייאושט, טראַכט זי ווייטער, וואָלט איך אַריין אין וואַשצימער, אויפגעפרישט דאָס פנים, פאַרריכט די האָר, אָפגעצויגן דעם סוועטער — „באַט, זעט, איך בין אַ באַפרייטע! דעם קאָרסעט האָב איך אויפן שייטערהויפן געוואָרפן, איצט פאָר איך זיך גטן."

זינט פיליס האָט פאַרלאָזט איר מאַן און געוואָרן אַ פרייער מענטש, האָט זי אָנגעהויבן לאַכן פון זיך אַליין. להיפוך צום וויינען, וואָס פלעגט איר ברענגען פאַרלייכטערונג, האָט דאָס געלעכטער געשטאָכן ביז אין דער זיבעטער ריפ. ניט געווען ביי איר קיין מיטלוועג. פונקט ווי זי האָט סובלעמירט דאָס פאָזיטיווע, אַזוי האָט זי רעדוצירט דאָס נעגאַטיווע, געזונקען ביז אין שאול־תחתיה אַריין.

די בלאָנדע סטואַרדעס, וואָס דרייט זיך אַהין און צוריק, האָט איבערגענומען דעם



באַבערדלטן און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. פיליס הערט איר געלעכטער. אויך ער לאַכט מיט איר. פיליס איז מקנא די סטואַרדעס, וואָס נעמט דאָס לעבן אַזוי לייכט, ווען ניט וואָלט זי קיין סטואַרדעס ניט געווען. און אפשר אַנטלויפט זי גאָר פון דער ערד, וואָס האָט די אַלע פראָבלעמען באַשאַפן? פיליס שטראָמוואַסער שטרענגט זיך אָן צו הערן וועגן וואָס זיי רעדן, וועגן וואָס זיי לאַכן. נאָר עפעס אין איר וויינט. זי וויינט מיט אויגן טרוקענע. זי וויינט אויף אַלע פאַרביילויפנדיקע מעטעאָרן וואָס שיינען אויף און ווערן צו נישט. אויך ער מיטן אַקטן־טאַש, וואָס ראָמאַנסירט איצט מיט דער בלאָנדער, וועט באַלד פאַרשווינדן. די סטואַרדעס ווייסט עס. זי איז שוין געוווינט צו דינען ווי אַ מין דורכפאָר הויז. ס'קאָן געמאָלט זיין אַז זיי האָבן זיך אָפגערעדט צו טרעפן ערגעץ אין אַ מער אינטימען ווינקל פון דער וועלט. אויף דער בלאָנדער סטואַרדעס דריקט ניט דער האַרבער „לא" וואָס ווייסט ניט פון מחילה. זיצט זי אויף אים, לאָזט אים ניט אָפ. וואָלט זי אים אַזוי ניט מאַניפולירט, וואָלט ער איצט געזעסן דאָ מיט איר. זי ווייסט עס. זי פילט עס.

זיין בליק איז ווי אַ פויגל אַריין אין דער צוגעגרייטער נעסט און אָנגעהויבן זינגען, אַ געזאַנג וואָס איז אין דמיון אַריבער אין אַ דועט: „יאָ, די רייזע איז פיין. דער אויסקוק פאַנטאַסטיש. ניין, זי פאָרט ניט געשעפטלעך. זי פאָרט אויף אַ חתונה. יאָ, מענטשן האָבן נאָך אַלץ חתונה — רעדט זי צו אים אין געדאַנק. זי גיט אָן איר נאָמען ווי לינדאַ לעווין. דער נאָמען לאָזט גלייך וויסן אַז זי איז אַ יידישע. דאָס צווינגט אויך אים זיך צו לעגיטימירן. זי איז שוין בקי אין דעם ענין. זי דערקענט שוין ווער עס איז אַ פאַמיליע־מאַן, און ווער אַ פריילײדיקער. וועט זיך אַרויסווייזן אַז ער איז אַ ייד, ניט געבונדן צו פרוי און קינד, וועט זי אויפדעקן אירע קאָרטן. ביידע וועלן האַרציק לאַכן. וועט ער פלאָנטערן מיט דער צונג, ניט געבן זיין היים־אַדרעס, נאָר דעם טעלעפאָן פון אָפיס, וועט זי אויך אָנגעבן אַ פאַלשן נומער. זי וועט אים געבן דעם אַדרעס פון איר פריינדינע מיט וועלכער זי האָט געטיילט איר וווינונג פאַר אַ שטיקל צייט. אויב ער וועט זיך באַמיען זי אָפצוזוכן, פאַרגינט זי זיי ביידן דאָס גליק.

ביי איר געוועזענער פריינדינע איז סעקס אַ מין נקמה־אַקט. זי איז זיך נוקם אין אירע עלטערן, דערפאַר ווייל זיי האָבן זי באַהאַלטן אונטער שלאָס און ריגל נאָך דעם ווי זי האָט דורכגעמאַכט אַן אַבאָרט צו זעכצן יאָר. טאַקע צוליב אירע ליבעס עקסצעסן איז פיליס אַוועק וווינען אַליין. הגם זיי האָבן געהאַט באַזונדערע שלאָפצימערן, האָט פיליס געקאָנט הערן יעדן שאָרך איבער דער וואַנט. דאָס זענען געווען קאָשמאַרנע נעכט, עראָטיש אָנגעלאָדענע, אָן האָפענונג אויף רו. די מוזיק וואָס האָט באַגלייט זייערע האָלוביעס, האָבן ווי ווילדע בינען געזשומעט אין איר בלוט און איבערגעלאָזט אַ טעם פון ביטערן האָניק.

איצט וווינט פיליס אַליין. אין אָוונט ווען זי קומט פון דער אַרבעט שליסט זי ניט באַלד אויף איר טיר. זי לאָזט אַ ווײלע קלינגען דאָס עלעקטרישע גלעקל, אַ טריק אַזאַ צו געבן דעם מעגלעכן אַריינדרינגער — צייט צו אַנטלויפן. די מורא פאַר פאַרברעכנס האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין איר געדאַנק, אַז זי קוקט אויף יעדן „דעיט" ווי אויף אַ פאָטענציעלן פערווערט, אויב ניט אַ מעגלעכן מערדער.

שוין די ערשטע פאַרטי וואָס פיליס האָט בייגעוווינט אַלס „סינגל" האָט דערהרגעט אירע אילוזיעס. אַ באַקאַנטע פון אַ באַקאַנטן האָט זי פאַרבעטן צו דער פאַרטי. באַלד ביים אַריינקום איז די באַקאַנטע פאַרשוווּנדן. פיליס איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, ניט געוווּסט צו וועמען זיך צו ווענדן. זי האָט גלייך פאַרגעסן אַז זי דאַרף צירקולירן כדי צו מאַכן דעם איינדרוק אַז זי איז איינע פון די דערפאַרענע פאַרטי גייערס. אַזוי האָט די באַקאַנטע זי געלערנט. נאָך עפעס האָט זי איר אָנגעזאָגט: דערצייל ניט קיינעם אַז דו ביסט אַ צעשיידטע. די מענער וואָס קומען צו די פאַרטיס, זוכן ניט קיין ערנסטע פאַרבינדונגען. ווען עס פאַסירט אַמאָל, אַז אַ פאָרל פאַרליבט זיך אויף אַן אמת — איז עס אַן אמתער נס.

פיליס איז געשטאַנען און געגאַפּט. שוואַרצע ליכט באַפּוצט מיט רויטע סטענגעס האָבן געברענט אין אַלע פיר ווינקלען פון זאַל. דער סטעריאָפּאָן האָט געהילכט. פּאָרלעך האָבן געטאַנצט ניט מיט אַנאַנדער, נאָר יעדער פאַר זיך. אַ ווענוס אין „דזשינס" מיט אַנטבלויזטע בריסטן, די וואָרצלען גאָלד געליישט, האָט געטאַנצט קעגנאיבער אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ ספּודניצע.

ערשט פריש פון פעמיניסטישן חדר, האָט פיליס ניט געוווּסט צי זי זאָל עס אָננעמען פאַר אַ סימבאָל פון זעלבסט־אויסדרוק, אָדער אַ בפירושן צוריקטריט צו דעם דזשאָנגל.

מיטליאָריקע מענער מיט מאַרטיניס אין די הענט האָבן געוואַנדערט פון גרופּע צו גרופּע, געזוכט נייע באַקאַנטשאַפט, אָדער בעסער געזאָגט, אַ קרבן וואָס זאָל אים דינען ווי אַן איבערגאַנג פון באַשרענקטן משפחה־לעבן, צוריק צו קאַוואַליר.

פיליס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר. קיינער איז זי נישט געקומען באַגריסן, זיך נאָכפרעגן ווער זי איז, מיט וועמען זי איז געקומען. אַ בחור מיט אַ רויטן פּנים, אָנגעטאָן אין עפּעס וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זאַק אויף די פּלייצעס, האָט איר אָנגעבאָטן אַ גלאָז רויטן וויין. דאָס גלאָז אין זיין האַנט האָט זיך געוואַקלט און פאַרשפּריצט איר ווייס קליידל.

„וואָס איז דאָס? איר האָט אָנאָנסירט דעם רויטן יום־טובֿ?" האָט אַן אַנדערער דרכגייער זיך צעלאַכט.

פיליס האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און איז אַוועק זוכן אַ טואַלעט צו פאַרוואַשן דעם פלעק. זי האָט באַמערקט, אַז געוויסע צימערן זענען געווען פאַרמאַכט. קענטיק פאַרשלאָסן פון אינעווייניק. אויף דער דרויסנדיקער זייט טיר האָט אַ שילדל מיט שרייענדיקע אותיות געוואָרנט: "Occupied".

אַ דאַמע אָנגעטאָן אין אַ מענערשן קאָסטיום האָט זי גענומען פאַרן אָרעם און מיט אַ פריינדלעכן שמייכל זי אַריינבאַגלייט אין וואַשצימער. די דאַמע האָט פאַרריגלט די טיר פון אינעווייניק. זי האָט געהאָלפן אַראָפּציען דאָס קליידל. די אונטערהייזלעך האָט זי מיט געוואַלד פון איר אַראָפּגעריסן: „נישקשה, ביסט שוין אַ גרויס מיידל, קאַליע מאַכן קאָן מען דיך שוין נישט. און שאַטן וועט עס דיר אויך ניט", האָט די דאַמע געהעשעט. וואָס מער פיליס האָט זיך געווערט, אַלץ מער אַגרעסיוו איז די דאַמע געוואָרן. פיליס האָט אויפגעריסן די טיר. אַ האַלב נאַקעטע מיטן קליידל אין די הענט איז זי אַרויס אין קאָרידאָר. „ווער האָט די וויטישע גאַנדז אַהער געבראַכט?" האָט די דאַמע געשריגן. זי האָט איר צוגעוואָרפן די אונטערוועש: „אַרויס פון מיין הויז", האָט זי היסטעריש געקוויטשעט, „און זאָל דיין פוס מיין שוועל מער ניט איבערטרעטן!"

„איין שלעכטע דערפאַרונג מיינט נאָך גאָרניט. אין יעדן בושל געפינט זיך אַ פוילער עפּל", האָט איר באַקאַנטע אַרגומענטירט. „ניו־יאָרק איז אַ ים. יעדער מענטש האָט אַ ברירה צו מאַכן זיין אייגענעם אויסוואַל."

וואָס הייסט אויסוואַל? טראַכט פיליס מיט ביטערניש. מ׳גייט אַריין אין אַ געשעפט, מ׳מאַכט אויף אַ קאַטאַלאָג און מ׳קלייבט זיך אויס אַ לעבן לויטן מאָדעל אויפן פּאַפּיר? אָט למשל איז מיר געפעלן געוואָרן דער יונגערמאַן מיטן אַקטן־טאַש, נו, וועל איך צוגיין צו אים און זאָגן: אַנטשולדיקט, סער, איר געפעלט מיר זייער. איר פּאַסט זיך פונקט אַריין אין דעם חלום־בילד וואָס איך האָב אין אַ לבנה־נאַכט אויסגעהאַפּטן. איך האָב אייך געזוכט אויף אַלע אויסגעטראָטענע און פאַרוואַקסענע וועגן. איך האָב געלעכצט מיין קאָפּ אויף אייער אַקסל אָנצושפּאַרן, צו פילן אייער גלעט, צו הערן אייער שטים. איך האָב פאַנטאַזירט צו זופּן שאַמפּאַניער אין אייער געזעלשאַפט, ערגעץ אונטער צעפעכערטע פאַלמע ביימער. אַרום אונדז טאַנצן ברוין־הויטיקע הולאַ־הולאַ מיידלעך באַקרעצלטע און באַקריינטע. זיי וואַרפן מיט די היפטן ווי די כוואַליעס ביים ברעג ים. און די זון, יאָ, די זון — זעט נאָר ווי זי לויפט פון איין פענצטער צום צווייטן...



פיליס רוקט אַראָפּ דאָס ראָלעטל. זי וויל מער ניט קוקן אויף דעם קאָסמישן מידבר. זי גייט אַריין אין וואַשצימער, שטייט לאַנג פאַרן שפּיגל. זי באַרשט די האָר, שמירט די ליפּן. די לאַסט פון וועלן אָנהאַלטן די יוגנט וועגט אויף איר שווער. זי רעדט זיך איין אַז מיט נאָך אַ ביסל פאַרב אויף די באַקן וועט זי אָפּנאַרן דעם אומרחמנותדיקן זייגער פון דער צייט. נאָך דער גאַנצער „ווימענס ליב" באַוועגונג איז די פרוי נאָך אַלץ פרוי. זי נוצט נאָך אַלץ אַלע אויסגעפּרוּווטע מיטלען. זי קעכלט און פעכלט דעם מאַנס „פּסעוודאָ מאַטשאָ קאָמפּלעקס", ביז ער זאָגט „יאָ!" ווען דער „יאָ" איז שוין אַ באַפעסטיקטער, כאַפּט זי זיך אַז זי איז אַ באַפרייטע. טוט זי אָן די אַגרעסיווע מאַסקע — און בעט אַ גט.

פיליס קוקט אין שפּיגל. זי זעט ניט איר פּנים. זי פּלאָגט נאָך די בילדער וואָס לעבן אין געדאַנק. זי זעט זיך אַליין ווי אַ טייל פון דער שפּיל. אויך זי האָט זיך געבוקט צו דער מאָדע פון דער צייט, געעפנט די אָרעמס פאַר צופעליקע דורכגייער. ווי צוויי שיפן אין דער נאַכט — זיך באַגעגנט און צעגאַנגען, אָן אַ פאָרוואָרף, אָן באַדויער.

* * * * *

די שיידונג צווישן פיליס און איר מאַן איז אויך אַוועק אָן באַדויער. מיט פינף יאָר פריער איז זי אַריין אין זיינע אָרעמס ווי אין אַ פעסטונג — אַרויס אַזוי זי ווי פון אַ תפיסה. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט אַנטוויקלט אַן אַלערגישן ווידערגעפיל צו אים. די אַלערגיע האָט זיך אויסגעדריקט אין קאָפּ־ווייטאָג, נערוועזער מאָגן, אין אַן אויסשיט פון פייערדיקע פרישטשעס אויפן פּנים. זי האָט ניט פאַרטראָגן זיין ריח, זיינע קאַלטע, נאַסע ליפּן, אפילו זיין גאַנג האָט איר אויפגערעגט. ס׳האָט אויסגעזען ווי בלויז איין זייט פון זיין קערפּער אַוואַנסירט, דער צווייטער בלייבט הינטערשטעליק; עפּעס ווי ער וואָלט געשלעפּט אַ וועגעלע, אויב נישט אַ גאַנצן וואָגן אָנגעלאָדן מיט באַנאַליטעטן. אַזוי איינגעגלויבט איז ער געווען אין די אַליין אַרויפגעצוווּנגענע רעגולאַציעס פון לעבן, אַז ער איז געוואָרן אַ קנעכט צו זיינע אייגענע פּרינציפּן.

ווען פיליס האָט זיך אומגעקערט צו איר זיצפּלאַץ, האָט זיך דער עראָפּלאַן שוין געזעצט איבערן לופטפעלד פון דענווער. ביידע יונגעלייט זענען שוין געשטאַנען גרייט מיט די אַקטן־טאַשן אין די הענט, מיטן פּנים געווענדט צום אויסגאַנג. די בלאָנדע סטואַרדעס האָט זיי באַגלייט. ביידע יונגעלייט האָבן זיך פלוצים ווי דערמאָנט אין איר. זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און צוגעוואָרפן פיליסן אַ לופטיקן „גוד־ביי".

„גוט־ביי!" האָט פיליס געשעפּטשעט ווי צו זיך אַליין, ווי צו אַזוי פיל אַנדערע, אַזוי פיל אַנדערע, וואָס זענען געקומען און געגאַנגען. זי האָט דעם ראָלעט מער ניט אויפגעראָלט. זי האָט ניט געוואָלט זען ווער עס וואַרט זי אַפּ דאָרט אונטן אין זייער וועלט. זי האָט אויך ניט געוואָלט זען דעם ליידיקן חלל, נאָך דעם ווי דער עראָפּלאַן האָט זיך צוריק אויפגעהויבן אויפן וועג קיין רענאָ, נעוואַדאַ...

**וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"**
**זיך ווענדן צו:**
**SOL SCHLOSSER**
1108 South Clark Drive    Los Angeles, Calif. 90035

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# דער מיטעלער מיזרח אין היסטאָרישן פּערספּעקטיוו

(אַ קאַפּיטל תנכישע געשיכטע)

דער ראַיאָן אויפן ליכטיקן מיטלענדישן ים, וואָס מיר רופן היינט אָן דער מיטעלער מיזרח, ווו עס געפינט זיך די ייִדישע מדינה מיט אירע אַראַבישע שכנים, האָט שוין געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע, פּאָליטיש־מיליטערישע ראָלע אין דעם ווייטן עבר. עס איז געווען דאָס פּרוכטיק־צעבליטע לאַנד כנען, די שכנותדיקע מדינות פון צור און צידון (פעניקיע) און סוריה אין צפון — אַ מיילצייכן און אַ קרייצוועג אין די קדמון־צייטן, וואָס אַמאָליקע גרויסמאַכטן, מצרים אין דרום, בבל און אַשור פון צפון, האָבן כסדר געזוכט צו פאַרכאַפּן פאַר זייער טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע. מען האָט כסדר געפירט, אויפטרייסלענדיקע מלחמות כדי מיט כוח צו באַהערשן פרעמדע לענדער און פעלקער. האָבן זיך טאַקע אָפּגעשפּילט אויפן באָדן פון כנען גרויסע, מכריעדיקע, היסטאָרישע געשעענישן וואָס האָבן בינו־לבינו באַשטימט דעם גורל נישט בלויז פון די קליינע אונטערגעוואָרפענע מדינות, נייערט אויך פון דער אַמאָליקער וועלט בכלל. מיט רעכט רופן היסטאָריקערס אָן דאָס כסדר אין פּאָליטיש־מיליטערישע קאָנפליקטן אַריינגעוואָרפענע געביט, אַ שפּילבאַל צווישן די פאַרצייטישע גרויסמאַכטן און זייערע הערשערישע אינטערעסן.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען, ווי מיר ווייסן, אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער ביז עס איז געקומען צו אַ נאַטירלעכער אָפּשוואַכונג און צעפאַל פון די גרויסמאַכטיק־אַגרעסיווע כוחות, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ בולטן בלויז אין די באַהערשטע געביטן. דערפון קענען מיר אויך עפּעס אָפּלערנען אויפן היינט, אָבער דאָס איז נישט איצט אונדזער ענין.

אין אונדזער איצטיקער באַטראַכטונג וועלן מיר זיך אָ פּ ש ט ע ל ן אויף אַ קאַפּיטל פון ווייטן ייִדישן עבר, נאָך דער פאַראַרבונג פון די בני ישראל אין לאַנד כנען, וואָס איז געווען לויט דער תנכישער מסורה אַ צוזאָג פון גאָט ברוך הוא צו די אָבות. שטייען מיר איצט אין דער תקופה פון דוד המלך, דעם גרויסן, מאַכטיקן קעניג, וואָס האָט צום ערשטן מאָל פאַראייניקט הצלחהדיק מיט זיין קלוגן, רעאַל־פּאָליטישן חוש און דערצו מיט אַ שטאַרקער האַנט, די צעוואָרפענע און ריוואַליזירנדיקע שבטים צו אַ פאָלקיש־נאַציאָנאַלער גאַנצקייט, און ירושלים ווי אַ רעליגיעז צענטער מיט אַ גוט־איינגעשטעלטן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט פון דער מלוכה. אויף אַזאַ אופן האָט דוד, דער אַחריותדיקער בעל־מלחמה און דערצו דער סובלימער בעל־נפש מיט זיין צעשיינטער שירה, ביי גלייך קאָנסאָלידירט און פאַרשטאַרקט די מדינה, איינגעפירט אָרדענונג אין לעבן פון פאָלק, און געמערט שלום און רו פאַרן לאַנד. מיט זיינע זעלטענע מעלות און גרויס־פאַרנעמיקע אויפטוען, האָט זיך טאַקע דער קעניג דוד שטאַרק קונה־שם געווען אין דער ייִדישער געשיכטע, און פאַרבליבן אויף עולמות נישט בלויז דער יחיד־במינודיקער, נאַציאָנאַלער מנהיג פון פאָלק, נייערט די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אים באַקרוינט מיט אַ גלאָריע פון מלכותדיקער נצחיות. זיין שפּראָץ, אַ בן־דוד, וועט זיין דער גואל פון ייִדישן פאָלק ביים סוף פון די טעג, און ביי גלייך אויך ברענגען אַ גאולה פאַר דער וועלט בכלל.

פון דעסטוועגן האָבן דעם צייטלעכן, ערדישן קעניג דוד נישט געפעלט קיין קאָנפליקטן און מלחמות מיט זיינע קריגערישע שכנים, וואָס האָבן מיט קינאה־שינאה געפילן געקוקט אויף דעם מזל־ברכהדיקן אויפגיי פון דער מדינה, און געזוכט זיך מיט איר צו פאַרטשעפּען. אַזאַ מצב איז אויך אויפגעקומען אין יענע



טעג מיט די שכנותדיקע בני־עמון, וואָס זענען אויך אין די פריערדיקע דורות באַפאַלן די געביטן פון די נאָענטע שכנים, ביז זיי האָבן געליטן אַ מפּלה און געוואָרן פאַרטריבן פון די גרענעצן פון לאַנד.

קומען מיר איצט צו דער עצם געשעעניש וואָס דער תנכישער נאַראַטאָר דערציילט אונדז אין די היסטאָרישע קאַפּיטלעך פון שמואל ב׳, מיט זיין פּינקטלעך באַוואָרנטן וואָרט און צימצומדיקן סטיל, מיט אַ שלל פון קאָלירפולע שילדערונגען וועגן די גבורות און מעשים פון דוד המלך.

אין קאַפּיטל י׳ הערן מיר פון אַן אומגעריכטער מלחמה מיט עמון, וואָס האָט אויף אַ ברוטאַלן אופן פּראָוואָצירט דודס גוטסקייט. ווי אַזוי אָפט אין דער געשיכטע פון פעלקער, הייבן זיך אָן מלחמות מיט טראַגישע קאָנסעקווענצן נישט בלויז צוליב תאוות פון מאַכט און עקספּאַנסיע, נייערט אויך מחמת אַן אַבסורדאַלן פּרעסטיזש, גאווה און קריגערייען, אָפט אַ לעכערלעכער צופאַל וואָס צעפלאַקערט זיך אי אַ העליש פייער מיט שווערע קרבנות פון מענטש און זיין ביסל האָב און גוטס. אַזוי איז שוין דער דרך העולם.

אין אַן ענלעכן פּאָליטישן מצב האָט זיך אויך דוד המלך דעמאָלט געפונען, ווי עס דערציילט אונדז דאָס קאַפּיטל י׳ און ווייטער. דער גוט־אויפגעלייגטער און ברייטהאַרציקער קעניג פון ישראל איז אויסן געווען צו מאַכן אַ בכבודיקן און פריינדלעכן זשעסט דעם קעניג פון עמון, וואָס האָט אים דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט אַ שווערן בזיון און ביטערן חוזק. אויף אַזאַ אופן איז עס געקומען צו אַ מלחמה, און צום סוף האָט פּאַסירט די אויסטערלישע מעשה מיט בת־שבען און איר אויפן שלאַכטפעלד דערהרגעטן מאַן אוריה החתי, וואָס האָט אויפגערודערט די עליטאַר־גייסטיקע קרייזן פון פאָלק, און דעם גבורהדיק־צעשיינטן קעניג פאַרשאַפט גרויס צער און אומפאַרגעסלעכע קאָנסעקווענצן, וואָס האָבן אַ לאַנגע צייט געשאָטנס אויף זיין ליכטיק־מענטשלעך פּנים און באַפלעקט דאָס אָנזען פון דעם געאַכפּערטן, גרויסן מנהיג פון פאָלק. אָבער די מעשה קער זיך שוין נישט אָן מיט אונדזער איצטיקער טעמע. אגב דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָבן מיר באַריכותדיק באַהאַנדלט אין אונדזער לעצטן בוך „פון ווייטן אַמאָל ביז היינט“, ז׳ 47 און ווייטער. לאָמיר דערפאַר אַריבערגיין צו דער עיקר המעשה פון יענער היסטאָרישער געשעעניש. די מלחמה מיט עמון (קאַפּיטל י׳) איר אייגנטלעכע סיבה און ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דודס צייט.

אין דעם אַריינפיר זאָגט אונדז דער פּסוק, אַז נאָך דעם ווי עס איז געשטאָרבן נחש, דער מלך פון עמון, און זיין יורש חנון איז אַרויף אויף דעם קעניגלעכן טראָן, האָט דוד אין זיין לייטזעליקייט באַשלאָסן אויף זיין קעניגלעכן שטייגער, טאָן אַ חסד מיט דעם יונגן קעניג און אים לאָזן מנחם אָבל זיין. דוד האָט נישט פאַרגעסן די אַמאָליקע טובה וואָס נחש, דער פאַרשטאָרבענער קעניג, האָט אים געטאָן, בעת אַ גערודפטער פון טראַגישן שאול המלך, האָט ער געפונען שוץ און ביישטאַנד אין הויף פון עמונס קעניג. האָט ער איצט געשיקט אַ דעלעגאַציע פון הויפלייט קיין עמון, וואָס זאָל דעם נייעם מושל אויסדריקן זיין פּערזענלעך מיטגעפיל און אים איבערגעבן זיינע גוטע ברכות. אַזוי האָט זיך דאָס שוין פון תמיד געפירט, און אַזוי האָט אויך פאַרלאַנגט דער גוט־שכנישער עטיקעט פון מלכים און שרים אַמאָל און אויך היינט. אַגב, ווי מיר הערן אין ספר מלכים א׳, קאַפּיטל ה׳, ט״ו, האָט אויך חירם דער מלך פון צור (פעניקיע) געשיקט מיט זיינע הויפלייט אַ וואַרעמע באַגריסונג צו שלמה המלך, ווען ער האָט געהערט, אַז שלמה איז געוואָרן געזאַלבט פאַר אַ קעניג נאָכן טויט פון זיין פאָטער דוד, וועמען חירם, ווי דער פּסוק באַטאָנט, האָט אַלע טעג שטאַרק ליב געהאַט.

האָט זיך אָבער די שלום־מיסיע פון דוד המלך אַנדערש אויסגעלאָזט. אָנשטאָט אַ פריינדלעכן קבלת־פּנים אין עמון, האָט מען די הויכגעשטעלטע געסט אויפגענומען מיט מיאוסע אינטריגעס, מיט חשד און בייזוויליקע ליגנס. די כיטרע און היפּאָקריטישע הויפלייט אין עמון, האָבן

מיט צביעותדיקע שטיקלעך גענומען איינרעדן דעם נייעם קעניג, אַז דוד איז אין דער אמתן נישט אויסן קיין פריינדשאַפט און כבוד. אַדרבא, ער וויל זיי אַלעמען אָפנאַרן. זיינע לייט זענען געקומען אויסשפירן דאָס לאַנד פאַר מיליטערישע צוועקן. האָט דער דאָזיקער מיאוסער בילבול פון די אינטריגאַנטן געהאַט די געהעריקע פעולה. נישט לאַנג געטראַכט, לאָזט דער קעניג חנון אָפגאָלן ביי דודס הויפלייט אַ האַלבע באָרד און אָפגעשניטן אַ העלפט פון זייערע קליידער, און שיקט זיי אין אַזאַ מעמד צוריק צו דודן קיין ירושלים.

פאַרשטייט זיך, אַז די חרפה און דער בזיון זענען געווען גרויס ביז גאָר. לאָמיר אויך פאַרנאָטירן, אַז די באָרד פון אַ מאַן, בפרט פון חשובע לייט, איז שוין פון תמיד געווען אַ סימן פון אָנגעזעענקייט און ווערדע, וואָס מען האָט געטראָגן מיט שטאָלץ און גדלות. אין די האָר פון אַ מענטש, האָט מען געגלייבט, ליגט אַ מין באַהאַלטענער, מאַגישער כוח וואָס מען מוז שאַנעווען און אָפהיטן. ווי דאָס זאָל נישט זיין, די פאַרשעמטע מענטשן האָבן ממש נישט געקענט אויפהייבן דעם קאָפ פאַר בושה און שפיכת דמים. אַזאַ מעשה־רע האָט מען נישט געקענט מוחל זיין. וועגן אַזאַ פאַל דערציילט אגב אויך דער אַלט־גריכישער היסטאָריקער הערא־דאָט.

און דוד האָט געהערט פון אָט דער שענדלעכער פראָוואָקאַציע, איז ער אַרויס פון די כלים, און אַ צעקאָכטער האָט ער געהייסן די פאַרשעמטע הויפלייט דערוויל צו בלייבן אין יריחו, ביז די בערד וועלן אָפוואַקסן, כדי זיך קענען דערנאָך באַווייזן פאַר מענטשן און צוריק קומען קיין ירושלים. עס פאַרשטייט זיך, אַז דוד המלך האָט אַזאַ שאַנד נישט געקענט פאַרשווייגן, און אַזוי אַרום איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט עמון. דער כבוד פון פאָלק האָט פאַרלאַנגט סאַטיספאַקציע און נקמה.

דערציילט אונדז דער פסוק (י׳, ו׳): אַז וויבאַלד די בני־עמון האָבן איינגעזען דודס שאַרפע רעאַקציע, האָבן זיי געוווסט מיט וואָס דאָס שמעקט. דער חשבון איז געווען קלאָר. דוד מיט זיין העלדישן חיל אויף דער איינער זייט, און זיי, די עמונים, מיט שוואַכע כוחות וואָס סטייען נישט צום פאַרמעסט, אויף דער אַנדער זייט. האָבן זיי אויף דער הייסער מינוט געמאַכט יד־אַחת מיט אַ צאָל קריגערישע שכנים, וואָס האָבן אַפנים קיין מאָל נישט געפעלט. מען האָט געדונגען און איינגעשפאַנט אין דעם מלחמה־וואָגן די חיילות פון ארם־צובא און רחוב אין די צפון־געמאַרקן, און דערצו אַ מחנה קריגערס פון קלענערע מדינות פון איש־טוב און מעכה, וואָס זאָלן העלפן אין דער נויט. פאַר אַ גוטער מטבע זענען תמיד פאַראַן געווען בעלנים צו גיין מלחמה האַלטן.

אַז דוד האָט געהערט פון דעם צונויפגעזאַמלטן מלחמה־געזעמל מיט די בני־עמון בראש, האָט ער נישט לאַנג געוואַרט, נייערט תיכף אַרויסגעשיקט זיינע מיליטערישע כוחות, מיט זיין געטרייען און באַהאַרצטן הויפט־קאָמאַנדיר יואב בן צרויה, גרייט צו אַטאַקירן דעם שונא, אויפן שלאַכטפעלד, ביי דעם טויער פון דער פעסטונג עמון, האָט יואָב, דער באַדאַכטער און געניטער סטראַטעג געזען, אַז עס שטייט פאַר אים אַ מלחמה פון צוויי זייטן, פון פאָרנט און פון הינטן. האָט ער דעריבער גענומען סטראַטעגיש אויססדרן זיינע כוחות און זיי איינגעטיילט אין צוויי חלקים. ער אַליין מיט די בעסטע, אויסגעקליבענע מענער פון דער אַרמיי, האָט זיך געשטעלט אין פראָנט פון דער מלחמה אַנטקעגן דעם חיל פון אַרם. די איבעריקע מיליטערישע איינהייטן האָט ער איבערגעגעבן זיין ברודער אבישי.

אין דער אויסגעשטעלטער מערכה האָט יואָב מיט גרויס גבורה און בטחון צוגערופן אבישין זיין היסטאָריש באַרימטן פאַראָל: „לאָמיר זיך שטאַרקן און זיין געשטאַרקט אין קאַמף פאַר אונדזער פאָלק און זיין לאַנד, און דער גאָט פון ישראל וועט אונדז ביישטיין!“ דער סיגנאַל צום קאַמף איז געגעבן געוואָרן, און דעם ערשטן, שווערן קלאַפ האָבן באַקומען די אַראַמער. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיי דער אומגעריכט דערלאַנגטער זעץ שטאַרק פאַרטומלט, און אין אַ בהלה זענען אַלע



צוזאַמען אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד. ווען די עמונים האָבן געזען די מפלה, האָבן זיי זיך וואָס גיכער צוריקגעצויגן פון שלאַכטפעלד און אַריין אין שטאָט הינטער די גוט־באַפעסטיקטע און באַשיצטע מויערן. זיי האָבן זיך געוואָלט היטן זייער הויט פון אַ ווייטערדיקן מיאוסן קלאַפ.

מיט אָט דעם טריומפאַלן „בליצקריג“, אַ שטייגער ווי אין אונדזער צייט פון ישראל קעגן עגיפטן און די אַרומיקע, אַגרעסיווע אַראַבישע מדינות, האָט זיך גאָר גיך יואָבס ערשטע מלחמה־קאַמפאַניע קעגן עמון דערווייל געענדיקט. צו באַלאַגערן די פעסטונג פון עמון, מיט די געהעריקע באַלעגער־מכשירים און מויער־ברעכערס, איז ער אַפנים נישט געווען צוגעגרייט. מיט זיין דערווייליקן נצחון האָט ער געוואָלט פאַרמיידן ווייטערדיקע, אומנייטיקע קרבנות. עס זענען אפשר אויך געווען אַנדערע סטראַטעגישע מניעות. אין דער אַלטער צייט האָט מען פאַרמיטן צו פירן אָפענע פעלד־קאַמפן אין האַרבסט מיט די אָנקומענדיקע רעגנס, און קאַלטע, נאַסע וועטערן. איז יואָב דעריבער מיט זיין חיל צוריק אַוועק קיין ירושלים.

אָבער דערמיט האָט זיך פאָרט די מלחמה דעפיניטיוו נישט געהאַט פאַרענדיקט. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, און פון פסוק אין תנ״ך איז דאָס נישט קלאָר, צי דאָס איז פאָרגעקומען אין זעלביקן יאָר, צי אַ יאָר שפעטער. דערציילט אונדז דער פינקטלעכער היסטאָריקער, אַז בשעת ארם איז געוואָרן געשלאָגן פון יואָבס חיילות, האָט הדדעזר, דער מאַכטיקער קעניג פון אַרם, וואָס האָט געהערשט איבער די ווייטע געביטן פון דרום סיריע און די שכנותדיקע געמאַרקן ביז צו דעם טייך פרת (פראָס) אין צפון־מיזרח פון מעסאָפאָטאַמיע, דעם היינטיקן איראַק, אַז ער איז כסדר געווען פאַרוויקלט אין אַ מלחמה מיטן מלך ת ו ע י פון חמת (חאַמאָס). אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט הדדעזר גענומען פאַרזאַמלען זיינע מיליטערישע כוחות און זיי אַרויסגעשיקט אונטער זיין בריהדיקן פעלד־האַר שובך (שאָוואַך) צו אַ מלחמה קעגן ישראל.

אַז דוד האָט דאָס געהערט, איז ער אַרויס בראש פון זיין חיל, און ביי חילם (חעלאַם) איז צפון פון עבר־הירדן, אָפגעהאַלטן אַ מכריעדיקן נצחון איבער דעם אַגרעסיוון שונא. הערן מיר פונעם בעל־תנ״ך, אַז אַ גרויסע צאָל קריגערס אויף ריטוועגנס צוזאַמען מיט שובכן זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד, און די פאַרבליבענע זענען אַנטלאָפן ווו איינער האָט געקענט. נאָך אָט דער שווערער מפלה איז געקומען צו אַ שלום מיט ארם, וואָס איז געוואָרן אונטערטעניק צו דודן. דער סוף איז געווען, אַז פון דעמאָלט אָן האָט שוין ארם מורא געהאַט ווידער אַ מאָל צו העלפן די בני־עמון אין זייער מלחמה קעגן דודן און ישראל.

לאָמיר דאָ נאָך פאַרנאָטירן, אַז אין פריערדיקן קאַפיטל פון שמואל ב׳ (ח׳, ט׳־י׳), וואָס קער זיך אָן כראָנאָלאָגיש מיטן איצטיקן, דערציילט אונדז דער פסוק הרחבהדיק, אַז ווען תועי, דער מלך פון חמת אין געביט פון צובא, האָט געהערט פון דודס גלענצענדיקן נצחון איבער הדדעזרן, האָט ער, תועי, געשיקט זיין זון יורם צו דוד המלך, אים צו סאַלוטירן און דורש־שלום זיין. ווי אַ סימן פון דאַנק און פריינדשאַפט האָט ער מיטן זון מיטגעשיקט, ווי עס האָט זיך געפירט ביי אָנגעזעענע מלכים, אַ שיינע מתנה פון טייערע זילבערנע און קופערנע כלים. אָבער ווי דער פסוק לאָזט אונדז הערן מיט אַ פרום־געהויבענער צופרידנקייט, האָט דאָס אַלץ דער גאָטפאָרכטיקער דוד נישט צוגענומען פאַר זיך, נייערט מקדיש געווען דעם פאָלקס־אוצר פון גאָטס הייליקייט.

אויף אַזאַ אופן האָט דוד פאַרענדיקט זיין קאַמף מיט ארם, אָבער לעת־עתה איז נאָך נישט געקומען קיין סוף צו דער מלחמה מיט עמון. פון דער ווייטערדיקער און לעצטגילטיקער מלחמה־קאַמפאַניע, וואָס יואָב האָט אויפגענומען קעגן בני־עמון אַ יאָר שפעטער, אין פרילינג „ווען די מלכים גייען אַרויס צו מלחמות“. דעמאָלט האָט יואָב מיט זיינע העלדיש־מיליטערישע כוחות געגעבן אַ טויט־קלאַפ די עמונים,

מאיר חרץ / ירושלים

## כ׳וועל אַזוי שוין דיכטן...

כ׳וועל אַזוי שוין דיכטן אָן אַ סוף,
ביז דער סוף פון אָן־אַ־סוף וועט קומען
און קיין חילוק צווישן טויט און שלאָף
וועט נישט פילן מיין פאַרשטייפטער גומען.

סוף כל סוף האָב איך דאָך פריער געוווסט
אויסנווייניק אַלע קלוגע זאַכן —
אַז אויף יענער זייט פן באַרג איז נאָענט־באַנט
דאָס וואָס נאָענט איז אויף גלייכע שליאַכן.

סוף כל סוף האָב איך דאָך פריער געדאַרפט
הערן, וואָס דאָס מידע האַרץ זאָגט אונטער,
אַז די שיין, וואָס שיינט צו זיין נאָך שאַרף,
שיינט (און צאַנקט), ווי ווען די זון גייט אונטער.

ווייס איך עס און דיכטע אָן אַ סוף
און איך וועל נישט אויפהערן צו דיכטן,
ביז עס וועלן קומען טויט צי שלאָף
מיטן לעצטן ליד דעם אומגעריכטן.

ירושלים מערץ 1979

---

באַצוואונגען די שטאָט און נקמה גענומען אין מלך און זיין פאָלק. דערפון הערן מיר באריכות אין די קאַפּיטלעך שמואל ב׳ י״א־י״ב, כולל די מעשה פון בת־שבע און איר מאַן אוריה החתי, וואָס איז אויף דודס זינדיקן באַפעל געוואָרן דערהרגעט אין שטורעם אויף דער פעסטונג פון דער שטאָט. אָבער ווי שוין דערמאָנט, קער זיך דאָס נישט אָן מיט דער עצם טעמע פון אונדזער איצטיקער היסטאָרישער באַטראַכטונג.

אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק האָבן נישט געפעלט קיין פלאָנטערנישן און פאַרקלעמענישן, קריטישע צייטן און גורלדיקע געשעענישן, גילגולים און טראַנספאָרמאַציעס, וואָס מען האָט גובר געווען מיט גערעַנגל, אָפט מיט גבורה־דיקע מלחמות. עס איז געווען אַמאָל ווי היינט דער אימאַנענטער כוח פון יידיש־לעך־אייגנדיקער גלייביקייט און אַ זעל־טענעם בטחון אין גערעכטיקייט, וואָס האָט יידן ווי אַ פאָלקס־גאַנצקייט קיין מאָל נישט אָפּגעלאָזט. לאָמיר, על כן, דערפון אָפּלערנען דעם היסטאָרישן מוסר־השכל פאַרן היינט, נישט זיין געפאַלן ביי זיך, נייערט קעמפן און ווייטער אָפּהיטן דעם קיום פון פאָלק מיט זיינע עטיש־סאָציאַלע און קולטור־רעליגיעזע ווערטי־קייטן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ באַשטאַנד און האַפט פאַר דורות וואָס וועלן קומען נאָך אונדז.

לאָנדאָן, מנחם אב, תשמ״א.



## שטעל די פאַרבן אויס

שטעל די פאַרבן אויס אין פלאַמען,
שטעל די זאַכן אויס אין זאַצן,
שטעל די ראַנדן אויס אין גראַמען
ווי אין לידער פון חרצ׳ן.

טו אַריין דאָס אַלץ צוזאַמען
אין אַ דרוק־טאָפּ אַ מאָדערנעם,
שטעל די זאַצן, זאַכן, גראַמען
אויף אַ פּייערפלאַם פון דערנער.

נישט קיין דערנער, ס׳איז דאָך הערנער
פון אַ לעבעדיקער סטאַדע;
קומט אַהער צום פייער ווער נאָר
שטאָף באַדאַרף אויף אַ באַלאַדע.

אויף אַ טרויעריקס מיט פּחדים
פון אַ שעפעלע און ווייטער
ציט דעם לאַנגן רויטן פאָדעם
ביז צום טאָפּ וואָס אויפן שייטער.

ירושלים אַפּריל 1979

## לאָמיר זיך נישט נאַרן

לאָמיר זיך נישט נאַרן
און אַז יאָ איז וואָס?
ווען מען קאָן עס אַרן,
וואָס ס׳איז שוין נישט דאָס,
וואָס די ביימער דאַרן
און סע וועלקט דאָס גראָז,

לאָמיר זיך נישט נאַרן,
ווען מען נאַרט אונדז ניט.
אַלטע קנעכט און האַרן
פאָרן פון יאַריד.
לאָמיר זיך נישט שפּאַרן,
לאָמיר זיין געהיט.

לאָמיר זיך נישט נאַרן
שטיל און אָן גערויש.
אַלטע ביינער דאַרן
אינעם בלאָען פלייש;
אַלטע עפּל, באַרן
פוילן אין די קייש.

---

לילי בערגער /פּאַריז

## אַ מעשה מיט אַ דירה און אַ „קאַוואָ״*)

די מעשה האָט שוין אַ באָרד, נאָר איר מעגט זי אויסהערן, זי איז נאָך אַלץ פריש, אַקטועל, איך שטעק נאָך אין איר איבער די אויערן, הגם ס׳איז שוין אַריבער מער ווי 10 יאָר ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. ס׳איז אַ מעשה אָן אַ סוף, ציט זיך ווי אַ פאַרשלעפּטע קרענק. וואָלט איך געווען אַ שרייבער ווי איר, וואָלט איך די זאַך באַשריבן; זאָלן מענטשן וויסן וואָס ס׳קאָן אַלץ אין לעבן פּאַסירן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ דירה, ריכטיקער, מיט דעם וואָס כ׳האָב נישט געהאַט און האָב ווייטער נישט קיין לייטי־שע דירה; מיין ווייב זאָגט אפילו, אַז מיר זענען נאָך אַלץ היימלאָזע. וועט איר פרעגן, ווי קומט עס וואָס אַ מענטש אַ באַווייבטער און מיט דערוואַקסענע קינדער האָט היינטיקע צייטן ניט קיין דירה? דאַרף איך אייך פריער דערציילן, אַז איך בין אַ „רעפּיוזשע״ (פּליט) פון פּוילן, פון די צייטן ווען גאָמולקאַ ימח שמו מיט זיינע צוהעלפערס האָבן געמאַכט פון ביסל פּוילישע יידן אַ פינפטע קאָלאָנע, וואָס גראָבט אונטער דאָס פּוילישע פאָטער־לאַנד. וועט איר מסתמא ווייטער פרעגן, ווי מ׳האָט שוין אַ סך מאָל געפרעגט, ווי ס׳קומט וואָס איך בין דעמאָלט מיט מיין משפחה נישט געפאָרן קיין ישראל, ווו עולים באַקומען דירות, און גאָר אַריינ־געטראָפן קיין פּאַריז? איז מאָלט אייך

*) „קאַוואָ״: קבר, קרקע.

אויס, אַז די זעלבע שאלה האָב איך נישט איין מאָל געשטעלט מיין ווייב. האָט זי אָבער אין פאַריז אַ ברודער און איך אַ שוועסטער און זיי ביידע האָבן צוזאַמען קיין עין הרע אַ היבש רומל מיט קינדער, מיט אייניקלעך, מיט איין וואָרט אַ שפּאָר ביסל משפחה.

וואָס ס'איז שייך מיין ווייבס משפחה, וואָלט צו לאַנג געווען צו דערציילן. די דייטשע מחבלים האָבן אין פּוילן די גאַנצע משפחה אויסגעמאָרדעט, מיין ווייבס ערשטן מאַן מיט אירע צוויי יונגע קינדער אויך, מיין ערשטע פרוי מיט אַ קינד — נישט געבליבן קיינער. איך און מיין ווייב האָבן ווי צוויי על פּי נס אָפּגעראַטעוועטע בלאָנקנדיקע פייגל נאָך אַ שטורעם פאַרלייגט אַ נייע נעסט ערשט ווייט נאָך דער מלחמה. מ'איז אָבער ווייטער פאַרבליבן עלנט אַליין, ווי אָפּגעפליקטע צווייגן פון אַ בוים, כאָטש מיר האָבן שוין נישט אין יונגן עלטער געבראַכט אויף דער וועלט צוויי קינדער. איז דען אַ וווּנדער וואָס מיין ווייב האָט פון שטענדיק אָן געצויגן צו משפּחה? בפרט די קינדער ווייסן נישט וואָס דאָס איז אַ פעטער, אַ מומע, אַ קוזין. איז אַז ס'איז געוואָרן אין פּוילן די בהלה, מ'האָט געדאַרפט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן, האָבן דאָס זונעלע און דאָס טעכטערל צוזאַמען מיט דער מאַמען געהאַלטן אין איין בעטן זיך ביי מיר: קיין פאַריז, קיין פאַריז, נאָר דאָרט, ווו ס'איז דאָ משפּחה.

האָבן מיר נאָך גרויסע מאַטערנישן סוף זומער 1968 פאַראַנקערט אונדזער שיפל אין פאַריז. אַ שיינע שטאָט פאַריז, וואָס? ס'איז דאָ וואָס צו זען. גלייבט מיר, אַז שיינע עטלעכע יאָר האָב איך פאַריז פאַר די אויגן נישט געזען. אויסגעמאָסטן די יידישע קוואַרטאַלן און די געגנט פון דער פּרעפעקטור האָב איך יאָ, אַזוי פיל מאָל, אַז כ'האָב באַקומען געשוואָלענע פיס און אויף דער געשווילעכץ בלאָזן. נאָר ס'איז מיר נישט געלעגן אין זינען אַ קוק צו טאָן אויפן שיינעם פאַריז, ווייל ווי האָבן מיר געקאָנט אין זינען ליגן אַזעלכע זאַכן, אַז מיין ווייב איז קראַנק געוואָרן, מ'האָט מיך געשיקט אויפן פינפטן שטאָק פון דער פּרעפעקטור און געמוזט אָנקומען צו אַ מאַכער וועגן וווין־רעכט; קיין דאַך איבערן קאָפּ האָט מען נישט געהאַט, קיין שטאָך פרנסה נישט און קיין לשון אין מויל אויך נישט.

מיינט נישט אַז איך בין מיט ווייב און קינדער געווען אויפן גאַס. חס וחלילה. מיין שוועסטער די אַלמנה האָט אונדז אַריינגענומען צו זיך, איין צימער אונדז אָפּגעגעבן, דאָס צווייטע געלאָזט פאַר זיך. ס'האָט געהייסן אויפן פראַנצויזישן לשון, אַז מיר האָבן אַ „פּיעט־א־טער", אויף פּויליש הייסט עס, מען וווינט „קאָנטעם", דאָס מיינט, מען לעבט ביי יענעם אין אַ ווינקל. נאָר וואָס פאַר אַ טעם ס'האָט אַזאַ לעבן ווינטש איך קיינעמען נישט צו פאַרזוכן. מיין ווייבס ברודער האָט אפילו אַ גרויסן אַפּאַרטמענט, האָט ער אָבער אַ ווייב, וואָס האָט „נערוון", האָט זי געטענהט צום מאַן, אַזאַ אַזאַ כאַליאַסטרע איז ניט פאַר אירע נערוון, און אַז זי זאָגט ניין איז ניין; זי גייט אין די הויזן און נישט מיין ווייבס ברודער. זענען מיר פאַרבליבן אין דער ענגשאַפט. דאָס ביסל גרעסערע באַגאַזש באַשטאַט ביי דער שוועסטערס באַקאַנטע אין אַ קעלער און [illegible]ע פאַר וואָכן געגאַנגען עפּעס אַרויסציען פון די קעסטלעך.

וועט איר אפשר זאָגן, אַז מ'האָט דאָך געקאָנט באַלד פון אָנהייב דינגען אַ דירה. איז אַ סימן אַז איר ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט איז פאַריז דינגען אַ דירה. צו דעם דאַרף מען שווערע מיליאָנען, כ'מיין אַלטע פראַנקן. כ'האָב זיך לעבן מיין שוועסטער צוגעוווינט צו רעכענען אויף אַלטע פראַנקן. מאָלט אייך אויס, אַז כ'האָב געהאַט אַ מעקלער און דריי מעקלערקעס; וואָס פאַר אַ ווילדע און גראָבע נפשות זיי זענען איז נישט צו באַשרייבן. איר ווייסט אפשר נישט, אַז אין פאַריז זענען פאַראַן גאַנצע באַנדעס אַזעלכע נפשות, וואָס שטעלן צו דירות אויף אָפּטרעט־געלט. האָבן זיי אונדז געוויזן אַזעלכע קאַליקע דירות, פינצטערע לעכער, אַז זוען מ'וואָלט מיר פריער דערציילט דאָס אין פאַריז לעבן מענטשן אין אַזעלכע לעבעדיקע קברים וואָלט איך

(המשך ויף זייט 30)




לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאַנד

איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל־פאָנד אַניואיטי־הכנסה און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עם דורך פּאָסט פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

סענפאָרד הוירש, קאַונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — —

Norman Backner, *Director*

**JEWISH NATIONAL FUND**

WESTERN REGION, JEWISH NATIONAL FUND

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

***Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.***

Name..................................................

**Address**..................................................

**City**.............................**Zip Code**....................

(לילי בערגער — המשך פון זייט 28)

בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן. צוריקגעשמועסט, כ'האָב דען געהאַט צייט אַרומצולויפן זוכן אַ דירה, אַז כ'האָב געדאַרפט קנעלן דאָס פראַנצויזישע לשון איך זאָל קענען אַרבעטן ביי מיין פאַך?

יאָ, כ'האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן, אַז כ'בין אַ בוכהאַלטער; איז גייט מאַכט בוכהאַלטעריע, אַז איר זענט אַ שטומע צונג און קענט נישט אויפשרייבן עטלעכע ווערטער אין דער פרעמדער שפּראַך. און אַז מען קנעלט דאָס פרעמדע לשון קאָן מען זיך דען באַגיין אָן פּרנסה ווען מ'האָט אַ ווייב מיט קינדער? האָט מען מיך דערוויל אַריינגעשטופּט, ס'הייסט מיט פּראָטעקציע, ווייל אָן פּראָטעקציע זענט איר אַ פאַרפאַלענער מענטש. הכלל, מ'האָט מיך אַריינגעשטופּט צו אַ יידן אין אַ שניידער־וואַרשטאַטל צו שלייפן אויף אַ מאַשין לעכלעך און פּרעסן הויזן, ווייל מיט איין פּראָפעסיע אַזאַ וואָלט איך נישט געהאַט קיין פולן טאָג אַרבעט. כ'האָב אַזוי געקאָנט שלייפן לעכלעך און פּרעסן הויזן, ווי איר אַ שטייגער קענט זיין אַ פּילאָט אין אַן עראָפּלאַן. ס'איז מיר אָנגעקומען מיט גרינע ווערים צו כאַפּן דעם טיק, זיך איינצואַרבעטן, אויפצופּאַסן ניט צו פאַרברענען אַ פּאָר הויזן. דער מוח האָט מיר שיער נישט געפּלאַצט פון אָנשטרענגעניש, פון איילעניש, יאָגעניש. כ'האָב געמוזט אויסאַרבעטן כאָטש אַ מינימום נאָרמע. נאָר וואָס טוט מען נישט פאַר פּרנסה, בפרט ווען מ'איז אין דער פרעמד? ווי האָט מיין מאַמע עליה השלום געזאָגט? פּרנסה איז מלחמה, פלעגט זי איבערחזרן.

הקיצור, ס'איז געווען אַ ביטער שטיקל צייט. ווי גיך כ'האָב זיך אַביסל איינגעביסן אין דעם פראַנצויזיש האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין בוכהאַלטעריע. מ'האָט ווידער געדאַרפט מיך אַריינשטופּן דאָ, דאָרט, נישט אויף איין אַרבעטספּלאַץ. אין איבער אַ צענדליק; דאָ אין אַ יידיש קרעמל, דאָרט אין אַ יידישן וואַרשטאַטל צו מאַכן אַביסל בוכהאַלטעריע; דאָ אַ דזשאַב, דאָרט אַ דזשאַב. איך לויף פון איין אָרט אין אַנדערן; אַרבעט אין שטוב ביז שפּעט אין אָוונט; שבת זונטיק, אַבי ס'זאָל זיין פּרנסה. מיינע קינדער האָבן דערוויל אָנגעהויבן רעדן פראַנצויזיש. צו 10־12 יאָר כאַפּט מען גיכער אַ פרעמד לשון ווי אין מיין עלטער.

ס'וואָלט שוין אַלץ געווען גוט, פּאַריז וואָלט שוין אין מיינע אויגן געהאַט אַן אַנדער פּנים, ווען מ'וואָלט געווען אין אַן אייגענער דירה. די ענגשאַפט איז אונדז דערעסן געוואָרן און מיר זענען מסתמא מיין שוועסטער אויך דערעסן געוואָרן.

האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיין ווייב: ווייסט וואָס, איטעלע: מ'וועט אויפהערן איבערצוקלייבן; מ'וועט דערוויל נעמען די ערשטע דירה וואָס וועט אונטערקומען, אַבי אַרויס פון דער ענגשאַפט, אַבי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן אין אַן אייגן ווינקל. און אַז דער בעל דבר זעט אַז איר גייט אויף אַ גליטשיקן וועג, הייסט ער אייך גיין וואָס גיכער, איר זאָלט זיך גוט אויסגליטשן. הקיצור, ס'איז פּונקט אונטערגעקומען אַ דירה אין אַ ווייטער פאָרשטאָט, ווייט פון אייגענע, ווייט פון באַקאַנטע, ווייט פון דער אַרבעט. מיין איטעלע האָט געוויינט און געקלאָגט: געקומען קיין פּאַריז צו זיין באָענט צו מישפּחה, צווישן יידן, און דאָ ווער פאַרוואָרפן ערגעץ דער טייוול ווייסט ווו. איין צרה איז אָבער קיין צרה נישט, צרות האָבן אַ טבע צו גיין פאָרנווייז. האָבן מיר ביים דינגען די דירה זיך נישט געכאַפּט, אַז די גאַס אויף וועלכער עס גייען אַרויס אַלע פענצטער איז אַ גיהנום נישט קיין גאַס: אַ טראַקט ווו עס גייען דורך לאַסט־וועגענער און די טראַסקעריי צעלעכערט דעם קאָפּ. כ'האָב מיין איטעלען געטרייסט: ס'איז דאָך אויף דערוויל, מ'וועט דאָס אויך איבערקומען, מ'וועט זיך אַביסל אַרויפאַרבעטן, מ'וועט אָפּשפּאָרן אַביסל געלט, אַביסל וועט מען צלווייען, וועט מען נעמען אין שטאָט אַ וווינונג ווי ס'דאַרף צו זיין. ווען ס'וועט אונדז נישט ליגן דער חלף אויפן האַלדז, ווען מען קאָנען אָן איילעניש אויסקלייבן אַ לייטישע דירה.

פּונקט דעמאָלט ווען ס'איז אָנגעגאַנגען ביי מיר אַ גערעדעריי וועגן אַ דירה, האָט מיין שוועסטער אין איינעם אַ זונטיק נאָכמיטאָג אונדז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. מיין



ווייב איז יענעם טאָג געווען פאַרביי, געלעגן אין געהאַקטע צרות אין בעט און מיט אַ שוואַכער שטימע זיך געבעטן ביי מיר איך זאָל נישט פאַרשלעפּן דאָס זוכן אַן אַנדער וווינונג. מיין שוועסטער בטבע אַ תכלית־מענטש, אַ פּראַקטישע, איז אָן שום צערעמאָניעס צוגעטראָטן צו דער זאַך צוליב וועלכער זי האָט זיך מטריח געווען צו מיר:

— ווייסט, דוד, כ'בין געקומען דיר עפּעס אָנזאָגן: כ'וויל דיך צונעמען פאַר אַ שותף...

אין פלוג האָב איך געמיינט, אַז זי וויל צוריק עפענען איר קראָם, וואָס זי האָט ליקווידירט איידער זי איז געגאַנגען אויף עלטער־פּענסיע, און אויף דער הייסער מינוט זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז כאָטש ס'וואָלט צונוץ געקומען אַ גרעסערער, אָדער אַ זייטיקער פאַרדינסט, בין איך נישט פּאַסיק צו זיין אַ געשעפטס־מענטש, כ'בין פּונקט דאָס פאַרקערטע פון מיין שוועסטער. ביים קויפן אָדער פאַרקויפן קאָן מען מיך פאַרקויפן. פון דעסטוועגן האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— צו וואָס פאַר אַ געשעפט ווערסטו מיך צונעמען פאַר אַ שותף?

ס'איז נישט קיין געשעפט, כ'בין צו אַלט צו געשעפטן; נאָך די זיבעציקער טראַכט מען שוין וועגן עפּעס אַנדערש... דו קענסט מיין שווער, האַ? כאָטש ער איז דער שטיף־פאָטער פון מיין וועלוול עליו השלום, איז ער אים געווען אַן אמתער טאַטע; ער איז אונדז ווי אַ בלוט־אייגענער; נישטאָ דער שבת ער זאָל נישט קומען צו מיר. ווייסט, ער איז שוין איבער אַכציק יאָר און איז נישט פאַרשריבן אין קיין שום סאָסייעטי. וויל ער קויפן אַ „קאַוואָ" און לייגט מיר פאָר צו זיין אַ שותף צו איר. ס'איז אַ קאַוואָ, אַ פּלאַץ, גערוים, אין אַ שיין פּלאַץ, צווישן ביימער. אַזאַ גוט יאָר אויף אונדז אַלע וואָס פאַר אַ משפּחה־קבר דאָס קאָן זיין. מיין שווער האָט דאָך נישט קיין משפּחה חוץ מיך. האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן דיר. דו געהערסט אויך נישט צו קיין סאָסייעטי, פּונקט ווי איך. אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, מען ווייסט קיין מאָל נישט וואָס דער מאָרגן ברענגט. איבער הונדערט צוואַנציק יאָר זאָל מען... און די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, ס'זאָל עפּעס מיט עמעצן געשען, זאָלן די קינדער נישט דאַרפן אַרומלויפן זוכן. די גאַנצע זאַך איז פּשוט אַ מציאה, ס'איז דעם שווער אונטערגעקומען...

מיין ווייב איז טויט־בלאַס געוואָרן. איר האָט זיך געדוכט, אַז מיין שוועסטער מיינט זי, אַז לויט איר דאַרף מען שוין גרייטן פאַר איר אַ קבר. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט פייכטע אויגן און איך האָב געקוקט מיט גרויס חידוש אויף מיין שוועסטער. פון געפּלעפּטקייט און חידוש האָבן מיר ביידע געשוויגן. מיין שוועסטער האָט זיך אויך געחידושט:

— וואָס קוקט איר אַזוי? וואָס־איז? ס'איז אַ מענטשלעכע זאַך. אין פּאַריז באַוואָרנט זיך יעדער איינער. יידן זענען אין סאָסייעטעס, אין אַ מיטיעל, זענען זיי באַוואָרנט מיט אַ קאַוואָ; אַזעלכע ווי מיר קויפן אַ קאַוואָ, בפרט אַז עס קומט אונטער עפּעס. אַמאָל, אין פּוילן, האָבן אונדזערע עלטערן צוגעגרייט תכריכים, ס'איז געלעגן לאַנגע יאָרן פאַרפּאַקט אין קאַסטן; אַ קרקע אויפן בית־עולם איז שטענדיק געווען. אין פּאַריז איז אַנדערש. די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, איך וויל נישט מיינע קינדער זאָלן זיך דאַרפן דרייען דעם קאָפּ, אָדער מ'זאָל מיך מקבר זיין ווו ס'זאָל נישט זיין און לעבן וועמען ס'זאָל נישט זיין. איך טראַכט וועגן דער משפּחה אויך; געלאָזט דעם שווער זיצן ביי מיר און זיך מטריח געווען צו אייך און איר קוקט אויף מיר ווי אויף אַ גזלן. כ'האָב געמיינט איר וועט זיין צופרידן, ס'איז אַ מציאה, ס'איז ווערט אַ סך מער.

מיין ווייב האָט נאָך אַלץ געשוויגן, נישט אָפּגעריסן די אויגן פון מיר. כ'האָב געוואָלט לייכטער מאַכן איר געמיט און מיט אַ געמאַכטער אייטערקייט געזאָגט צו מיין שוועסטער:

— הער, שיפרה — אַזוי הייסט מיין שוועסטער — איך און איטעלע איילן זיך נאָך נישט אַהין; מיר האָבן נאָך אַ סך צייט צו טראַכטן דערוועגן. וואָלסט בעסער אונדז געהאָלפן זוכן אַ דירה.

— אַ דירה איז אַ דירה און אַ קאַוואָ

איז אַ קאַוואָ. איך זאָל זוכן פאַר אייך אַ דירה? איר זענט דען אוויפן גאַס? איך ווייס נישט וואָס איר האָט צו דער דירה? געררוים, ליכטיק; ס'איז אַביסל ווייטער צו דער אַרבעט. לייגט מען זיך פריער שלאָפן און מען שטייט אויף פריער.

— ס'איז דאָך דאָ אַ גיהנום, די טראַסקעריי, די...

— טאָ וואָס האָט איר געמיינט, אַז פּאַריז איז אַ גן־עדן? פּאַריז איז אַ גיהנום. אומעטום איז אַ טראַסקעריי. איבער הונדערט צוואַנציק יאָר וועט זיין שאַ־שטיל. אַ מענטש דאַרף נישט טראַכטן נאָר וועגן איצט, מען דאַרף זיך באַזאָרגן אויך אויף שפּעטער. אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, היינט ביסטו דאָ, מאָרגן... דורכגייענדיק די גאַס קאָן מען חס וחלילה...

— שיפרה, כ'בעט דיך, פאַרקלאַפּ מיר נישט דעם קאָפּ. דער קאָפּ איז מיר פאַרנומען מיט אַ דירה, לאָזט מיר צורו מיט דיין שותפות.

איר מיינט זי האָט מיך געלאָזט צורו? אַז מיין שוועסטער וויל עפּעס דורכפירן, פירט זי דורך. זי וועט אויסלייגן וויפל ס'וועט אויסקומען אויף מיין חלק, זי וועט אַלץ אַליין דערליידיקן אַבי ס'זאָל זיין אַ משפחה־קאַוואָ. הכלל, פשוט אַ מתנה מיר געשאָנקען, כ'וועל קומען צום גרייטן. זי האָט אפילו תיכף געפונען געלט צו סילוקן אונדזערע ביידנס חלקים. געווינטלעך האָט מיין שוועסטער קיין מאָל נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. ווי גיך ס'איז איר אַריינגעפאַלן אַ ביסל געלט, האָט זי עס גלייך „פּלאַסירט“, געקויפט עפּעס אויף דער פּראָווינץ, דאָרט איז לייכטער צו קויפן, ווייל קיין געלט טאָר מען נישט לאָזן ליגן; דאָס געלט, זאָגט זי, צעגייט ווי פּוטער אויף דער זון, די דעוואַלוואַציע פרעסט עס אויף.

זעט איר, אין דעם פּרט איז מיין שוועסטער אין גאַנצן גערעכט. כ'האָב געפילט אויף מיין אייגענער הויט ווי גערעכט זי איז. ווי גיך כ'האָב אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט אויף אַ דירה, האָט דער פּרייז פון דירות געהאַט זיך אַזוי אַ הייב געטאָן, אַז מיין ביסל אָפּשפּאָר־געלט איז טאַקע געוואָרן צורונען ווי פּוטער אויף דער זון, די דעוואַלוואַציע האָט עס כסדר אויפגעפרעסן. צען יאָר האָב איך זיך געיאָגט און געיאָגט אָנצוזאַמלען די נייטיקע סומע און נישט געקענט אָניאָגן די פּרייזן. מיין שוועסטער פאַרזיכערט מיר, אַז אויך פאַרן קאַוואָ וואָלט מען היינט געדאַרפט באַצאָלן צען מאָל אַזוי פיל, אויב נישט מער. אויב מען וואָלט זי געוואָלט פאַרקויפן, וואָלט מען אָפּגענומען יענע אַפּותיקי, ווייל זי שטייט נאָך ליידיק, דער שווער האַלט זיך נאָך, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, פעסט אויף די פיס. נאָר ווער טראַכט דען צו פאַרקויפן אַזאַ זאַך? סתם דערמאָנט זי וואָס דאָס איז היינט ווערט און גיט מיר אָנצוהערן, אַז אַ דאַנק איר האָב איך געמאַכט אַ גוט געשעפט און בין פאַר שפּאָט ביליק אַ שותף צו אַ קאַוואָ אַ פּאַלאַץ.

וואָס וועל איך אייך נאָך לאַנג ציען, זינט צען יאָר האָב איך אַ צוגעגרייטן קבר פאַר מיר און מיינע בני־בית, נאָר קיין לייטישע דירה האָב איך נאָך אַלץ נישט.


## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „**חשבון**“. אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**




שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# קאַפּיטלען יידישע געשיכטע

## (אַן אָפּוועֶר קעגן שנאת ישראל)

**דער היסטאָרישער זכרון, זיין באַדייט פאַר דער אויפריכטונג פון קיום פון פאָלק. — ווען גראָמיקאָ האָט גערופן די „יונייטעד ניישאַנס“ צו שאַפן אַ יידישע מדינה פאַר דעם שווער־געליטענעם פאָלק. — „סאָוועטיש היימלאַנד“, דער היינטיקער אומגעבעטענער וואָרטזאָגער פון די פּאַלעסטינער טעראָריסטן. — די יידישע אָנוועזנהייט אין ישראל, וואָס איז נישט איבערגעריסן געוואָרן זינט יציאַת מצרים.**

דער היסטאָרישער זכרון ביי אַ פאָלק איז אַ מעכטיקער וואָפן. אויב די געשיכטע פון אַ פאָלק איז זיין ביאָגראַפיע, איז זיין נאַציאָנאַלער זכרון דאָס ליכט, דער פלאַם וואָס באַגלייט דעם נאָכאַנאַנדיקן געראַנגל פאַר דעם עצם עקזיסטענץ פון יעדער אומה.

דאָס ווייסן די פעלקער, וואָס האָבן עפּעס געלערנט פון די צייט־געשעענישן זינט דער ערשטער איינטיילונג פון דער וועלט אויף געאָגראַפישע שטחים און עטנישע איינהייטן. דאָס ווייסט דאָס אויסגעפּרוּווטע יידישע פאָלק אין דעם טראַגישן גאַנג פון דורות.

אָבער דער היסטאָרישער זכרון ביי יידן ווערט ערגעץ פאַרלוירן אין דעם היינטיקן מבול פון אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע און פאַלשער גלאָבאַלער אינפאָרמאַציע וועגן דער באַזיץ־רעכט אויף ארץ ישראל. אַ פאַרפירערישן לאָזונג האָבן די שונאים פאַרשפּרייט צווישן די פעלקער וועגן „לעגיטימע, נאַציאָנאַלע רעכט“ פון די „פּאַלעסטינער“ אויפן יידישן פאָטערלאַנד און קיינער, דוכט זיך, פּרוּווט נישט גענוג הויך אָפּלייקענען די פעלשונג, און קיינער וועקט נישט די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט צו די אייביקע לעגיטימע רעכט פון די קינדער פון ישראל אין דעם לאַנד פון ישראל.

קען עס זיין אַז יידישע מנהיגים, וואָס האָבן די אויפזיכט איבער דער אָפּוועֶר־מלחמה — אין וואָרט און אין שריפט — איגנאָרירן אונדזער שטאַרקסטע תביעה אויף ארץ ישראל, וואָס איז דער המשך פון דעם קיין מאָל נישט איבערגעריסענעם יידישן ישוב אין לאַנד פון דעם דורותדיקן אויסדויער פון יענע שומרי החומות, בויערס, אַקערערס, און פלאַנצערס, וואָס האָבן אויפגעהיטן — נאָכן צווייטן חורבן — די יידישע אָנוועזנהייט דורך קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר פון רדיפות און געזעצלאָזיקייט?

ס'איז נישט דערלאָזבאַר — און אַוודאי איז עס אומפאַרגעבלעך — אַז די דאָזיקע בלעטער יידישע געשיכטע זאָלן נישט געפינען קיין אָרט אין דער ליפערונג פון אינפאָרמאַציע און אויפקלערונג פאַר די פעלקער פון דער וועלט, וואָס ווערן פאַרטויבט פון די ליאַרעמדיקע אַנטי־ישראל העצעס. דאָס אויסלאָזן די היסטאָרישע און געזעצלעכע תביעה פון יידישן פאָלק דערלויבט די שונאי ישראל און אויך אייגענע אָפּטריניקע צו מאָלן אַ פאַלש בילד פון דער רישעות פון „אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם“, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַן אַראַביש לאַנד אין מיטעלן מזרח און אַרויסגעטריבן פון דאָרט די אמתע איינוווינערס...

די פאַרשפּרייטע פעלשונג פון די היינטיקע שונאי ישראל גייט בערך אַזוי: די ציוניסטן ווילן אויפלעבן אַ צוויי־טויזנט־יאָריקע תביעה אויף דעם לאַנד — ארץ ישראל — אָן צו רעכענען זיך דערמיט וואָס ס'איז זיך דאָרט פאַרלאָפן אין דעם לאַנגן צייט־אָפּשניט. אָט די יידן־שונאים זייגען גענוג גנעדיק מודה צו זיין, אַז

דאָס לאַנד איז טאַקע אַמאָל געווען יידיש, אָבער אין משך פון די הונדערטער יאָרן איז עס געוואָרן אַן אַראַבישע טעריטאָריע. דאָס לאַנד ישראל האָט, הייסט עס, זיך געענדערט דעמאָגראַפיש, ווייל ס'האָט טיילווייז איינגעוואַנדערט אַהין אַ נייע איינוווינערשאַפט. און דאָס איז די גרעסטע פעלשונג פון דעם מיטל־מזרח פּראָבלעם.

און ס'איז איראָניש, אַז צווישן די, וואָס העלפן היינט אויפבלאָזן די דאָזיקע פעלשונגען, געפינען זיך פאָרשטייערס פון אַ גרויסער מלוכה, וואָס האָבן פריער גערעדט אין זכות פון יידישן פאָלק און זיך איינגעשטעלט פאַר זיינע היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע רעכט אויף ארץ ישראל. ס'איז געווען מיט 34 יאָר צוריק, דעם 14טן מאַי, 1947, ווען אַנדרעי גראָמיקאָ, דער היינטיקער סאָוועטישער אויסערן־מיניסטער איז געשטאַנען אויף דער טריבונע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, אין פלאָשינג מעדאָוס, און געפאָדערט די צעטיילונג פון פאַלעסטינע אויף אַ יידישער מדינה און אַן אַראַבישער מדינה.

ווי אַזוי האָט גראָמיקאָ דעמאָלט באַגרינדעט זיין מאָנונג צו שאַפן אַ יידישע מדינה אין דעם היסטאָרישן לאַנד פון יידישן פאָלק? ער האָט דאָס באַגרינדעט ציוניסטיש, אויף די נאַציאָנאַלע און געזעצלעכע רעכט פון פאָלק ישראל. גראָמיקאָ האָט אויפגעשטורעמט די אַלגעמיינע אַסעמבלי אין די „יונייטעד ניישאַנס" מיט זיין רירנדיקער, פאַטעטישער רעדע וועגן די שוידערלעכע יידישע ליידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט פאַרלאַנגט פון דער וועלט אַ פאַרגיטיקונג פאַר די יידישע יסורים — די באַלדיקע גרינדונג פון אַ יידישער מדינה.

עס קען געזאָגט ווערן אָן איבערטרייבונג — האָט גראָמיקאָ דאַן באַטאָנט — אַז די שרעקלעכע ליידן פון יידישן פאָלק זיינען אויסער יעדער שילדערונג. עס איז אוממעגלעך אויסצודריקן אין טרוקענע ציפערן די פאַרלוסטן און קרבנות דורך די הענט פון די פאַשיסטישע נאַצישע) אָקופּאַנטן. אין די טעריטאָריעס, וואָס זיינען געווען אונטער דעם קאָנטראָל פון די היטלעריסטן, האָבן די יידן געליטן פולשטענדיקע פאַרניכטונג. די טאָטאַלע צאָל אומגעקומענע יידן דורך די פאַשיסטישע הענקערס, איז קרוב צו 6 מיליאָן. די אַנדערהאַלבן מיליאָן געראַטעוועטע יידן נאָכן חורבן אין מערב אייראָפּע זיינען געבליבן היימלאָז. גראָמיקאָ האָט אָנגעגעבן ציפערן, דערלאַנגט פאַקטן, אויסגערעכנט דאַטעס און זיך פאַררופן אויף די געזאַמלטע מאַטעריאַלן פון דער יידישער אַגענטור פאַר פאַלעסטינע. ער האָט נאָכאַנאַנד אונטערגעשטראָכן, אַז קיין פאָלק איז נישט דורכגעגאַנגען אַזאַ מוראדיקן חורבן און קיין אומה האָט נישט דורכגעמאַכט אַזאַ שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע.

און וואָס איז דאַן געווען גראָמיקאָס אויספיר? וועלכע לייזונג האָט ער צוגעגרייט פאַר דעם שווער־געליטענעם פאָלק? דער פאָרשטייער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאָרגעזען, אַז אַ דואַליסטישער יידיש־אַראַבישער שטאַט וועט נישט קענען פונקציאָנירן און ער האָט געזאָגט צו די פעלקער פון דער וועלט, אַז דער איינציקער אויסוועג — איז די גרינדונג פון אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה, וואָס וועט קענען פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק.

דאָס איז געווען מיט 34 יאָר צוריק, ערב דעם ווידערגעבורט פון מדינת ישראל. היינט דיריגירט מאָסקווע מיט דעם אָרקעסטער וואָס וויל פאַרטומלען די וועלט, אַז יידן האָבן נישט קיין לעגיטימע רעכט אויף ארץ ישראל.

און צו די וואָס טומלען גאָר הילכיק וועגן היסטאָרישע אָדער לעגיטימע רעכט אויף ארץ ישראל, האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן די דעגענעראַטן, די אָפּטריניקע, די לאַקייען פון קרעמלין מיט אַראָן (אהרן?) ווערגעליס בראש, וואָס האָבן געהאַט דעם קופּערנעם שטערן צו שרייבן מיט יידישע אותיות, אין אַ פאַרקריפּלטן אויסלייג, אין „סאָוועטיש היימלאַנד" (וואָס טראָגט אַן אונטער־שילד: ליטעראַריש־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאַל — אָרגאַן פון שרייבער־פאַרבאַנד פון פ.ס.ס.ר. — פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע), אַז די עקסטרעם־רעכטע פּובליציסטן פון דער בורזשואַזער יידישער פּרעסע — ווי ש. איזבאַן מיט זיין אַרטיקל „דער היסטאָרישער זכרון" — ווילן אויפלעבן אַ צוויי טויזנט־יאָריקע תביעה פון יידישן פאָלק אויף ארץ ישראל, און דאָס פירט צו דער פאַרשפּרייטונג פון פעלקער־פיינטשאַפט...



ווי אַזוי קען די יידישע תביעה אויף ארץ ישראל פאַרשפּרייטן פעלקער־פיינטשאַפט? זעט איר דאָך אַז זי קען! ס'איז דערפאַר — האָט געטייטלט „סאָוועטיש היימלאַנד" — ווייל ש. איזבאַן רופט אויפצומישן קאַפּיטלעך יידישע געשיכטע פאַר פּראָפּאַגאַנדע, דעריבער „פאַרשפּרייט ער אַרום זיך אַ געדיכטן פעלקער־פיינטלעכן טשאַד"...

דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", דער מאָסקווער הויף־לץ, איז געווען מלא חימה וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט געשריבן, אַז „דער תנ"ך (ביי אים: טאַנאַך") איז דער לעגאַלער דאָקומענט אויף דעם באַזיץ־רעכט פון יידישן פאָלק אויף ארץ ישראל", און ער צאָרנט פאַרוואָס איזבאַן דערמאָנט אויך דעם קריסטלעכן גייסטלעכן דזשיימס פּאַרקעס אין ענגלאַנד, וועלכער באַשטעטיקט דאָס זעלבע אין זיין בוך „וועמענס לאַנד?" ווערגעליסן געפעלט נישט דער אומבאַשטרייטבאַרער היסטאָרישער אמת, אַז „דאָס לאַנד, וואָס מען רופט פאַלעסטינע, איז קיין מאָל נישט געווען קיין אַראַביש לאַנד." „דאָס איז, ווי באַוווּסט — זאָגט דער סאָוועטישער היימלאַנדיסט — די לאָזונג פון די ישראלדיקע עקסטרעמיסטן, וועלכע אַנערקענען נישט די פעלקער דיסלאָקאַציע אין די נאָך־ביבל־צייטן..." און — לאָמיר דאָ דערמאָנען דעם געשיכטע־פאַרדרייער אָדער געשיכטע־פעלשער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" — אַז דאָס האָט די אימפּעריאַליסטישע רוים נאָכן אָקופּירן ארץ ישראל, ווי אַ באַרימעריי נאָך איר זיג, אָנגערופן דאָס לאַנד פּ אַ ל ע ס ט י נ אַ. ביז דעמאָלט האָט מען פון אַזאַ נאָמען נישט געהערט.

זיי, די ש ק ר נ י ם, די קנעכטישע ליגנערס פון פרעמדן היימלאַנד, די שענדערס פון אייגענעם שטאַם, די פאַרלייקענערס פון דער יידישער אומה און איר אייביקע אָנגעהעריקייט צו ארץ ישראל — זיי האָבן דער טרויעריקן מוט צו שרייבן וועגן „דעם געפערלעכן שעקער" (שקר), וואָס די „בורזשואַזע" יידישע פּובליציסטן פאַרשפּרייטן, אַז נישט צו די פאַלעסטינער אַראַבער, נאָר צום יידיש פאָלק געהערט דאָס יידישע היימלאַנד.

די מאָסקווער יידישע קנעכט האָבן נאָך אונדז געפעלט צום רומל! די פרייוויליקע קנעכטשאַפט איז זיי אַפּנים אַזוי שטאַרק איינגעבאַקן אין די הערצער, אַז זיי זיינען אויך געוואָרן די אומגעבעטענע וואָרטזאָגערס פון די אַראַבישע טעראָריסטן, וואָס ווילן איצט אַריינכאַפּן אַ באַזונדערע „פאַלעסטינער" מדינה ווי אַ באַלוינונג פאַר די יידן־רציחות אין לוד, קרית שמונה, מעלות, שמיר, נהריה.

אָבער לאָמיר זיך אָפּקערן פון די מאָסקווער הויף־קנעכט און צוריקקומען צום ענין לעגיטימע רעכט. די צרה איז, וואָס די פאַלשע מעשה, אַז אַן אַנדער פאָלק איז געזעסן אין ארץ ישראל ביז צום ווידערגעבורט פון דער היינטיקער מדינה, נעמט זיך אָן ביי יענע עלעמענטן, וועלכע פאַרטיפן זיך נישט אין איינצלהייטן און האָבן ווינציק געדולד צו אַנאַליזירן רעאַלע פאַקטן. ס'איז גענוג אויפצוכאַפּן אַזאַ שלאָגוואָרט: „די ציוניסטן האָבן אַרויסגעטריבן די פאַלעסטינער און פאַרכאַפּט זייער לאַנד" אַז די סימפּאַטיע זאָל אַריבערוועגן אויף דעם צד פון די כלומרשט באַרויבטע.

די פּראָפּאַגאַנדע וועגן אַ דעמאָגראַפישער ענדערונג אין ארץ ישראל אין לויף פון יאָר־הונדערטער — דאָ ליגט דער גרויסער שקר. דאָ שטעקט די געפערלעכע פעלשונג. די אַרגומענטאַציע פון פאַלשקייט און צביעות איז הימל־שרייענדיק, אָבער די ציוניסטישע אַגיטאַציע פאַרמאָגט נישט דעם אָפּווער־וואָפן אָפּצושלאָגן דעם גלאָבאַלן ליגן. די וואָס זיינען נישט באַהאַוונט אין דער גויאישער וועלט, קענען זיך נישט דערוויסן היינט פון יידישע קוואַלן, אַז די יידישע אָנוועזנהייט אין ארץ ישראל האָט זיך נישט אָנגעהויבן פון דער באַלפור דעקלאַראַציע. נאָר זי איז זינט יציאַת מצרים קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן.

## ס. נאָטקעוויטש

# דער משפט איבער יאַן בוקרעי

(אַ דערינערונג)

איך בין אָנגעקומען אין דעם פּוילישן 26טן פוסגייער פולק אין לעמבערג פאַרנאַכט, ווען די באַזונדערע אָפּטיילונגען האָבן מאַרשירט און געזונגען פאַר זייער אָוונט עסן.

דער באַבענדלטער וואַכמייסטער ביים אייזערנעם טויער האָט מיך גוט באַטראַכט און געפרעגט:

פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

— די באַן איז ערשט אָנגעקומען.

ער האָט גענומען מיינע פּאַפּירן און פון דער וואַך־בודקע גערעדט אויפן טעלעפאָן. באַלד דערנאָך איז אָנגעקומען אַ יונגער אָפיציר אַן מיט אַ ווונק מיר גערופן צו גיין הינטער אים.

— טו אויס דעם קאַפּעליוש, אַניט וועט מען פון דיר לאַכן — האָט ער געוואָרנט.

מיר זיינען אַריין אין אַ נישט גרויסן צימער ווו אויף דער טיר האָט געהאָנגען אַ שילדל: „קאַפּיטאַן סט. מיטשקאָווסקי".

דאָס אויספרעגן האָט געדויערט נישט לאַנג. דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט וויסן מיין נאָמען, בילדונג און צי באַקלאָג איך זיך אויפן געזונט.

דערנאָך האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן צימער, אויסגעשטעלט מיט איבער 30 בעטלעך. דער אונטעראָפיציר האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ ווו צו שטעלן. דעם טשעמאָדאַן און קוקנדיק ערנסט אויף מיר געוואָרנט:

— איך וויל מאָרגן פרי זען דאָס בעט אַזוי צוגעבעט ווי ס'איז איצט...

מען האָט מיר אויך געוויזן דאָס וואַשצימער פאַר 12 זעלנער און פאַר דריי אָפיצירן באַזונדער...

דערווייל זיינען די זעלנער צוריקגעקומען פון זייער מאַרשירן און זיך באַזעצט ביי די טישן און בענק. אין מיין טעלער איז נאָך געווען אַ ביסעלע זופּ און אַ שטיקל ווורשט. נעבן טעלער איז געלעגן אַ גרעסער שטיקל שוואַרץ ברויט.

— העי, סטאַן, ברענג דעם „פּאַן" אַ לעפל און אַ גאָפּל — האָט מיין שכן פון קעגנאיבער גערופן צום צווייטן עק טיש.

פּונקט אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ יונגער זעלנער מיט אַ האַמעטנעם פּויערשן אויסדרוק; זיין קאָפּ האָט אויסגעזען פּירעקיק, מיט קליינטשיקע אויגן און ווילד באַוואַקסענע האָר. דאָס פּנים איז געווען רויט און פאַרשוויצט און צעדראַפּעט פון שלעכטן גאָלן.

איך האָב פאַרזוכט די זופּ און כאָטש איך בין מיט קוים דריי טעג צוריק אַרויס

---

און לאָמיר טאַקע אויפמישן קאַפּיטלען יידישע געשיכטע פאַר פּראָפּאַגאַנדע. צי דאָס געפעלט יאָ די יידישע משרתים אין מאָסקווע — די סאָוועטישע היימלאַנדיסטן — צי נישט. לאָמיר ציטירן דעם תנ"ך פאַר דער וועלט. עס איז פאַראַן מיט וואָס זיך איבערצונעמען און ס'איז פאַראַן מיט וואָס זיך צו גרויסן. לאָמיר אומוואַרפן דעם גרויסן ליגן, אַז דער צוריקקער פון יידישן פאָלק אין ארץ ישראל איז אַן אינוואַזיע פון פרעמדע אויף אַראַבישער טעריטאָריע.

די יידישע אחיזה, די יידישע אָנוועזנהייט אין ארץ ישראל און דער ענגער צובונד פון יידן אין אַלע עקן וועלט, איז — דורך צוויי טויזנט יאָר — אין קיין איינציקן דור נישט איבערגעריסן געוואָרן. דערפאַר איז מדינת ישראל באַנייט געוואָרן. דערפאַר איז אויפגעקומען די אומאָפּהענגיקע מלוכה. דערפאַר האָט דאָס יידישע פאָלק זיך באַפרייט פון די זונטערדריקער און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער עפּאָס, וואָס איז איינציקאַרטיק און איינמאָליק אין דער געשיכטע פון פעלקער — דער צוריקקער פון אַן אַלטער צעשטויבטער און צעשפּרייטער אומה אין די גרענעצן פון אייגענעם היימלאַנד.



פון תפיסה, האָט די זופּ מיר אויסגעזען (זייט מיר מוחל) פאַרעיפּושט.

מיין שכן האָט מיך עפּעס געפרעגט און ווען כ'האָב מיין קאָפּ געווענדעט לינקס, האָט דער יונגער פּויער פון אַקעגן־איבער געכאַפּט אַ פליג פון טיש און זי גלייך אַריינגעוואָרפן אין מיין טעלער. איך האָב מיט פאַראַכטונג אָפּגערוקט דאָס עסן.

מיט גיריקייט האָט דער יונגער פּויער גיך איבערגערוקט דעם טעלער צו זיך, אַ כאַפּ געטאָן דעם ווורשט אין מויל אַריין, פאַרביסן מיט מיין ברויט און פאַרשלונגען דאָס קליינע ביסל זופּ.

באַלד דערנאָך איז אָנגעקומען אַ „סטאַרשי" מיט איין בענדל, און ווען די טיש־לייט האָבן אים דערציילט וועגן מיין הונגעריקן שכן, האָט ער באַקומען צוויי פּעטש.

דער פּויערן־יונג האָט זיך צערעוועט מיט אַ וויינענדיקן קול.

איך האָב נאָך אַ גאַנצע וואָך געגעסן, בין געשלאָפן און פאַרברענגט מיט דער זעלבער גרופּע. אויפן אַכטן טאָג האָט מען מיך אָפּגעשיקט אין אַ ספּעציעלער שולע פון וואַנען איך בין געקומען צוריק מיט אַ העכערן ראַנג און אויסצייכענונג.

דערווייל האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיין הונגעריקער שכן פון קעגנאיבער דעם טיש, הייסט יאַן בוקרעי, אַ זון פון אַ ווייסרוסישן פּויער, וואָס האָט קוים גערעדט עטלעכע פּוילישע ווערטער און האָט נ י ש ט געקענט לייענען אָדער שרייבן.

יאַן אָדער איוואַן בוקרעי, איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער, האָט געשנאָרט אָדער געגנבעט עסן, געקראָגן געשלאָגן אָדער געזעסן אין קאַרצער און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט ווייטער געגנבעט און איז יעדעס מאָל האַרב באַשטראָפט געוואָרן.

פאַר דער ערשטער וואָך וואָס איך בין אָנגעקומען אין פּוילישן מיליטער, האָט בוקרעי עטלעכע מאָל „געיירשנט" מיין עסן. ער פלעגט דערנאָך אַוועקגיין אַ „שולדיקער", מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן פּירעקיקן קאָפּ און די קליינינקע אויגעלעך האָבן געקוקט אויף מיר מיט שולד און הכנעה...

* * * * *

אונדזער מיליטער שולע האָט זיך געפונען אין דעם דרומדיקן וואַרעמען שטעטל פון ווינטער־יבן, זאַלעשטשיק, ביי דער רומענישער גרענעץ. איך האָב געשלונגען די מיליטערישע „תורה" און בין געווען נייגעריק צו וויסן מער און מער; ס'איז מיר געפעלן געוואָרן די חכמה פון קענען שיסן און טרעפן אין ציל, פון וואַרפן האַנט־גראַנאַטן, פון גראָבן טראַנשייען און אויך ווי אַזוי „אָפּצונאַרן" דעם שונא. מען רופט עס סטראַטעגיע...

אויך איז מיר געפעלן געוואָרן דער אופן פון אַרויסגעבן באַפעלן און פון „מאָמענטאַלער סטראַטעגיע" אויפן „שלאַכטפעלד". מיין שטימע האָט גוט געקלונגען. ווי געזאָגט, אַלץ איז געווען גוט, נאָר ווי אַזוי צו מאַכן דאָס... בעט אין זעלנערישער אָרדענונג, דאָס האָב איך מיר אפילו אין שולע נישט אויסגעלערנט!

מען האָט מיך מיט נאָך דריי „געענדיקטע" אויפגענומען אין רעגימענט מיט היפּשן פּאַראַד. אַ טרומייטער האָט צו וויסן געטאָן, אַז עפּעס ספּעציעלעס וועט היינט פאָרקומען ביי דעם פאַרנאַכט מאַרש. דער פאָלקאָווניק אַליין, אַ געוועזענער טשעכישער גענעראַל (וואַניטשעק) האָט געלייענט דעם „באַפעל פון טאָג", אַז פיר „כלאָפּצעס" (יינגלעך) פון „מיין רעגימענט" זיינען צוריקגעקומען מיט אויסצייכענונגען און אַז ער איז שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען.

יעדער איינער פון די צוריקגעקומענע האָט געקראָגן ספּעציעלע פונקציעס. איך האָב געקראָגן די אויפזיכט איבער דער שולע פון אַנאַלפאַבעטן און „ספּעציעלער רעפערענט" פאַר „מיליטערישער אויסבילדונג".

ס'איז געווען אַ זונטיק מיטאָג און דער קאַפּיטאַן מיטשקאָווסקי און זיין ווייב זיינען אויך געקומען לכבוד די „געענדיקטע". ער האָט זיך געגרייסט מיט זיין „יידישן יינגל", אַז ר'איז קלוג און געלערנט און אפשר וועט ער זיין גוט"...

* * * * *

דעם קלאַס פון לערנען לייענען און שרייבן פּויליש האָב איך איבערגענומען פון דעם סערזשאַנט וולאַדיסלאַוו פּאָלקאַ.

אין דער קאַנצעלאַריע האָב איך געדאַרפט אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז „איך נעם איבער 23 זעלנער, 23 טעקסט ביכער, 23 העפטן, אַזוי פיל בלייערס, שרייב־פּעדערס, און צוויי פלעשער טינט. אויך אַ טיש, 2 שטולן, אַ טאָוול צום שרייבן, קרייד און... אַ לאַנגן „ביליאַרד־שטעקן“.

מיין פראַגע וועגן דעם לאַנגן ביליאַרד־שטעקן האָט אַרויסגערופן אַ פאַרוווּנדערונג ביים פריערדיקן לערער.

— האָסטו שוין אַמאָל געלערנט אַ קלאַס פון „כאַמעס“? — האָט ער מיך געפרעגט און געעצהט, אַז איך זאָל קומען כאָטש צוויי מאָל צו אים אין קלאַס און זען ווי אַזוי מען לערנט אין מיליטער.

איך האָב זיך טאַקע צוגעהערט און געקומען ספּעציעל אין אַ זונטיק און אַ דאָנערשטיק נאָך מיטאָג, ווען די לעקציעס זיינען פאָרגעקומען.

דער עיקר איז געגאַנגען דעם סערזשאַנט פאָלקאַ אין מיך „באַקענען“ מיט דער „אינסטיטוציע“ פן דעם ביליאַרד־שטעקן... וואָס האָט געדינט ווי אַ לערן־מעטאָד אין קלאַס; ווייל עס האָט זייער אָפט פּאַסירט, אַז די שילער אין קלאַס זיינען פון מידקייט איינגעשלאָפן, און דער סערזשאַנט האָט זיי „דערמאָנט“ מיט אַ קלאַפּ מיט דעם לאַנגנביליאַרד־שטעקן אין קאָפּ אָדער פּלייצע.

ס'איז געווען באַוווּסט, אַז דער גרעסטער קרבן פון שטעקן איז געווען איוואַן בוקרעי... זיין קאָפּ איז געווען פול מיט געשוואָלענע ביילן און עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, ווייל בוקרעי האָט זיך נישט אויסגעלערנט שרייבן אָדער לייענען. ער האָט אָבער געטויגט צו אַנדערע מיליטערישע מלאכות; ער איז געווען גוט אין גראָבן טראַנשייען, אין טאָן שווערע אַרבעטן אין פעלד און אין קאַזאַרמע און פאַר אַוועקגעבן אים אַביסל זופּ פלעגט ער „מאַכן“ דאָס בעט מיט אַלע זעלנערישע אויסמעסטונגען. מען פלעגט אים צאָלן מיט געלט אָדער עסן פאַר זיין מאַכן די בעטן...

בוקרעי האָט זיך מיט זיין ספּעציאַליטעט פון „מאַכן“ בעטן אויסגעאַרבעט אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין דער קאַזאַרמע.

מען פלעגט שטיין אין רייען און אַוועקגעבן טיילן פון עסן פאַר זיין הילף פון האַלטן אין אָרדענונג די בעטן, ספּעציעל אין די טעג ווען מען האָט דערוואַרט אינספּעקציעס.

אין קלאַס אָבער, ביים לייענען און שרייבן, האָט זיך זיין לאַגע ווייניג וואָס געענדערט.

ער האָט אָבער געפילט אַ וועזנטלעכע ענדערונג; דער נייער לערער האָט זיך קיין מאָל נישט באַנוצט מיט דעם ביליאַרד־שטעקן. די שרעק פאַרן שטעקן איז אָבער געבליבן. דער לערער האָט עטלעכע מאָל גערעדט צו אים און פלעגט פון צייט צו צייט אים אַרויסהעלפן ביים לערנען לייענען אָדער שרייבן.

ס'איז מיר היינט שווער צו געדענקען ווי לאַנג ס'האָט גענומען ביז איוואַן בוקרעי האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ נייגונג און האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוערשט אַביסל לייענען און דערנאָך אַביסל איבערצושרייבן פון ביכל.

ער האָט זיך מער נישט געשראָקן, די אויגן האָבן זיך מער נישט פאַרטרערט און זיין שטימע איז געוואָרן זיכערער. אין איינעם שיינעם טאָג האָט די נייעס געפּלאַצט: „בוקרעי לייענט, בוקרעי שרייבט“...

מיין קאַפּיטאַן איז געפאַלן אויף אַ זייער אַמביציעזן פּלאַן, צו געווינען דעם יערלעכן קאָנקורס פון די 9 אַנאַלפאַבעטן קלאַסן אין דער דיוויזיע. ער האָט די זאַך געהאַלטן בסוד און מיט מיליטערישער פּינקטלעכקייט געמאַכט אַ „פראָנטאַלן“ אַטאַק און... געוווּנען.

די גרעסטע באַלוינונג פון אַזאַ „געווינס“ פאַר אַ זעלנער איז באַשטאַנען אין קריגן 10 טעג אורלויב אַהיים און אַ פרייען באַן־בילעט. ביי איוואַן בוקרעי האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן. ער האָט צענדליקער מאָל איבערגעפרעגט צי קען טאַקע געשען אַזאַ זאַך, אַז ער, איוואַן בוקרעי, זאָל קענען דערגרייכן צו אַזאַ געווינס, צו קענען לייענען און שרייבן, און טאַקע פאָרן אַהיים, צו זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע אויף אורלויב?

דעם קאַפּיטאַנס חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

איך האָב דערמוטיקט איוואַן בוקרעי



אָנצושרייבן אַ בריוו אַהיים, אַז ער קומט אויף אורלויב. דער בריוו איז געווען אומגעפער פון אַזאַ אינהאַלט:

„טייערע מאַטקאַ, טייערער טאַטקאָ:

„געלויבט זאָל זיין יעזוס און זיין הייליקע מאַטקאַ. איך וועל קומען פרייטאָג אין דאָרף און זאָגט דעם קשאָנדזש, אַז איוואַן בוקרעי לייענט און שרייבט.“

„אייער זון, איוואַן בוקרעי.“

דער רושם פון בוקרעיס קענען לייענען און שרייבן און זיין פאָרן אַהיים, האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן רעגימענט און דער קאַפּיטאַן מיטשקאָווסקי האָט באַקומען אַ לויב־בריוו פון גענעראַל סקלאַדקאָווסקי, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון לעמבערגער מיליטערישן ראַיאָן.

פּונקט ווי איוואַן בוקרעי האָט פריער געהאַט אַ „נאָמען“ מיט זיין „פאַרשטאָפּטן קאָפּ“, אַזוי איז ער איצט נאָך מער פּאָפּולער געוואָרן דורך דעם וואָס דאָס פּוילישע מיליטער האָט געוווּנען פאַר אים די „שלאַכט פון וויסן“... מען האָט אים אפילו אָנגעטאָן אַ „בענדל“, פאָטאָגראַפירט מיט אַן אויסצייכענונג און מען האָט אים גערופן „סטאַרשי“...

* * * * *

צוויי טעג נאָכן קריסטלעכן יום־טוב, דער שניי איז געלעגן אין די גאַסן און דער פראָסט האָט געברענט די אויערן, בין איך אויפגעוועקט געוואָרן דורך מיין קאַפּיטאַן:

— איז בוקרעי צוריקגעקומען פון זיין אורלויב?

— ניין, ער האָט נאָך עטלעכע טעג צייט.

— ווי נאָר ער קומט צו פאָרן, זאָלסטו מיר באַלד צו וויסן טאָן.

צומאָרגנס, אין מיטן טאָג, האָט זיך אַ פאַרקראַטעוועטער תפיסה־טראַק אָפּגעשטעלט ביי דער הויפּט קאַנצעלאַריע און צוויי זשאַנדאַרן האָבן אַ געשמידטן איוואַן בוקרעי אַריינגעפירט אין דער פּראָוויזאָרישער רעגימענט תפיסה. זיינע הענט און פיס זיינען געווען אין שווערע קייטן.

זיין משפּט איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון פאַר פסח און האָט זיך געצויגן פולע צוויי טעג.

פון באַשולדיקונגס אַקט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז יאַן בוקרעי האָט זיך אָנגעשיכורט און אונטערגעצונדן די כאַטע און דעם שייער, און אַז טאַטע־מאַמע און אַ שוועסטער זיינען פאַרברענט געוואָרן. אויך דער שייער מיט אַ פערד און אַ קו זיינען פאַרברענט געוואָרן.

דער באַשולדיקטער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שטומער און נאָר זיין אַדוואָקאַט האָט גערעדט פאַר אים. פון זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז איוואַן בוקרעי איז ביי זיין אָנקומען אין דער אַרמיי געווען אַ שאָטן פן אַ מענטש; אַז ר'האָט געליטן הונגער און קיין מאָל נישט געגעסן צו זאַט, פן דער אַרומיקער וועלט האָט איוואַן קיין מאָל קיין גוטסקייט נישט געקראָגן.

ערשט אין דער אַרמיי האָט בוקרעי געהאַט די דערפאַרונג פון פאַרלאָזן דאָס דאָרף, פון פאָרן מיט אַ באַן, פון זען אַ שטאָט.

און נאָך דעם ווי דער אַדוואָקאַט האָט געשילדערט דאָס אידילישע און קאָנפליקטלאָזע לעבן פון אַ מענטש וואָס קען נישט לייענען און שרייבן, איז ער איבערגעגאַנגען צו דעם גיהנום וואָס איוואַן בוקרעי האָט געטראָפן ווען ער האָט „אַנטדעקט“ דעם סוד פון לייענען. ..

„דאָ אין געריכט־זאַל געפינט זיך דער, וואָס טראָגט די מיטשולד מיט איוואַן בוקרעי“, און אָנווייזנדיק אויף מיר, האָט דער אַדוואָקאַט אויסגערופן: „דער וואָס האָט אים אויסגעלערנט שרייבן און לייענען, האָט אים דערפירט צום פאַרברעכן אין וועלכן ער איז באַשולדיקט.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אַ שכן האָט דערציילט בוקרעי, אַז זיין טאַטע־מאַמע האָבן אָפּגעשריבן זייער הויז, לאַנד, דאָס פערד און קו צו זייער טאָכטער, וועלכע וועט אין גיכן חתונה האָבן.

בוקרעי האָט געוווּסט ווו עס ליגן באַהאַלטן די משפחה־פּאַפּירן. מיט אַ נאַכט־לעמפּל איז ער אַרויף אויפן דאַך־בוידעם, געפינען דאָס קעסטל מיט די פּאַפּירן און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געקענט איבערלייענען וואָס אין די פּאַפּירן שטייט געשריבן.

וואָס ס'איז ווייטער געשען האָט בוקרעי נישט געדענקט. מען האָט אים געפונען

(המשך אויף זייט 41)

א. לוריא / ניו־יאָרק

# לידער

## ערב פרילינג

דער פראָסט האָט אָפּגעלאָזן און צווישן ביימער־רייען
מיר פּאַזע טייך שפּאַצירן אין פוסטן פּאַרק אין צווייען.

און נאָך אַ פּאָרל קומט, און מער — ווי געסט פּאַרבעטן,
אַ, ערב פרילינג־צייט ביים האָדסאָן און מאַנהעטן.

די זון האָט פולע הענט און נעמט אָפּ אירס היינט ניכּר,
זי פון די שנייען־הורבעס דאָ רייסט אָן רחמים שטיקער.

אַוווּ דו גייסט — אַ ריטשקע, פּאַרגאָסן פולע גריבער,
און מיט אַ נייע יונגקייט מיר שפּרינגען זיי אַריבער.

און ס׳עטעמט אַזוי גרינג זיך און מיר אָן ווערטער שפּאַנען
צווישן לאַנגע שורות אָפּגעפליקטע שטאַמען.

און ערגעץ טיף אין זיך און אין די הוילע צוויגן
דערשפּירן פלוצלינג מיר ווי ס׳יוירט אין אונדז אין שווייגן.

## סוף זומער

דער זומער גייט אַוועק, איך ליג ביים ים אין זאַמד,
מיט דער צעשפּילטער כוואַליע זיך שיידן איז מיר באַנג.

איצט טיף ביי מיר שוין ערגעץ כ׳הער פייפן דעם זאַווערי,
מיך שרעקט צו קומען ווינטער צום זאַמד אונטערן שניי.

וואָס וועלן טאָן די מעוועס אויף דעם פּאַרוויסטן ברעג,
אַז פישער פון די שיפן אַהיים וועלן אַוועק.

עס וועלן טשאַטעס כמאַרעס קרייזן אין אַ קרייז
און מיט די שוואַרצע פליגל פאַלן אויפן אייז.

דערווייל נאָך שפּילט די כוואַליע און מיניעט זיך צעהעלט
דער זומער זיך געזעגנט אין גלי פון ערשטן וועלק.



## אין וואַלד

ווי טשיקאַווע, ווי טשיקאַווע
פירט איר שמועס די קוקאַווע.

גייט אַרויס אין וואַלד אין אָונט,
גייט אַרויס אין וואַלד קאַיאָר.

שטעלט זיך לעם אַ בוים פון נאָענט,
הערט זיך צו אין וואַלדקייט נאָר.

הערט נאָר, הערט, ווי מיט אַ מאָל
רעדט פון בוים אַ מענטשלעך קול.

וויפל חן אין אָט דעם קלאַנג
ער פאַרפלעפט אייך און דערמאָנט.

פונקט ווי עמעץ אין געבלעטער
צווישן צוויגן האָט פאַרקלעטערט

און אין טיפקייט דאָרט פאַרשטעקט
פון באַהעלטעניש איצט רעדט,

ווי מיט אייך דאָ שפּילט אַצינד
די געליבטע צי אַ קינד.

ווי טשיקאַווע, ווי טשיקאַווע
פירט איר שמועס די קוקאַווע.

גיט אַ הוקע אויס „קו־קו" —
טרעף ווו בין איך, ווו? אַוווּ?

אָפּגעזאָגט, געבליבן שווייגן
אין געבלעטער צווישן צווייגן.

און אין וואַלד ווערט שטיל און שטום,
ניט קיין סימן מער אַרום.

ניט צו הערן, ניט צו זען
ווי ס׳איז גאָרניט וואָס געווען.

פלוצעם פון אַ צווייטן ווינקל
גיט אַ קול זיך אַ צעקלינגל.

ווידער הוקעט אויס „קו־קו" —
טרעף ווו בין איך. ווו אַוווּ?

## דער רעגן

די כוואַליעס פאַלן צו די ברעגן,
די כוואַליעס וואַרטן אויף אַ רעגן,

עס האָבן דונערן און ברומען
זיי אָנגעזאָגט, אַז ער וועט קומען.

אַמאָל אין טייך איז ער מיט אַלע
געווען אַ שטילע בלויע כוואַליע

און האָט די וואַסער־היים פאַרלאָזן
אויף אַ וואָלקן אויף אַ ראָזן.

ער איז געווען אין הונדערט ערטער
אַן אומגעביטענער, פאַרשטעלטער.

ער איז געפלויגן, ער איז געשווומען
און איז צוריק אַהיים געקומען.

ער פאַלט אַצינד אין גוס אין שווערן
צוריק אַ בלויע כוואַליע ווערן.

---

(ס. נוטקעוויטש — סוף פון זייט 39)

ביים ברונעם אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד און טאַטע־מאַמע און די שוועסטער און די כאַטע זיינען אַוועק מיטן רויך.

די דריי מיליטער־לייט, די ריכטער וואָס האָבן געמישפּט איוואַן בוקרעי, זיינען געזעסן אין זייערע פּאַראַדנע בגדים, באַהאָנגען מיט מעדאַלן און געשטעלט דעם באַשולדיקטן קלאָץ־קשיות אויף וועלכע האָט נישט געענטפערט.

דער אָפיציר־פאַרטיידיקער האָט געהאַט אַ „ליניע", אַז בילדונג איז נישט געזונט פאַר פראָסטאַקעס און אויב זיין קליענט וואָלט נישט געקענט לייענען וואָלט צו דעם אומגליק נישט געקומען.

מ׳האָט געקענט זען, אַז די ריכטער זיינען מיט ד ע ר לאָגיק מסכּים...

דער זעלבער איוואַן בוקרעי האָט באַקומען אייביקע תּפיסה. זיינע חברים פון דער קאָמפּאַניע האָבן געמאַכט אַ געלט־זאַמלונג און געשיקט צום פאַרמישפּטן אַ „וואַלווּקע".

שרה ליינער

# שבועות —

## דער פאַרגעסענער אָבער דער וויכטיקסטער יום־טוב *)

אין זוהר איז דאָ אַן אויסדרוק: „הכל תלוי במזל, אפילו ספר תורה שבהיכל.” דאָס הייסט, יעדער זאַך ווערט געבוירן מיט זיין מזל. איך האַלט אַז שבועות האָט ניט קיין מזל — אַזאַ וויכטיקער יום־טוב, אָבער ער ווערט אויפגענומען אין אַ נאַכלעסיקן אופן.

דער יום־טוב פון מתן־תורה וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב. די גוים, אַלע פעלקער פון דער וועלט, האַלטן שטאַרק פון תנ״ך. אונדזער ספר־הספרים איז פאַרהייליקט ביי אַלע פעלקער און איבערזעצט אויף אַלע שפּראַכן — אַן אינטערנאַציאָנאַלער „בעסט סעלער”, און דאָך, איז ניט נאָר די גוים, נאָר אפילו אַ סך פון אונדזערע אייגענע יידן ווייסן זייער ווייניק פון דעם יום־טוב שבועות.

פון די הויפּט ימים־טובים, פון די שלוש רגלים: פּסח, שבועות און סוכות, וואָס שאַפן אַ מין נאַציאָנאַל־היסטאָרישע טרילאָגיע אין אונדזער יערלעכן לוח, איז שבועות דער מער אינהאַלטרייכער און מער הייליקער יום־טוב. אמת, ער איז אַ תורה יום־טוב, ווי די אַנדערע צוויי, ד.ה. דער חומש זאָגט אונדז אָן צו פייערן די שלוש רגלים, אָבער שבועות האָט גאָר אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. מיר זעען דאָס גלייך אין דער לענג פון דעם יום־טוב. ווען פּסח און סוכות ציען זיך גאַנצע זיבן טעג און שטראַלן מיט פּאָמפּע, איז שבועות איינפאַך, באַשיידן און קורץ — עס געדויערט נאָר איין טאָג (אין גלות — צוויי טעג). יענע צוויי צייכענען זיך אויס מיט זייער אויסערלעכער פאָרם; זיי זיינען אַרויסרופנדיק מיט זייער צערעמאָניאַל און רייכן סימבאָליזם. צום ביישפּיל, פּסח — מיט מצה, מרור, חרוסת, פיר כוסות... סוכות — מיט דער סוכה און די פיר מינים: אתרוג, לולב, הדסה, ערבות. ביידע מיט זייערע אינדיווידועלע באַגרעניצונגען: פּסח — מען קען טאַקע עסן ווו מען וויל, אָבער ניט וואָס מען וויל. מען טאָר קיין חמץ ניט עסן. סוכות מעג מען טאַקע עסן וואָס מען וויל, נאָר ניט ווו מען וויל; מען דאַרף עסן אין סוכה.

קומט אָבער שבועות, שטיל, אָן רעש, און אין אונדזער צייט — קוים וואָס מען פילט אים. אָן באַגרעניצונגען, אָן צוימען — דער פאַרגעסענער יום־טוב. און דאָך איז ער פאַר אונדז דער וויכטיקסטער יום־טוב, וואָס האָט אייגנטלעך אונדז געמאַכט און אונדז אויפגעהאַלטן ווי אַ קולטורעל פאָלק.

דער יום־טוב שבועות איז באַקרוינט מיט צוויי כתרים: איין קרוין וואָס ער טראָגט ווי דער יום־טוב פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז דאַן געווען. ער איז אויפגעקומען אין דער צייט ווען דאָס פאָלק איז געזעסן אין זיין לאַנד ארץ ישראל. דאָס לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט. שבועות איז אַ יום־טוב פאַרבונדן מיט פעלד, מיט פּירות און מיט בלומען — אַ נאַטור־יום־טוב, און ווי די אַנדערע יידישע ימים־טובים, איז ער צוגעפּאַסט צום ריטם פון דער אַרבעט אויפן פעלד. האָט דאָס באַשטימט די פאָרמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן, און אויך געווירקט אויף דער געשטאַלטיקונג פון זייער אמונה. ג־ט האָט באַשאַפן דעם מענטשן ער זאָל באַאַרבעטן די ערד און ציען פון איר חיונה. שיקט ער דעם רעגן אין זיין צייט און בענטשט דעם באָדן ער זאָל אַרויסברענגען זיינע פּירות.

די צווייטע קרוין וואָס באַצירט דעם יום־טוב שבועות איז פאַקטיש די יידישע קולטור, די תורה, וואָס האָט איר אָנהייב ביי דער אַנטפּלעקונג פון ג־ט אויפן באַרג סיני.

*) פון אַ לעקציע געהאַלטן וועגן שבועות אין יידישן קולטור־קלוב. געקירצט און געשריבן אין טראַדיציאָנעלן נוסח.



דער יום־טוב האָט פאַרשידענע נעמען. טייל זיינען אָנגעגעבן אין דער תורה, און אַנדערע זיינען צוגעקומען אין דער פאַרתלמודישער תקופה. נאָר אַלע זאָגן עדות אויף זיין מקור און מהות און שאַפן זיין אייגנטלעכע כאַראַקטעריסטיק. שבועות — חג הקציר — הביכורים — עצרת — מתן תורה. אין שמות לד, 22, לייענען מיר: „וחג השבועות תעשה לך בכורי קציר חטים”: אין דעם יום־טוב שבועות זאָלסטו דיר מאַכן ביי די ערשט־צייטיקע פון ווייצן־שניט. אין שמות כג, טז: „וחג הקציר ביכורי מעשיך מעשיך אשר תזרע בשדה”: און דעם יום־טוב פון שניט, פון די ערשטע פרוכט פון דיין אַרבעט פון וואָס דו ווערסט פאַרזייען אין פעלד. און נאָך אַנדערע פּסוקים. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז שבועות איז דער יום־טוב פון שניט.

דאָס שניידן, דאָס אויפזאַמלען פון די פעלדער, האָט געדויערט זיבן וואָכן, אָנהייבנדיק פון פּסח, ווען מען האָט אַראָפּגענומען דעם גערשטן פון וואָס מען האָט מקריב געווען דעם עומר, און געענדיקט דעם פופציקסטן טאָג, ווען זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די פעלדער די ווייץ, פאַרענדיקנדיק מיטן קרבן ביכורים. פון דאַנען דער נאָמען „יום הביכורים”. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פון דעם פויער צום רבונו של עולם פאַר געבן אים דאָס לאַנד און פאַר באַגליקן אים מיט אַ גוטער גערעטעניש, די פרוכט פון זיין אַרבעט.

דער יום־טוב הייסט שבועות, זיין פּאָפּולערער נאָמען, ווייל עס זאָגט זיך בפירוש: „שבע שבתות תמימות”, זיבן וואָכן — דער יום־טוב פון די „וואָכן”.

אַנדערע ווילן האָבן, אַז שבועות איז ניט מיט אַ קמץ (אונטערן שין) נאָר מיט אַ שוואָ (אונטערן שין) וואָס איז מרמז אויף די צוויי שבועות, איינע — וואָס יידן האָבן געגעבן דעם רבש״ע אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דער תורה און און האָבן פייערלעך פּראָקלאַמירט דעם „נעשה ונשמע” און די צווייטע שבועה — וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו מאַכן דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין עם סגולה, צו זיין אַ ממלכת כוהנים וגוי קדוש (חג השבועות).

דער תלמוד רופט אָן שבועות „עצרת” אָדער „עצרת לפסח”. די חז״ל האַלטן, אַז אַזוי ווי שמיני עצרת איז פאַר סוכות, אַזוי איז שבועות, דער אַכטער טאָג פאַר די שבעת ימי חג הפסח און זיין באַצייכענען שבועות ווי דעם הויפּט־ציל פון יציאת מצרים און פון דער גאַנצער גאולה־דראַמע. פּסח האָבן מיר טאַקע באַקומען די פיזישע פרייהייט, דעם חירות הגוף, מען איז אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם קנעכטשיק, אָבער שבועות איז דער יום־טוב פון הירות הנפש, פון אמתער פרייהייט, ווען מען האָט מקבל געווען די תורה כדי צו נעמען אויף זיך דעם עול פון געטלעכקייט.

מיר ווערן אָנגעזאָגט פון דער תורה, אַז מען זאָל אָפּציילן זיבן וואָכן, ד.ה. 49 טעג פון דעם ערשטן טאָג עומר פון צומאָרגנס פון שבת, און דער 50סטער טאָג איז שבועות. עס איז באמת ניט אָנגעזאָגט געוואָרן די גענויע דאַטע אין וועלכער שבועות זאָל געפייערט ווערן.

וואָס מיינט „ממחרת השבת” — צומאָרגנס פון שבת?

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ הייסע דיסקוסיע, אַן ערנסטע מחלוקת צווישן די פאַרטייען אין דער צייט פון בית שני, צווישן די פרושים און די צדוקים. די לעצטע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס מיינט בפירוש זונטיק (אויף מאָרגן פון שבת) און לויט זייער מיינונג האָט עס געדאַרפט הייסן אַז שבועות פאַלט שטענדיק אויס זונטיק. אָבער די פרושים, די אמתע אַרכיטעקטן פון יהדות, וואָס זיינען געווען שטרענג ביים געשטאַלטיקן יידישקייט פאַר דורות להבא, האָבן געהאַלטן, אַז „ממחרת השבת” הייסט ממחרת יום הראשון של חג הפסח, דערקלערנדיק אַז דער באַגריף פון שבת נעמט אַריין ניט נאָר דעם זיבעטן טאָג פון דער וואָך, נאָר אויך יעדן יום־טוב.

מיט אָט דער אויסטייטשונג האָבן זיי געשטרעבט צו פאַרקלענערן די חשיבות פון דעם זונטיק־טאָג, וואָס אין יענער צייט איז שוין געווען אויפגעקומען דאָס קריסטנטום פאַר וועמען דער זונטיק איז הייליק. יהדות האָט אָנגענומען די מיינונג פון

די פּרושים. גלייך ביים צווייטן טאָג פּסח הייבט מען אָן צו ציילן ספירה.

מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויף דעם ביכורים יום־טוב. ביז דאַן האָט מען ניט געטאָרט עסן פון דער נייער תבואה. ס'איז געווען אַ זייער פריילעכע צייט. אין דעם ביכורים יום־טוב, ווי אַ יום־טוב פון די שלוש רגלים, איז מען געגאַנגען גרופּנווייז קיין ירושלים מיט גרויס שמחה. ארץ ישראל איינגעטיילט אין 24 מעמדות (אַדמיניסטראַטיווע טיילן) און מיטן ראש המעמד אין דער שפּיץ איז מען געגאַנגען מיט די קוישעלעך פרוכטן אויף די אַקסלען, פאַרשיכורט פון פרייד, זינגענדיק: „קומו ונעלה ציון אל הר ה' אלקינו."

בראש פון דער ריזיקער, פריילעכער פּראָצעסיע איז געווען איינגעשפּאַנט אַן אָקס. די הערנער באַצירט מיט גאָלד און דער קאָפּ באַפּוצט מיט אַ קרוין פון איילבירטן. דער אָקס האָט סימבאָליזירט די ערלעכע פּראַצע, די מי פון יגיעת כפּיים, און די איילבירטן האָבן סימבאָליזירט אַז דער פאַרמעגן ווערט דערוואָרבן ניט בלויז פאַר דעם קערפּערלעכן וווילטאָג, נאָר אויך פאַר גייסטיקע שאַפונגען. פון זית (איילבירט) מאַכט מען דעם בוימל צו לייכטן, „ואין אור אלא תורה"— ליכט מיינט תורה. אַזוי איז די פייערונג און די שמחה סובלימירט געוואָרן אין אַ גייסטיקער פייערונג. דער גאַנצער עולם, אונטער די טענער פון געזאַנג און מוזיק, באַגאָסן מיט זון און צופרידן פון גאָטס ברכה, איז ענדלעך אָנגעקומען אין ירושלים ווי עולי־רגל און באַגריסט געוואָרן פון די איינוווינער מיטן כהן גדול בראש ביי די קלאַנגען פון דעם לוויים געזאַנג: „ארוממך ה' כי דליתנו", איך דאַנק דיר ג־ט וואָס דו האָסט מיך דערהויבן.

דער חג־הביכורים, דאָס רייף־ווערן פון די ערשטע פרוכטן, איז אַן עכט ארץ־ישראלדיקער יום־טוב פון אַ פּויערים פאָלק, צונויפגעוואַקסן מיט פעלדער, גערטנער, פי־צוכט, פאַרבונדן מיט פעלדאַקער און בוימער פלאַנצונגען.

די מסכת ראש השנה זאָגט, אַז שבועות איז דער יום־הדין אויף די פרוכטן פון די ביימער. דער חג הביכורים איז דאַן אין ארץ ישראל געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. די יידן וואָס וווינען היינט אין ישראל פאַרשטייען, באַגרייפן און פילן בעסער ווי מיר די וויכטיקייט פון אַזאַ יום־טוב, ווייל זיי האָדעווען זיך און לעבן אין שויס פון דער נאַטור. פאַר אונדז אָבער, אין חוץ לארץ, איז דאָס נאָר אַ סימבאָל פון דעם עבר. אין גלות איז געווען פאַרבאָטן יידן צו באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט; אין געוויסע לענדער האָט מען אפילו גאַנצע יאָר־הונדערטער ניט געהאַט קיין רעכט צו האָבן פעלדער.

ווען די יידן האָבן פאַרלאָרן זייער זעלבסשטענדיקייט, פאַרלאָרן זייער לאַנד איז די קרוין פון שבועות ווי אַן אַגראַר יום־טוב אַראָפּגעפאַלן, פאַרבלאַסט געוואָרן און קוים־קוים וואָס מען דערקענט עס. די פריילעכע, גליקלעכע ספירה־צייט האָט אָנגענומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויעריקער צייט, ווי פון אבלות. די אַלע באַגרעניצונגען, ווי ניט מאַכן קיין חתונות, אויסמיידן הילכיקע פאַרוויילונגען און אַנדערע הגבלות, דריקן אויס דעם צער וואָס דער חורבן האָט געבראַכט. ס'איז אַ זכר לחורבן. עס דערמאָנט אויך דער ניט געלונגענער מרידה פון בר־כוכבא, ווען טויזנטער תלמידים פון רבי עקיבא זיינען אומגעקומען. שבועות אָבער ווי אַ יום־טוב איז געבליבן, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי דער „זמן מתן תורתנו". אַזוי הייסט דער יום־טוב אין די ליטורגישע תפילות און אויך אין קידוש און מיר פאַרהייליקן דעם טאָג כמעט נאָר ווי אַ תורה יום־טוב.

אַזוי בייטן די יידישע ימים־טובים זייער לבוש און זייער מיין, לויט דעם דור וואָס לעבט זיי דורך און לויט די אומשטענדן אין וועלכע דאָס פאָלק לעבט אין דער געגעבענער תקופה. וספרתם... איר זאָלט ציילן... באַקומט אַ נייע דערקלערונג. ס'איז איצט טאַקע די זעלבע צייט צווישן פּסח און שבועות, ספירה צייט, אָבער אַ צוגרייטונג צו קבלת התורה. כאָטש אין חומש איז ניט אָנגעגעבן גענוי דער טאָג פון מתן תורה, איז אָבער פאַר די חז"ל ניט געווען קיין ספק, אַז מתן תורה איז פאָרגעקומען אין דעם טאָג פון שבועות און עס איז דער זעקסטער טאָג



אין חודש סיון, שטיצנדיק זיך אויף דעם פּסוק אין שמות יט־א.

די יידן זיינען אַרויס פון מצרים אין ניסן. פאַרוואָס האָבן זיי געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג צו קריגן די תורה? ענטפערט די אַגדה: דער רבונו של עולם האָט געזאָגט, מיינע קינדער זיינען אויסגעמאַטערט, ערשט איצט אַרויס פון אונטערן יאָך פון ליים און ציגל און זיי קענען נאָך ניט אויפנעמען די תורה. ד.ה., זיי דאַרפן זיך צוגרייטן צום קאָלאָסאַלן אַקט פון קבלת התורה. זיי דאַרפן ציילן—וספרתם— איר זאָלט ציילן...

פון ספירה ציילן קען מען זיך אָפּלערנען אַ וויכטיקן מוסר־השכל. „וספרתם לכם"— איר זאָלט ציילן פאַר זיך. ד.ה. איר זאָלט אַליין אַכטונג געבן אויף אייערע חשבונות, אייערע אייגענע יחידישע און נאַציאָנאַלע חשבונות, אויף אייער מאַטעריעלן און גייסטיקן פאַרמעגן. און דאָס וועט אייך אויפהיטן פון פאַרקריכן אין פרעמדע גערטנער, אַסימילאַציע א.אַז.וו.

אַזוי ציילן מיר אונדזער ספירה לויט אונדזער אייגענעם לוח, פון פּסח ביז שבועות, אין גרויס דערוואַרטונג אויף דער אויפטרייסלענדיקער געשעעניש פון מתן תורה, פונקט ווי חתן־כלה ציילן די טעג צו זייער גליק, צו זייער חתונה. שטייענדיק ביים באַרג סיני האָט דאָס גאַנצע פאָלק געהערט — ווי דער חומש שרייבט — גאָטס קול צווישן קולות וברקים, פּראָקלאַמירנדיק פייערלעך די עשרת הדברות, וואָס איז דער יסוד פון דער יידישער אמונה, און פאַקטיש די באַזע פון יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ס'איז אַ קאָנסטיטוציע וואָס דאַרף רעגולירן דאָס לעבן פון וויגל ביזן גריבל, אַ תורת חיים פאַרן יחיד און פאַרן כלל.

מערקווירדיק, דאָס איז געשען נאָך איידער יידן האָבן געהאַט דאָס לאַנד. נאָרמאַל נעמט אָן אַ פאָלק אַ קאָנסטיטוציע, ווען עס איז שוין איינגעלעבט אין זיין אייגן לאַנד. און דאָ איז אַ פאַרקערטע דערשיינונג. מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט וואָס האָט באַקומען אַ נאַציאָנאַלן סטאַטוס נאָך איידער זיי זיינען אַריין אין צוגעזאָגטן לאַנד. „היום הזה נהיית לעם", אין דעם דאָזיקן טאָג ביזטו געוואָרן אַ פאָלק. דער מתן־תורה אַקט מיט די צען געבאָט האָט געמאַכט אַז אַ פּרימיטיווער שבט פון שקלאַפן איז ווי דורך אַ מאַגישן כח (דורכן שם המפורש) פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלט־פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַ נייעם גלויבן און אַ נייע מאָראַל.

דאָס איז געווען אַ געוואַלדיק גייסטיקע דערהויבונג, אַן איבער־מענטשלעכע איבערלעבונג אין דעם געמיט פון אַ פאָלק, וואָס איז ערשט איצט אַרויס פון אַ גרויזאַמער פאַרשקלאַפונג. עס איז אַזוי אייגנאַרטיק וואָס מען טרעפט ניט ביי קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט. הערט אַ שפּרונג — פון פּיתום ורעמסס צום הר סיני, פון אַ שקלאַפן פאָלק צו אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש. און זיי האָבן געזען ווי דער באַרג הייבט זיך און דער הימל נידערט אַראָפּ צום באַרג — אַ מין קאָסמישע ענדערונג ווען הימל און ערד קומען זיך צוזאַמען און עס ווערט געשלאָסן אַן אייביקער בונד צווישן ג־ט און זיין פאָלק. דאָ ביים באַרג סיני האָט זיך אָנגעהויבן צו שמידן די קייט פון יידישער נצחיות, אַ ווענדפּונקט אין לעבן פון יידישן פאָלק וואָס האָט באַשטימט זיין קולטור־היסטאָרישן מאַרשרוט אויף דער וועלט אַרענע. און מערקווירדיק — דאָס האָט אויך אַרויסגערופן אַן אייביקע שנאה צו די יידן פון אומות העולם.

די תורה איז געגעבן געוואָרן אין מדבר, במקום הפקר, אין אַ קיינעמס־לאַנד, כדי צו ווייזן אַז זי קען געהערן צו יעדן איינעם וואָס וויל זי אויפנעמען. ניט נאָר צו יידן. די עשרת הדברות (חוץ די ערשטע צוויי און שבת) איז ניט קיין נאַציאָנאַל־יידישע. ד.ה., עס האָט ניט צו טאָן אויסשליסלעך מיט די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. ניין, זיי זיינען אַלגעמיין מענטשלעכע, פאַר אַלע פעלקער און פאַר אַלע דורות אָן אונטערשייד פון לאַנד און אָפּשטאַם. און אַזוי האָט עס ג־ט אַריינגעשטעלט אין זיין וועלט־פּלאַן, דער נביא צפניה זאָגט: „כ'וועל מאַכן אַז אַלע פעלקער זאָלן דינען צו ג־ט ווי איין מאַן." דאָס ווייזט די אוניווערסאַלקייט פון דער תורה. מען קען פון דעם זעען ווי פאַלש עס איז צו באַשולדיקן אין ראַסיזם אָדער אין וועלכער עס איז פאָרמע פון דיסקרימינאַציע קעגן די גוים.

די פעלקער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די תורה. זיי האָבן ערשטנס אַ פרעג געטאָן: וואָס איז געשריבן אין דער תורה? און ווען עס האָט אָפּגעשאַלט איין געבאָט נאָכן צווייטן און עס איז געהערט געוואָרן דער אָנזאָג פון „לא תרצח" האָבן זיי זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם. אָבער די בני ישראל האָבן עס גלייך אָנגענומען מיט אַן ענטוזיאַסטישן „נעשה ונשמע", גרייט אויסצופאָלגן אַלע געבאָטן.

דער מתן תורה אַקט האָט פאַרזיגלט דעם גורל פון פאָלק ווי אַן עם סגולה, אַן אויסדערוויילט פאָלק, אָבער מיט אַ תנאי — אויב איר וועט פאָלגן די געבאָטן און פאַרבאָטן פון דער תורה. די עשרת הדברות זיינען קלאָר, צימצומדיק און זייער לאַקאָניש פראָקלאַמירט געוואָרן. און מיר לייענען דאָס טאַקע שבועות ביי קריאת התורה (פרשת יתרו). דאַן קומט די סדרה „ואלה המשפטים" ווי אַן אויסברייטערונג, אַ צוגאָב און דערקלערונג פון די צען געבאָט. משה דערקלערט די דינים ומשפטים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער דורכפירונג פון די עשרת הדברות, מיט דער פראַקטישער אויספירונג פון דער געזעצגעבונג , וואָס נעמט אַרום יעדן שריט פון טאָג־טעגלעכן לעבן. געזעצן וואָס זיינען פאַרגליווערט, איינגעשריבן אויפן פאַפיר אָדער אפילו איסגעקריצט אויף שטיינערנע טאָוולען און ווערן ניט דורכגעפירט אין רעאַלן לעבן, האָבן קיין ווערט ניט, מעגן זיי זיין די דערהויבנסטע. משה ברענגט דאָרטן אַ רייע געזעצן, וועלכע גיבן גלייכהייט און פרייהייט צו יעדן מענטשן, צו אַלע בירגער, ניט נאָר צו יידן. עס רעדט זיך דאָרט וועגן דער חשיבות פון מענטשן. דער הויפט ווונטש פון דער יידישער אמונה איז צו פאַרזיכערן די פערזענלעכע פרייהייט פאַרן מענטשן, דער יסוד פון אַלע תורות און פון אַלע מאַגנאַ־קאַרטעס.

שבועות איז דער איינציקער יום־טוב וואָס האָט פאַר זיך ספעציעלע תפילות וואָס קיין אַנדער יום־טוב האָט ניט.

1. דער אַלטער מנהג צו לייענען שבועות ביינאַכט דעם „תיקון ליל שבועות" און זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, אַ ליל שימורים און עוסק זיין אין לערנען, ד.ה. זיך צוגרייטן צום פרימאָרגן פון מתן תורה. דער תיקון — דאָס איז אַ זאַמלונג וואָס אַנטהאַלט אין מיניאַטור אונדזער גאַנצן גייסטיקן אוצר — דעם אָנהייב און סוף פון יעדער סדרה פון דער תורה, נביאים און כתובים; די ערשטע און לעצטע משנה פון די 63 מסכתות פון תלמוד; שטיקלעך פון ספר יצירה און פרקים פון זוהר. דאָס דאַרף דינען ווי אַ מיטל אָפּצופרישן די גאַנצע תורה, כל התורה כולה בלילה אחד.

2. דאַן לייענט מען אין קריאת התורה די פאָעמע אַקדמות, אַ לויב־געזאַנג צו ג־ט, ווו עס זאָגט זיך אין דער ערשטער סטראָפע : —

ווען אַלע הימלען זאָלן פאַרמעט זיין,
און שרייב־רערן אַלע וועלדער,
און אַלע ימען זאָלן טינטערס ווערן,
און אַלע וועלט־באַוווינערס שרייבערס,
וועלן זיי ניט קענען באַשרייבן די
גרויסקייט און הערלעכקייט פון דעם
באַשעפער.

3. שבועות לייענט מען מגילת רות ווייל שבועות איז דער געבוירן־טאָג פון דוד המלך — אויך דער טאָג פון זיין פטירה. ער איז דער בויער פון דער יידישער מלוכה, דער שטאַם־פאָטער פון די מלכי יהודה, דער תהילים־זינגער און דער אור־פאָטער פון משיח גואל־צדק. אין מגילת רות רעדט זיך וועגן זיין משפחה־יחוס, ווייל רות איז די עלטער־באָבע פון דוד המלך. די צייט פון דעם סיפור המעשה איז מרמז אויף דער צייט פון שבועות. עס איז אַ שילדערונג פון אַמאָליקן תמימותדיקן לעבן אין דער שופטים צייט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך פאַרנומען מיינסטנס מיט ערד־אַרבעט. רות, די העלדין פון דער מגילה, מיט איר פערזענלעכקייט און לעבנס־סטיל שטעלט פאָר די אידעאַלע פערזענלעכקייט פון אַן אמתן גר־צדק.

דער יום־טוב שבועות, ווי איך האָב זיך באַמיט צו דערקלערן, פאַרקערפערט צוויי פאַרשידענע באַגריפן: פון איין זייט אַ נאַטור יום־טוב, וואָס דריקט אויס אַ זעלבסטשטענדיקע עקאָנאָמיק, אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבנס־שטייגער אויף

(סוף אויף זייט 49)



איש יאיר / מאָנטרעאַל

# לידער

## אין פיבער

שטומען די גאַסן, שווייגן די שטיבער —
ליגן שוין אַלע געשאָכטן אין גריבער.
וואַרגן מיך צעפּ פון ווערבעס צעשויבערט.
ווייק איך אין אַנגסטן און שווייסן פון שוידער.
שטאַרבן די עלמעס אין קופערנער היץ.
קלעטשקעט אין מאַרך אַ קאָשמאַרענע גריץ.
די וואָר ווערט אַ מזיק וואָס מאַכט פון מיר חוזק.
ביים קרייץ פון די וועגן דאָס הענג איך אַ יויזעק.
ווער האַלט אין איין באָגלען מיין פלייש און געביין?
ווער שטשירעט און קייכט דאָס מיט געל־פוילע ציין?

שוועב איך ווי פּאָך פון האַרבסטיקע טשאַטשקעס,
אין מיט פון אַ טשאַטע צעקראַקעטע קאַטשקעס;
דאָס שטויסט זיי אַ פּאַניק פון הי צו אַנטרינען —
צי וועל איך אויך ערגעץ אַ מקלט געפינען?...

דערוועקט מיך, אוי מינטערט מיין צאַנקענדיק פלעמל!
— פלאָנטערסט זיך סיי ווי צ'ישן פיס פון געזעמל,
אַן איבריקער ביסטו, אַ פרעמדער, פאַרשטויסן;
שוועב זיך, און זינק דיר אין ליידיק דעם גרויסן...

## ווועמען גראַבלסטו די אויגן אויס?

וועמען גראַבלסטו די אויגן אויס, דו ווינטער־קשאַק?
דער ליידאַק, וואָס האָט אַרויסגעריסן דיך פון זאָמען־צונג,
פון האַרבעריק פון אומבאַשאַף צום שפיר־האַרמידער,
האָט נישט געלאָזט קיין אות נאָך זיך אין פוילנדיקער זריעה־שאָל.

די טענות דיינע — געשפיגן אינעם אויג פון ווינט —
ווי ליסקעס — אין דיין פרצוף — ער שמייסט קעריק.

ר'איז שאַלאַטן־שמש נאָר ביי רעב ווייסט־נישט־וועמען.
זיין וויעצן, יאָמערן און ברומען, איז נאָר גולם־אָנגעדרייט,
דיין אויסדאַכטונג אין לאָגל צער, וואָס יאַטרעט פון פאַרשעמען.

# דאָס קול פון טראָפן

(קול = 136 = 17 X 8)

לזכר נשמת אחי
ר' יחיאל מנחם שטערן ז"ל

„קול ענות אָנכי —
דאָס קול־געשריי פון 'אָנכי' "
(אור החיים, שמות ל"ב, י"ח)

### ק"ה

האָרך זיך איין, פאַרנעם
דעם גילגול פון אַ ניגון —
לייז־אויס פון פאַרשעם.

### ק"ו

פון דער שטום אַרויס,
אויף דער בראָכשטול פון אימה —
וויי־געשריי פון וואָרט.

### ק"ז

אָפּריס פון אחד
פאַרצאַפּלט ביים אַנטפּלעקן
די נאַקעטע נול.

### ק"ח

שרייער אין טויט־שרעק
פאַר שלוקערץ פון אַנטיגאָט
— טויט — די ליידיקייט.

### ק"ט

יאוש־געיאָמער,
„אחד!" עכאָט אין חלל
עלנטער אַנדערש.

### ק"י

אחד ווינקט דרייצן:
דרייצן דימענטן — אהבה.
גאָט — אין ליבשאַפט־פלאַם.

### קי"א

זינג „יום הששי!"
פאַרטויב דאָס פרעכע געשפּעט
אין גאָטס עיגול־וועלט.

### קי"ב

האָרך זיך איין, פאַרנעם
„שמע ישראל, אחד!":
איינציק, ליבשאַפט — שם...

(שרה ליינער — סוף פון זייט 46)

אַן אייגענעם באַדן. פון דער צווייטער זייט — אַ יום־טוב פון „זמן מתן תורתנו", געבוירן אין דעם מדבר סיני, אויפגעקומען ווי השלמה, פאַרפולקאָמונג צום יום־טוב פסח, וואָס האָט געגעבן דעם יידן דעם באַגריף און מאָראַלישן זין פון אַ מענטשלעך לעבן, די עשרת הדברות, ווי דער פונדאַמענטאַלער קאָדעקס פון אונדזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט און יסוד פון אונדזער אמונה און קולטור.

ביידע באַגריפן, דוכט זיך אַזוי פאַרשידן, צווייפאַכיק, אָבער זיי גייען צוזאַמען, זיי זיינען ענג פאַרבונדן און צוזאַמען שאַפן זיי אַ ווונדערלעך שיינעם, אייגנאַרטיקן, אינהאַלטרייכן יום־טוב.



משה שקליאַר

# אין דער פרעמד

(פראַגמענט)

אין קליינעם צימער ביי וויאַ נאַציאָנאַלע,
וווּ פאַרטראָגן האָט עס זיי פון היים דער אַלטער,
געשאָטנט האָבן זיך די העלע שטראַלן —
קוים דורכגעריסן דורך די לאָדן־שפּאַלטן.
און בינהן האָט געדאַכט — אַליין אַ שאָטן,
זי הענגט דאָ צווישן ווענט די פיר — אַ העמד
וואָס עמעץ האָט פאַרוואָרפן אויף די דראָטן
און געלאָזן אַזוי הענגען אין דער פרעמד.
און דערמאָנט האָט איצטער בינה־בראָניסלאָוואַ:
אַמאָל מען פלעגט פאַר שמעונס שאָטן זי באַטראַכטן...
אַ מאַמע, פרוי און אַ געטרייער חבר,
האָט זי פרי געלערנט ווי באַזאַכט זיין.
די־אַ גוטע מידה האָט זי פון דער פרומער
היים אירער מיט זיך אַרויסגעטראָגן.
געוווּסט האָט זי ווען נייטיק איז צו שטומען
און ווען אַ וואָרט אַריינשטעלן, וואָס זאָגן,
אַז באַשטיין דאָס וואָרט זאָל פאַר אַן אַנדער הונדערט.
פריינד געוווּסט האָבן — מען קאָן זיך איר פאַרטרויען,
דאָס האַרץ צעעפענען ווען ס'איז פאַרווונדעט
אַ טרייסט געפינען אין אַ שעה פון טרויער.

נאָר איצטער איז זי גאָר אַליין פאַרווונדעט
און ס'איז נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן.
די פריינד — אין ווייטן ערגעץ, אָפּגעזונדערט,
און פאַר שמעונען די וועלט האָט זיך געענדיקט.
אויף פאַניע האָט כמעט ווי זיך דערוויטערט —
געהאַט האָט זי מיט מיעטעקן צוזאַמען
שוין איר אייגן לעבן און קיין צייט איז
נישט געווען שוין מער אפילו פאַר דער מאַמען.
פלעגט זי זיצן, בינה, אינעם קליינעם צימער
שעהען לאַנגע שווייגנדיק פאַרביסן —
אין דרויסן האָט גערוישט אַלץ און געשימערט,
נאָר אין איר האָט עפּעס ווי זיך אָפּגעריסן.
פאַרוואָס אַזוי איז שווער געווען אַליין איר
צו פאַרשטיין, באַנעמען מיטן קלאָרן זינען —
דאָרטן האָט מען זי פאַרטריבן און פאַרשטיינערט,

געפילט האָט זי ווי ס׳גייט איר נאָך די שנאה,
און דאָ, אונטער איטאַליס זון צעגליטער,
ס׳איז אַלץ נאָך קאַלט און אומעטיק און ענג איר—
זאָל זיין דערפאַר ווייל זי איז אין דער מיטן
פון אַ לאַנגן שווערן וועג געבליבן הענגען?

געפילט האָט זי פאַרשפאַרט זיך אין די פרעמדע
ענגע ווענט, ווי אין אַ תפיסה־קאַמער,
נאָר צייטנווייז איר בליק האָט אַלץ פאַרענדערט
און דעמאָלט האָט געדאַכט איר אַז די מאַמע
אירע האָט אַ שניי־ווייס טישטעך אויסגעשפרייט
אויפן הינקענדיקן טישל וואָס געשטאַנען איז פאַרשעמט
אין אַ ווינקל, ס׳זאָל נישט שטערן ווען מען גייט
צום פענצטער צו, וווּ בעטן צוויי זענען פאַרקלעמט.
און ס׳האָבן זיך די ווענט ווי אָפּגערוקט,
גערוימער, ליכטיקער געוואָרן איז אַרום
און זי האָט אין דער ווייטקייט ערגעץ וווּ געקוקט,
וווּ ס׳האָט זיך אויפן ווינט געוויגט אַ בלום
און בלעטלעך זענען פון איר אָפּגעפאַלן.
געטראַכט האָט זי אין אָט אַזעלכע רגעס
אַז דאָס איז זי די בלום און אַלע שטראַלן
האָבן אָפּגעטאָן פון איר זיך און געלעגן
איז זי אויף דער ערד דאָרט און געוויאַנעט...
צי איז זי דאָ פאַרמשפט אומצוקומען,
אָדער זי וועט זיך אַרויסרייסן פון דאַנען
און ווידער זיין אַ בלום צווישן בלומען,
ווי אַמאָל אין טאַטע־מאַמעס נעסט דער וואַרמער
פון וואַנען זי איז אָן אַ וואָרט פאַרפלויגן?

געוואָלט האָט זי דער מאַמען איצט אומאַרמען
און ווישן איר די טרערן פון די אויגן — — —
געוואָלט האָט זי איצט בעטן זיך מחילה
פאַר אַלע פיינען, וואָס זי האָט פאַרשאַפן
דער מאַמען און דעם פרומען טאַטן ווען מיט שטילע
טריט זי איז פון היים אַוועק, ווי פון אַ האַפן
צו וועלכן ס׳איז נישטאָ שוין מער קיין צוריקקער,
גלייך ס׳וואָלטן מיט איין מאָל זיך איינגעבראָכן
אַלע אַלטע שטאָל־געשמידטע בריקן
און געבליבן זענען פון זיי אַש און פראָכן.



געדאַכט האָט איר אַמאָל — אַריבערהיפּן
מען קאָן אַ לעבן, וואָס האָט זיך געפורעמט
זינט דורות און צערייסן אַלע קניפּן,
וואָס צערייסן האָבן נישט געקאָנט קיין שטורעמס.
אָ, ווי נאַיוו זי איז געווען, בינה,
פאַרשטאַנען האָט זי איצט דאָ אינעם צימער,
וווּ זי האָט צווישן שאָטנס זיך געפינען,
וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם סוף פון זומער.
נאָר געוווּסט האָט זי, אַז סוף האָט אויך אַן אָנהייב,
און אָנהייבן אויפסניי זי מוז אַצינדער,
אַז ס׳זאָלן נישט פון אייגן בלוט און לייב
זיך אָפּרייסן — ווי זי אַמאָל — די קינדער.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

שעכטער גאָטעסמאַן, ביילע, שאַריי, נ.י. פאַרלאַג מתנות, 1980.

זאַרעצקי, הינדע, צו די ברעגן פון תל אביב, נ.י., פאַרל. ברידער שול־זינגער, 1919.

יעלין מאיר — די מיראַזשן פונעם אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק״— תל אביב, 1981.

גראָסמאַן, י. — עסייען און זיכרונות, מאָנטרעאַל, 1974.

גראָסמאַן י. — מאָנאָגראַפיעס און עסייען, ניו־יאָרק, 1977.

שליט, חנה — אין שטענדיקן צאַפּל, לידער. תל־אביב, 1980..

סאַפּאָזשניקאָוו, גרשון — יצחק באַשעוויס זינגער, דער קינסטלער פון זינד און תשובה.

אַלטערמאַן, י. ב. — הײמלאָזע, דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן, תל אביב 1980.

יאַקיר, יאַנקל — געשיכטעס און פּאָרטרעטן, פאַרלאַג „אייגנס״, 1981.

מ. צאַנין: דער ירדן פאַלט אַריין אין ים המלח.

ירושלימער אַלמאַנאַך, פאַרל. „אייגנס״ ירושלים 12#.

שטשושינסקי, אָשר — פון לאַנד צו לאַנד, תל אביב, 1979.

שטשושינסקי, אָשר — צווישן ערד און ים, לידער. תל אביב, 1980.

לעמפּעל, בלומע — אַ רגע פון אמת, דערציילונגען, תל אביב, 1981.

חיים לייב פוקס — הונדערט יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור אין קאַנאַדע — מאָנטרעאַל, 1980.

אַכטער באַנד לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור — אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1981.

דער באַנד דערשיינט אַ דאַנק דער הילף פון יחידים און אָרגאַניזאַציעס. דער הויפּט־מנדב איז אַלעקס ראָבין ע״ה, וואָס האָט מיט זיין גרונט־סומע געלייגט דעם יסוד פן אַרויסגעבן דעם באַנד אין אָנדענק פון זיין פרוי שפרה־בעקער־ראָבין ע״ה.

Kahn, Yitzhak: PORTRAITS OF YIDDISH WRITERS, 1979.

אָשר שטשושינסקי / מיאַמי, פלאָרידע

# בראָדוויי און קאַנאַל סטריט

## בילדלעך פון ניו־יאָרק

קאַנאַל סטריט אָטעמט שווער, מיט די לעצטע כוחות. זי קען נישט טראָגן די שווערע משא אויף איר שמאָלן רוקן. אָפּט קוקט דאָס אויס ווי די גאַס וועט באַלד פּלאַצן, צעשפּאַרט ווערן. פון איין זייט האָט זיך אויסגעלייגט די פאַרשטיקטע טשיינאַטאַון מיט אירע ענגע געסלעך, פאַרשטאָפּט מיט כינעזישע רעסטאָראַנען, מיט געשעפטן, מיט טויזנטער איינוווינער וואָס וווינען צענדליקער אין צימער. די כינעזישע שטאָט ליגט ביים אַריינפאָר צום מאַנהעטן בריק, וואָס פירט צו ברוקלין. אַנטקעגן ליגט די באַוערי, מיט איר נאָכאַנאַנדיקן פאַרקער פון און צו דער בריק. ביים זייט ציט זיך די ניו־יאָרקער אַלטע איסט־סייד מיט אירע שמאָלע געסלעך, צוגעפּאַסטע פאַר דער פערד־עפּאָכע; אַלטע, נידעריקע, אָפּגעקראָכענע מויערן, הורט־געשעפטן. אַן אומעטיקע גרויקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף דעם „וויגעלע" פון דעם אינדוסטריעלן ניו־יאָרק. אינדוסטריעס, געגרינדעטע אָנפאַנג דעם יאָרהונדערט פון אימיגראַנטן, מיט דער באַוווסטער „אָרטשאַרד" גאַס.

עטלעכע בלאָקן (קוואַרטאַלן) נידעריקער ציט זיך בראָדוויי, וואָס שניידט איבער ניו־יאָרק פון איין זייט ביזן צווייטן, צווישן אַ געפלעכט פון גאַסן און געסלעך וואָס פירן צום האָדסאָן טונעל, ביזן סוף פון דאַונטאַון וואָס ענדיקט זיך ביים ברעג פון אַטלאַנטישן ים. בראָדוויי — ווי אַ לאַנגע אָן סופיקע שלאַנג, דורך וועלכער ס'שטראָמען נאָכאַנאַנד משא־אויטאָס, אויטאָמאָבילן, טאַקסיס, מענטשן אויף טראָטואַרן. די גאַס איז פול מיט געלאָף, אָפּט זעט דאָס אויס ווי די גאַס אַליין וואָלט זיך פונאַנדערלאָפן...

אויף דעם ווינקל פון די צוויי גאַסן, וווּ קאַנאַל סטריט שניידט איבער בראָדוויי, קענסטו זען מענטשן פון אַלע קאָלירן, וואָס לעבן איבער קאָנטינענטן, איבער דער גאַנצער וועלט, און הערן דעם קלאַנג פון אַלע לשונות איבער דער וועלט — אַלע כינעזישע דיאַלעקטן, אַלע אינדישע לשונות, פּאָרטוגעז, שפּאַניש, אַפריקאַניש, וויעטנאַמיש, אַראַביש, פראַנצויזיש און יידיש, ווי די וועלט וואָלט זיך דאָ געקומען באַגעגענען פאַרן נייעם מבול, וואָס וועט איין טאָג קומען...

איבער די ארויסגעשטעלטע „טארימאָס" צונויפגעקלאַפּטע ברעטער אין נידעריקע טישן) ליגן סחורות פון כל המינים, פיש, פרוכטן. ביים זייט פון עלעקטראָנישע אַפּאַראַטן ליגן קינדער־ און מענער־אָנטועכץ, אַלץ צווייט־קלאַסיקע, בראַק. ס'איז אַ וועלטמאַרק פון פאַרקויפער און קויפער, אַ געמיש פון קאָלירן און שפּראַכן. דאַרפסט אָבער זיין פאָרזיכטיק מען זאָל ביי דיר נישט אַרויסציען — הייַנטיקע צייטן — די פאָר דאָלער פון קעשענע און איבערלאָזן אַ ליידיקן טאַש...

אַז דו דערגייסט צום פּאָסט־אָפיס אויפן ווינקל פון טשוירטש סטריט, ווערט שטילער, ווי דאָרט וואָלט זיך געענדיקט דער גערויש. די גאַס ווערט ברייטער און די די באַוועגונג שיטערער.

*   *   *

בראָדוויי ביי קאַנאַל סטריט רוט נישט — פון ברוקלין צו ניו־דזשוירזי, פון האָדסאָן טונעל צו ברוקלין, פון גאַנצן לאַנד, טראָגן זיך גרויסע „קאָסטנס" אויף צוועלף, אויף אַכצן רעדער, משא־אויטאָס, אַ ניו־יאָרקער לעבנס־אַרטעריע, געשטויסן פון עלעקטרישן שטראָם — אַלץ טראָגט זיך אָן אַן אָפּשטעל, ערגעץ צו אַ ציל...

ביי די זייטן פון גאַס — קראָמען, רעסטאָראַנען, נעמען פון קאַפעען, וואָס ליגן ביי יעדן ניו־יאָרקער אויפן שפּיץ צונג — „טשאַק פול אָ' נאַטס", „מאַקדאָנאַלד" — באַקאַנטע קאַפעען איבער גאַנץ ניי־יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד. מענטשן עסן פרישטיק, טרינקען קאַווע, יעדער האָפט אויף אַ גוטן טאָג....



נאַטאַן האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל ביים אַריינפאָר צום פאַרקער פּלאַץ אויפן ווינקל פון גאַס, אַרויסגעגאַנגען און באַטראַכט אַ ווילע זיין נייעם אָלדסמאָביל, און אַריבערגייענדיק די גאַס צו גיין אין זיין קראָם אויף דער וועלט־באַרימטער טעאַטער־ און פאַרוויילונגס־גאַס, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווילע און אַריבערגעקוקט צו די טירן און גרויסע פענצטערס פון זיין קראָם. ער האָט געפילט אַן אינערלעכע צופרידנקייט. דער מענטש פאַרמאָגט מוט ווען ס'גייט אים גוט, ווען ער אַרבעט און פילט אַז ער בויט פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן, ווען ער איז צופרידן מיט זיין פאַמיליע, מיט זיין ווייב, מיט זיינע קינדער; ער פילט אַז ער גייט און וועט שטענדיק גיין פאָרויס.

נאָר פּלוצלינג האָט ווי די שאַרף פון אַ צעבראָכן גלאָז עפּעס אַ שניט געטאָן אין זיין געדאַנק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז נישט לאַנג געקומען אין דעם לאַנד, נאָך קיין צען יאָר נישט... ער האָט זיך דערמאָנט פון וואַנען ער איז געקומען און דורך וואָס פאַר אַ ניסים און צופאַלן ער האָט זיך געראַטעוועט. זיין גאַנצע איבערלעכע רואיקייט האָט זיך צעשאָטן ווי גליטשיקע לייַנזוימען פון אַ צעריסענעם זאַק, די אויגן האָבן זיך פאַרגלעזערט, די קראָם, צו וועלכער ער איז געגאַנגען, האָט זיך פאַרשאָטנט; ער האָט פאַרגעסן אָן זיין פאַמיליע, אָן זיין גוטן נאָמען... ער גייט הינטער שטעכיקע דראָטן... אָנגעטאָן אין אַ ווייס־שוואַרצער העמד אין פּאַסן, באָרוועס... „איך גיי אַראָפּ פון זינען...

האָט אַ שלאָג געטאָן אין זיין באַוווסטזיין. שטייט אויף זיין גאַס, לעבן זיין געשעפט...

— גיב אַ קוואָדער... אַ קוואָדער (אַ פערטל דאָלער)... דזשענטלמען...

— וווּ בין איך? — נאַטאַן האָט געוואָלט טראַכטן און נישט געקענט. ער האָט זיך דערפילט ווי פאַרפלאָנטערט אין די שטאַרקע שטריק פון אַ נעץ... אַ פלאָנטער פון צייט, פון איבערגעלעבטע אַנגסטן פאַר יאָרן, פון הונגער און שרעק, פון דערנידערונג... מענטשן, מענטשן־חיות...

— איך בין דאָ? אויף דער גאַס? לעבן מיין קראָם? ס'גייט מיר נאָך דער קאָשמאַר, פון וועלכן איך האָב געמיינט אַז איך האָב זיך געראַטעוועט. וואָס וויל ער פון מיר?...

— גיב אַ קוואָדער... — האָט הייזעריק געכאָרכלט די שיכורע שטים. די פיס האָבן זיך געבויגן צו דער ערד.

— גיב אַ קוואָדער... אויף אַ טרונק, אַ מענטש דאַרף נישט מער...

אַ שטיק שמוציק מענטשן־פלייש האָט זיך געשאָקלט פאַר נאַטאַנען.

— אויף אַ קאַווע, אויף... וועל איך דיר געבן.

— גיב אָדער גיב נישט! — האָט ער געבורטשעט. — גיב נישט קיין עצות, יעדער מענטש גייט זיין וועג... לעבט זיין לעבן...

— פאַלש! — האָט נאַטאַן אויסגעשריען. פאַלש! מיך האָט מען געצוווּנגען צו לעבן ווי אַ הונט, ווי אַ שטשור! איך האָב נישט געלעבט מיין לעבן... אפשר ביסטו דאָס געווען? מענטש? איצט גייט מיר נאָך דער קאָשמאַר און לאָזט נישט לעבן...

— גיב אַ קוואָדער... אָרעמער מענטש... האָסט רחמנות... נאָר ווילסט פאַר אַ קוואָדער ווערן מיין וועגווייזער.

נאַטאַן וויל מיט זיין פרימאָרגן־געדאַנק פאַרשטיין, נאָר ווי קען מען פאַרשטיין דעם מענטש, אַז יעדער איינער איז אַ וועלט און טראָגט וועלטן אין זיין געדאַנק.

און די שווערע משא־אויטאָס שאַרן זיך אַראָפּ בראָדוויי צו דאַון־טאַון, די מאָטאָרן כאָרכלען, ברומען, און טאַקסיס טרובען. אַלץ איילט זיך, יעדער מאָנט זיין וועג. יעדער זוכט זיין וועג צווישן שטיין... צווישן מענטש. און איבער אַלץ, איבער

דער לייכטער קלאַפּ פון אַן אויסגעשטרעקטער שמוציקער האַנט, פאַרדעקט מיט אַ צעריסענעם אַרבל, אָן וועלכער ער האָט זיך אָנגעשטויסן, האָט אים אויפגעוועקט פון זיין פאַרטראָגנקייט ער האָט אַ ווילע אָנגעקוקט די איינגעבויגענע שמוציקע פינגער, דעם אָפּגעבריענטן, צעקורטשעטן, פאַרבלאָטיקטן פּנים, די איינגעשרומפּענע אויסגעלאָשענע אויגן — ווער ווייסט וויפל טעג ס'איז קיין טראָפּן וואַסער אויף זיי נישט געפאַלן; דעם פאַרסמאַליעטן אָנטועכץ, און דערזען, אַז ער

אַלעמען הענגט אַ פאַררויכערטער ניו־יאָרקער פרימאָרגן.

— אויף אַ קאַווע? — פרעגט נאַטאַן.

דער מענטש גיט אַ צי צוריק זיין שמוציקע האַנט, ווי דאָס וואָרט וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן...

— קאַווע? ס'זאָל מיר צערייסן די קישקעס? גיב אָדער גיב נישט, נאָר גיב נישט קיין עצות. מיט מיין קוואָדער קען איך טאָן וואָס איך וויל.... ווילסט פון מיר מאַכן אַ מענטש... צו שפּעט, צו ווייט... ווערסט באַלד פרעגן ווער איך בין... פון וואַנען איך קום, ווער ס'האָט צוגענומען מיין ווייב, מיין קינד... אַלע זיינען זיי מענטשן... נאָר נישט איך...

זיינע אויגן האָבן זיך שאַרף צעעפנט, אַנדערע אויגן... ער קוקט אויף נאַטאַנען, און אויף זיין פּנים שפּרייט זיך אויס אַ גרימאַסע פון ווייטיק.

נאַטאַן שלעפּט פון קעשענע אַ פּאַפּירענעם דאָלער.

— גיב נישט! גיב נישט גאָרנישט!... נישט כדאי...

נאַטאַן שטופּט אים דעם דאָלער אין דער צעריסענער קעשענע. דער שיכור דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער שמוציקער שויב פון אַן אָנגעוואָרפענער שניטקראָם...

נאַטאַן דרייט זיך אויס... ער וויל אים זען, זען נאָך אַ מענטשן אויף ניו־יאָרקער גאַסן. גרויסע טראָפּנס רינען איבער זיין פאַרבלאָטיקטן געשוואָלענעם פּנים...

* * *

ביי די ווענט פון די אַלטע אָפּגעלעבטע מויערן אויף קאַנאַל סטריט פירט אַ גרויסער ברוינער הונט אַ בלינדן. דער בלינדער האַלט אין זיין האַנט דער אויסגעאַרבעטן לעדערנעם געשטעל, וואָס העלפט אים פילן יעדן טראָט, יעדע באַוועגונג פון זיין פירער.

נאַטאַן האָט זיך צוגעקוקט ווי די חיה פירט מיט פולער אַחריות זיין בלינדן בעל־הבית, און האָט אַ טראָט געטאָן נעענטער צום בלינדן.

— ווי רופסטו דיין פירער?

דער בלינדער האָט אויפגעהויבן זיינע פאַרגלעזערטע אויגן, וואָס זעען נישט ווער ווייסט פאַר וויפל יאָרן, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנקוקן דעם פּנים פון דעם וואָס פרעגט, און געענטפערט:

— מיין ליכט...

— ער האָט דיך קיין מאָל נישט פאַרשאַפט קיין צרות?

אַ ביטערע גרימאַסע האָט פאַרטונקלט

— נישט צוליב זיין שולד... מען פאַרשטעלט אים אָפּט דעם וועג... איך האָב צו אים מער צוטרוי ווי צו זיי...

אַ ביטערע גרימאַסע האָט פאַרדעקט דעם בלינדנס פּנים.

נאַטאַן האָט אַריינגעוואָרפן אַ פּאַפּירענעם דאָלער אין דער בלעכענער קווערטל, וואָס דער בלינדער האָט געטראָגן אַרויפגעטאָן מיט אַ קייטל אַרום זיין האַלדז.

— נעם אַרויס... ס'איז אַ פּאַפּירענער דאָלער... און דערביי האָט ער געטראַכט: וואָס טראַכט דער הונט וועגן זיין פריינד? וואָס טראַכטן ביידע — דער פירער און דער געפירטער מענטש?

דער הונט איז צוגעקומען צו די טרעפּ וואָס פירן צו דער אונטערבאַן, און זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אַראָפּצוגיין, ס'זאָל ווערן ליידיקער אויף די טרעפּ. ער האָט געהיט יעדן טראָט פון בלינדן. ווי נאָר ער האָט געקענט דורכברעכן אַ וועג צווישן דער מענטשן־מאַסע, האָט ער אַ צי געטאָן דעם געשטעל, און אָנגעזאָגט: „קום!" ער האָט צוגעפירט דעם בלינדן צו דער טירל דורך וועלכער מען גייט אַריין נישט צאָלנדיק. דער בלינדער האָט געעפנט דאָס טירל און אַריינגעלאָזט דעם הונט, און איז אַליין אַריין. זיי האָבן זיך געשטעלט פון דער ווייטן פון די רעלסן ביז ס'איז אָנגעקומען די באַן.

די חיה ברעכט זיך דורך אַ וועג צווישן דער מאַסע; זי פילט, אַז עמיצער האָט איר אָנפאַרטרויט זיין לעבן, און פירט דעם מענטשן אויפן גלייכן וועג.

די וואַגאָנעס אין דער אונטערערדישער באַן זיינען געפּאַקט מיט מענטשן. אַלץ שטראָמט דעם טאָג אַנטקעגן, אויבן אין די גאַסן און אונטער דער ערד.



לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות אַניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

— פון דער —

## ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָריי טעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: —

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־גיינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם בייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

דזשעק קאַהאַן, פּרעזידענט • אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................

Address..........................................

Date of Birth.......................... Soc. Sec. No..........................

Principal Amount $..........................................

Date.......................... Signature of Applicant..........................

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# רבונו של עולם

דער מענטש איז אַ בויגעוודיקע ליאַנע
און וויקלט מיט גייסטיקע בלעטער זיין שטאַם.
ער הייבט אָן זיין קאַיאָר מיט מוידעאַני (מודה אני)
און ווערט צונישט — ווי אַ פינקל אין פלאַם.

*
**

פאַר מיין האַרץ אַ פעלדזנריז,
אַ וואָרט שטעכט שאַרפער ווי אַ שפּיז.
כפל פריער אין מיר די רו
פאַר עוולות, וואָס מיר פאַלן צו —
ווי פאַרן קינד אומשולד־סימבאָל —
סע שלאָגט אים בלינד אַ מענטש פון שטאָל...

*
**

מאַך מיך גוט און נאָך בעסער —
כ'זאָל ווי אַ פלאַטערל
עולה זיין
און מיט ציון זיך פאַרשוועסטערן.
מע ווייס ניט
אויף ד'ערד איז אַלץ דאָך איבערגעקערט —
און פיטערן כ'וויל אַלץ מיין גלויבן —
ווייל מיין לאַנד מוז איך לויבן.
היט זשע דיין פאָלק —
כ'זאָל ניט לעסטערן!

*
**

אלף, וווּנדער־פּניכל — מיין כלה — דימענט,
וואָס האָט צו אַ נייעם אָנהייב מיך פאַרקנסט.
ר'איז אין מיר איינגעמויערט ווי מיט צעמענט,
און ווי אַ זיווג צוגעפאַסט.

*
**

מעגלעך, ניט אַלץ איז שיין,
וואָס איך האָב שוין געזאָגט,
נאָר כ'האָב נאָך אַ פולן וואָגן.
צעטראָגט מיך דער תהום פון געשוויג —
ווייל ווען וועל איך דאָס נאָך זאָגן?...



לאָטי פ. מלאך

# עד־דלאָ־ידע

(אַ מעשהלע)

באַקענט האָב איך זיך מיט מיין קליינער חברטע טשיפּל, בשעת זי איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און מיטן הינטן אַרויף און געטרויערט אויפן קול נאָך אַ נישט אויפגעגנייט קליידל. דאָס איז געווען אין סאַמע ערב פּורים — אסתר תענית, גאַנץ פרי, אַמאָל אין תל אביב.

אין דרויסן האָט מען שוין געאַרבעט ביים צוגרייטן דעם פּאַראַד. מען האָט אָפּגעשפּאָרט די הויפּט־גאַס, אַלענבי, זי פאַרבויט מיט פּאַלאַצן פון טאָוול, ווענט און טויערן, ברייטע הויפן, מיט באַלקאָנען פון ברעטלעך. דערנאָך האָט מען דאָס אַלץ באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, באַמאָלן מיט בילדער און אין דער מיט אַ הויכן טראָן פאַר אַחשוורושן און איבער דעם אַלעמען האָט מען פאַרצויגן מיט עלעקטרישע דראָטן און אָנגעצונדן קאָלירטע לעמפּלעך.

די קינדער האָט מען אַוודאי נישט געלאָזט פאַרשלאָפן דאָס געשעעניש, מען האָט זיי גערופן און געמונטערט, געוועקט זייער פאַנטאַזיע. איין קלייניקייט: אַז מען האָט זיך יאָ דערלעבט אויפצוהענגען המן הרשע, איז, קינדער, וואָס שווייגט איר? און די קינדער האָבן טאַקע נישט געשוויגן, זיי האָבן זיך געגרייט און געפרייט, געטומלט און געזונגען. נו, יאָ. געשיכטע איז איין זאַך, אָבער אַ נשף וועט דאָך זיין; און נאָך וואָס פאַר אַ נשף, אַ גאַנצע עדלאידע (אַדלעיאַדע — פעסטיוואַל), אַ נשף אין מיטן העלן טאָג. די קינדער מיט זייערע פאָרשטעלונגען און פאַרווייִלונגען האָט מען אָפּגעפּאַטערט אַ טאָג פאַר פּורים, וואָרים דער „הייליקער" טאָג גופא איז באַשטימט געוואָרן פאַרן אמתן גאַסן־מאַסקן־באַל. דערווייל האָבן די קינדער געהאַט גראַגערס, רעשונים אויף עברית, און זיינען אַ גאַנצע וואָך אַרומגעלאָפן מיט מאַסקעס אויף די פּנימלעך און גראַגערס אין די הענט און...

„הבה נרעשה רעש־רעש־רעש.
הבה נרעישה רעש־רעש־רעש —
ברעשונים" — האָבן זיי פאַרצויגן מיט די הייזעריקע גראַגערס.

* * * * *

אַזוי איז עס געקומען דערצו, וואָס טשיפּל האָט געהאַט איר נשף פונקט היינט, ערב פּורים, ווען איר ניי קליידל איז נאָך ניט געווען אויסגעפּאַרטיקט.

איך האָב געהערט דורך דער וואַנט, ווען איר מאַמע איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, זיך געוואַשן און גענומען צוגרייטן עסן פאַרן קינד אויף אַ גאַנצן טאָג, וואָרים ווער ווייסט ווען זי וועט היינט אַהיים קומען. אַ שטיקעלע הערינג, צוויי שטיקלעך ברויט אָנגעשמירט מיט פּוטער, אַ האַרט געקאָכט איי, צוויי רויטע פּאָמעדאָרן און עטלעכע גרינע ציבעלקעס. זי האָט דאָס צוגעדעקט מיט ליבשאַפט, איבערגעשפּרייט מיט אַ ווייסער סערוועטקע און אַריינגעשטעלט אין אייזקאַסטן. „צו געזונט דיר, מיין קינד, מיין איינציק קינד."

זי האָט צו מיין גרויסער פאַרווונדערונג אויפגעוועקט טשיפּלען אַזוי פרי, איר עפּעס אָנגעזאָגט, געטרייסט, געבעטן און זי געפּרוווט איינעמען: „זע, טשיפּל, ס'איז ניט אַזוי שלעכט. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי שיין דו וועסט אויסזען." זי האָט דערביי אויסגעשפּרייט אַ ריין אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט קליידל מיט צוויי שפּאָגל־נייע לאַטקעלעך אַריינגעזעצט ביי ביידע עלנבויגנס או איז אַוועק צו דער אַרבעט מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט געגאַנגען צו מזכיר נשמות.

טשיפּל האָט געקוקט, געקוקט און גאָר־נישט געענטפערט. ערשט ווען די מאַמע האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך און טשיפּל האָט זי געהערט אַראָפּגיין די שטיינערנע טרעפּ, האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. אָבער אַ געוויין...

איך קלאַפּ אָן אין וואַנט.
טשיפּל הערט ניט.
איך קלאַפּ אָן אין טיר.
זי ענטפערט ניט.
גיי איך אַריין —

זי זעט ניט.

נאָר ווי זי איז אַזוי געלעגן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן און מיטן הינטן אַרויף, האָט זיך ממש געבעטן: „שמיר". האָב איך איר טאַקע דערלאַנגט אַ פּיין „פּלעצל". דאָ האָט טשיפּל אויף אַמאָל דערהערט און דערזען און דערפילט. זי האָט זיך געגעבן אַ קוצקע איבער, אַ זעץ אויף און פון אונטער אַ געדיכטער כוואַליע בראָנז־קאָלירטע האָר האָט זיך אַרויסגעפּאַטלט אַ פּאָר אויגן, וועלכע האָבן מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט: „מי אַת?"— ווער ביסטו? איך, איך בין דיין שכנה." האָב איך זיך גאָר געמיטלעך באַזעצט ביי איר אויפן בעט. זי האָט זיך אויך אויפגעזעצט, גלייך און גענומען שאַרן מיט ביידע הענט די האָר פון איר פּנים: „אין אַת מדברת עברית?" „לא". „דיין מאַמע רעדט מיט דיר אויך יידיש." מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט אַ לענגערע צייט און גאָר אויף אַמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דערנאָך האָבן מיר זיך ערשט אַרומגעזען אַז מיר ווייסן גאָרנישט וואָס מיר לאַכן, האָבן מיר זיך ערשט רעכט צעלאַכט.

— איז וואָס־זשע האָסטו אַזוי שטאַרק געוויינט? — פרעג איך זי.

— ווייל... איך האָב נישט געוווּסט אַז דו ביסט דאָרטן דאָ.— וויזט זי מיטן פינגער אויף דער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ איר צימער פון מיינעם.

— יאָ, אָבער צוליב מיר האָסטו דאָך ניט געוויינט.

— איך האָב געוויינט, ווייל, ווייל... איך ווייס שוין פאַרוואָס.

— פאַרוואָס, טשיפּל, זאָג מיר אויך, האָב איך געפּרוּווט צונויפנעמען אירע סאַמעטענע האָר — דו וויינסט ווייל די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען?

— הס, די אמא גייט דאָך אַרבעטן. נאָר ווען איך בין אַלט געווען פיר יאָר, בין געבליבן אַליין און האָב ניט געוויינט — האָט טשיפּל זיך גענומען באַרימען.

— מיין אמא זאָגט, אַז איך בין אַ ילדה טובה (אַ וווילע מיידעלע) איך וויין קיינמאָל ניט. נאָר... אַמאָל, ביינאַכט, פאַרגעס איך זיך און וויין יאָ, קומט די אמא גלייך צו מיר אין בעט אַריין. נאָר ווען איך כאַפּ זיך אויף, טרעף איך זי שוין אַוועקגעגאַנגען. דעמאָלט וואָלט איך אַזוי שטאַרק געוואָלט אַז דער אַבא זאָל צו מיר אַריינקומען, אַך לרגע אחד (כאָטש אויף איין רגע) זאָל ער אַריינקומען. אָבער ער קומט ניט, דער אבא. די אמא זאָגט, אַז ער וועט שוין קיין מאָל ניט קומען. און איך וויין שוין קיין מאָל ניט — האָט דאָס קינד געכליפּעט.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו פריער געוויינט?

— איצט וויין איך ווייל, ווייל...

— פאַרוואָס, טשיפּל, דערצייל מיר, איך וויל מיט דיר זיין חברה.

— ווייל — מיט איין שאָר פון דער האַנט האָט זי ווידער אַרויסבאַקומען די צוויי גרויסע אויגן — ווייל די אמא איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָט גענייט אָט די אַלע משונהדיקע זאַכן — האָט זי געוויזן מיטן הענטל אויף אַ הויפן קאָלירן וואָס איז געלעגן אויפן דיל: גרויסע קופּקעס מיט אָן אַ שיעור פאַלבן; מיצן, מאַסקעס און היטלען ווי קוגל־טעפּ, און וועסטן ווי טשערעפּאַכעס — און מיין קליידל, מיין איינציק קליידל האָט זי ניט אויפגענייט, בהו, בהו, און איך וועל ניט גיין צום נשף, בהו, בהו, בהו...

— אָבער טשיפּל, דו ווייסט דאָך די אמא — — —

— איך ווייס, איך ווייס—פאַלט טשיפּל אַריין אין די רייד.— די אמא דאַרף אַרבעטן אַ סך, ווייל זי פאַרדינט ווייניק. אָבער מיין קליידל, בהו, מיין איינציק קליידל. די מורה האָט אָנגעזאָגט, אַז אַלע „פּרינצעסינס" דאַרפן קומען אין ווייסע קליידלעך, און מיר דאַרף טאַנצן אַרום אסתר המלכה, בהו — האָט טשיפּל ביטער געוויינט און עס זיינען געפאַלן גרויסע קינדערשע טרערן.

* * * * *

אַז אַ קינד וויל עפּעס, וויל עס! מעג עס זיין די קלענסטע קלייניקייט. ביי קינדער איז נישטאָ קיין קלייניקייטן. ס'קאָן געמאָלט זיין, אַז טשיפּל האָט אפשר געוויינט איבער גאָר אַן אַנדער סיבה ווי די וואָס זי האָט געמיינט. אפשר האָט איר פאַרקלעמט דאָס הערצעלע די בענקשאַפט



נאָכן אַבא. נאָר אויסגעלאָזט האָט זי איר גאַנצע אָנגעווייטאָגטקייט צום קליידל. צי ווען דער אַבא נעמט זי אָן ביים הענטל, ווי ער פלעגט עס טאָן אַמאָל, און גייט מיט איר צום נשף, צי וואָלט זי אויך אַזוי שטאַרק געוויינט נאָכן קליידל...?

* * * * *

— טשיפּל, וויז מיר דאָס קליידל.

— וועלכעס? דאָס מיט די לאַטקעלעך?

— האָט זי אויסגעשטרעקט דאָס הענטל און געוויזן אויף אַן אַלט קליידל מיט נייע לאַטקעלעך אויף די אַרבל. — צו דאָס נייע, דאָס ווייסע איז טשיפּל צוגעלאָפן צו דער ניי־מאַשין און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ ווייס שטיקל לייוונט פון אינטערן צודעק. זי האָט עס צוגעמאָסטן צו זיך מיט גרויס באַדויער און האָט אַרויסגעזיפצט: — ס'איז נאָך ניט פאַרטיק.

— טשיפּל, דאָס הייסט ביי דיר ניט פאַרטיק? ס'איז דאָך נאָך ניט אָנגעהויבן אפילו.

טשיפּל פינטלט אויף מיר מיט די צוויי פייערדיקע אויגן, אַז מ'האָט געקאָנט אומקומען אונטער איר בליק.

— ווייל מען האָט עס ניט אָנגעהויבן איז עס ניט פאַרטיק געוואָרן....

הכלל מיר האָבן זיך ביידע אַ נעם געטאָן צום קליידל.

טשיפּל האָט אויסגעשפּרייט אויפן טיש, איך האָב אָנגעצייכנט.

טשיפּל האָט פאַרסיליעט אַ נאָדל, — איך האָב געהאָפטן.

טשיפּל האָט איינגעפעדימט די מאַשין, איך האָב גענייט.

טשיפּל האָט געמאַכט אַ הייס אייזן, איך האָב געפּרעסט.

און מזל־טוב, דאָס קליידל איז פאַרטיק.

איז דאָך שוין גוט, אַ יאָ?

טויג עס ערשט ניט.

וואָרעם, וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ פּראָסט לייוונטן קליידל אָן עפּעס אַן אויפפּוץ, אַ שלייף, קנעפּלעך, אַ שפּיץ, עפּעס...

ביי טשיפּלס מאַמע געפינט זיך אַ גרויס בינטל מיט קליינע רעשטלעך סחורה; קאָן מען דערין געפינען אַלצדינג, אַחוץ דאָס וואָס מען דאַרף. און מיר זיצן אַזוי איינגעטונקען אין די שמאַטקעלעך און זוכן עפּעס אַ פּאַסיקע זאַך כדי אויפצופּוצן דאָס קליידל איז מיין אויג געפאַלן אויפן פירהענגל פון פענצטער וואָס איז געווען פאַרבונדן אויף אַ זייט מיט אַ שיינער, בלויער שלייף. האָב איך דאָס גלייך אַראָפּגענומען, אויסגעפּרעסט און צוגעטראָגן אָנמעסטן צום קליידל. אָבער טשיפּל איז נאָך אַלץ ניט צופרידן.

— ניין, ניין. איך דאַרף האָבן אַ ציון (צייכן) פון מיין שול און אַ ציון פון אַ פּועלת. מיין אמא איז אַ פּועלת, זי אַרבעט אין דער „לאָדזשיאַ" (אַ טריקאָטאַזש פאַבריק מיט דעם נאָמען). מיין אבא איז אויך געווען אַ פּועל; ער האָט געאַרבעט אויפן כביש (שאָסיי) האָבן אים די אַראַבער איבערגעפאָרן. אומישנע איבערגעפאָרן, בלייבט טשיפּל אַ פאַרטראַכטע. — איך געדענק נאָך ווי מיין אבא האָט אויסגעזען — האָט זיך טשיפּל צעשמייכלט—אַזאַ הויכער איז ער געווען, אַ טונקעלער מיט אַ גערגעלע אויפן האַלדז. ער איז געווען אַזאַ גוטינקער, מיין אַבא. ער האָט געאַרבעט אויפן כביש כדי צו פאָרן קיין באר שבע. ווען ער איז אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, פלעגט ער אויסגיסן אויף זיך אַ גרויסן שעפּל מיט וואַסער. די אמא פלעגט אים צוטראָגן אַ האַנטוך און רעדן אַזוי פריילעך... נישט אַזוי ווי היינט.

דאָס ווייטערדיקע האָט זי געטראַכט, אָבער נישט דערציילט. דעם עפּיזאָד און נאָך אַזעלכע האָב איך זיך דערוווּסט פון איר מוטער.

ווען זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער דירה — דאָס איז געווען אַ ליכטיקע דריי צימערדיקע דירה אין אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס די הסתדרות האָט אויפגעבויט — זיינען זיי אַלע דריי געווען זייער גליקלעך. באַזונדערס האָט זיך טשיפּל געפרייט. וועלכעס קינד האָט זיך ניט ליב צו ציען? ס'איז דאָך עפּעס דאָ מיט וואָס זיך ראַשן. זיי האָבן זיך גענומען אויפרוימען דאָס הויז, די נייע היים. דער אַבי האָט אָנגעהויבן פון באַלקאָן צו קערן דאָס זאַמד, דעם קאַלך און פלאַסטער, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביים בויען און די אמא האָט אָנגעהויבן וואַשן פון דער קיך און ווען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אין מיטן פראָנט־צימער—ער מיטן

בעזים און זי מיט אַ נאַסער שמאַטע, האָבן זיי זיך צוגעבויגן און נישט אָנרירנדיק איינער דעם צווייטן האָבן זיי זיך צעקושט.

טשיפּל ווייסט נישט, אַז זי האָט דערפילט אַ געוויסע אייפערזוכט ווען זי האָט דאָס געזען, נאָר זי האָט געלאָזט אַלע צאַצקעס ליגן אויפן דיל, איז צוגעלאָפן, זיך אַריינגעשטופּט צווישן טאַטע־מאַמע און געהויבן די הענטלעך מען זאָל זי אויפהייבן. האָט דער פּאָטער אַ וואָרף געטאָן דעם בעזים, האָט זי גענומען אויף די הענט און אַרומגענומען דער מאַמען. טשיפּלען איז דעמאָלט אַזוי גוט געווען, אַזוי גוט... דער אַבאַ האָט געמיינט אַז די תינוקת (קליין מיידעלע) ווייסט גאָרניט און פאַרשטייט גאָרניט, האָט ער אַזוי אָפּן־האַרציק גערעדט צו זיין ווייב: „אַזוי גיך ווי מיר וועלן זיך האָבן איינגעאָרדנט און אַלץ וועט זיין בסדר וועלן מיר האָבן אַ תינוק.

— לא תינוק, לי תינוק איני רוצה — און האָט צוגעהאַלטן דעם פּאָטער דאָס מויל. טשיפּל, וועמען מען האָט נאָך דעמאָלט גערופן ציפּורה, וויל ניט קיין תינוק, זי וויל בלייבן איינע אַליין ביי טאַטע מאַמע. דער אַבאַ האָט איר געקושט די קליינע הענטעלעך, די דלאָניעס און די גריבעלעך ביי די עלנבויגנס. דאָס איז די איינציקע דערינערונג וואָס טשיפּל געדענקט פון איר פריער קינדהייט. און כאָטש זי זעט דעם אינצידענט קלאָר פאַר די אויגן, האָט זי דאָס נאָך קיין מאָל ניט געבראַכט אויף די ליפּעלעך. דאָס איז געבליבן אַ סוד אין איר הערצל, אַ טייערע דערמאָנונג. אין דעם סוד האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ טיפע בענקשאַפט נאָכן אַבאַ און אַ גרויסע געטריישאַפט צו דער אמא. דאָס איז געווען אַזאַ מינין חפץ, וואָס מען קאָן אים ניט אַרויסנעמען און ווייזן...

נאָך אַ פאַרטראַכטער פויזע האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף: — דאַרף איך אויך זיין אַזוי ווי מיין אמא; אַזוי ווי מיין אַבאַ איז געווען — אַ פועלת.

מיר האָבן זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין דעם הויפן שמאַטקעלעך, פון וואַנען מען האָט אונדז קוים אַרויסגעזען און געזוכט. אָבער אַחוץ אַ פּאָר בלויע פעדעם פון וואָל האָבן מיר גאָרנישט געפונען, וואָס זאָל פאַרענטפערן אונדזער גרויס באַדערפעניש. פּלוצלינג האָט זיך טשיפּל מיט עפּעס דערפרייט. זי איז אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט אַ בלייער און טינקענדיק דערמיט אויף איר צינגל האָט זי גענומען שרייבן אויפן ווייסן קליידל.

— טשיפּל, וואָס טוסטו, וואָס איז דאָס?

— זה פטיש (אַ האַמער), דו זעסט ניט?

— און זי גיט מיר אַ מאָל אָפּ: — פטישים הלמו בהרים, והלמו, פטישים. — און זי קוקט אויף מיר מיט אַ זיגערישן שמייכל:

— דו ווייסט ניט, אָבער מיר לערנען דאָס אַנדערע, דאָס מיט אַ לאַנגן שטעקן, אין בית־הספר (שול). ווי אַזוי מאַכט מען וואָס די חלוצים טראָגן אויפן אַקסל?

— דו מוזט אַוודאי מיינען אַ קאָסע, מיט אַ לאַנג איינגעבויגן מעסער?

— יאָ, וואָס איז עס און וואָס טוט מען מיט דעם?

— מען שניידט דערמיט די תבואה אין פעלד.

— תבואה שניידט מען דאָך מיט אַ טראַקטאָר.

— אָבער, טשיפּל, איך קאָן דיר דאָך ניט אויסנייען אַ גאַנצן טראַקטאָר אויפן קליידל — ווער איך שוין בייז.

— צו וואָס־זשע דאַרף מען אַ קאָסע, אַז תבואה שניידט מען מיט אַ טראַקטאָר און די קינדער ביים נשף וועלן סיווי ניט וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קאָסע. חרמש, מגל, דאָס וועלן זיי וויסן.

ניין! לאָמיר בעסער מאַכן אַ מגן דוד.

— טשיפּל, ס'איז שפּעט. אַ קאָסע, דאָס איז בלויז אַ צייכן, אַז דער פאַרמער אין פעלד און דער פועל אין שטאָט דאַרפן זיך פאַראייניקן אין איין קלאַס — לערן איך מיט איר „תורה".

— וואָס הייסט פאַראייניקן, און וואָס דאַרפן זיי אַ גרויסע כיתה, אַ יאָ, דאָס האָסטו געמיינט, אַ כיתה?

— טשיפּל, דו וועסט היינט פאַרטיק ווערן צי ניט? — ווער איך שוין גוט אין כעס.

— אַ קלאַס פאַר גרויסע מיינט אַ כיתה פון פועלים. אַזוי ווי דו, למשל, ווילסט דווקא זיין אַ פועלת, אַזוי ווי דיין אמא איז און ווי דיין אַבאַ איז געווען, און אַלע צוזאַמען זיינט איר פאַראייניקט אין דער



**חיים קעניגער** / פּאַריז

## צוויי לידער

### נעפּלדיקער האַרבסט

דיין לעבן איז פרילינג;
פאַר מיר — דער נעפּלדיקער האַרבסט.
דיין פּנים, ווי בליענדיקע רויזן;
פאַר מיר — דער נעפּלדיקער האַרבסט.
איין שריט,
און כ'וועל איבערטרעטן די פאַרפרוירענע שוועל.
דו שפּאַן ווייטער צום זומער פאַרויס,
פאַר מיר — דער נעפּלדיקער האַרבסט.
איין שריט,
און כ'קום אין לאַנד פון דער קעלט.

### מיין חומר

איך שטרעק נישט מיין האַנט צו דער לבנה.
איך נעם צוזאַמען שטיינדלעך פון דער ערד,
ווערעמלעך קליינע,
בידעריקע גרעזעלעך,
אַראָפּגעפאַלענע בלעטער —
געוויקסן נישט־שטעכיקע
פון צווייגן, פון ביימער —
און דאָס איז מיין חומר.

הסתדרות מיט אַנדערע פועלים און פועלי ילדים.

— אַזוי. — האָט טשיפּל פלינק גענומען קעמען אירע שויבער געדיכטע האָר, וואָס די זון האָט איצט באַגאָסן מיט גאָלד, זי האָט אַרויפגעשלעפּט דאָס קליידל, איר ברוין העלדזל האָט זיך שלאַנק אַרויסגעהויבן פונעם ווייסן, רונדן אויסשניט. די פּוכקע הענטעלעך האָבן זיך פלינק באַוועגט אונטער די ווייסע פליגעלעך פון קליידל; ס'האָט אויסגעזען ווי אַ טייבעלע, וואָס אָט־אָט הייבט זיך עס אויף און פליט אַוועק.

שוין ביי דער טיר האָט זי זיך ראַפּטאָם אויסגעדרייט און זיך איינגעשפּיגלט. דער אויסגענייטער מגן־דוד אויף איר ברוסט און די קאָסע אויף דער זייט, וואָס איז געבליבן בלויז אָנגעצייכנט, האָבן באמת באַצירט איר קליידל. זי איז זיך געפעלן. זי האָט אַרויפגעקוקט צו מיר, נישט מיט קיין דאַנקבאַרקייט פאַר מיין האָרעוואַניע, ניין; נאָר געזוכט ביי מיר הסכמה, צי פּאַסט עס איר טאַקע. און אַז איך האָב צוגעשאָקלט מיט קאָפּ אויף יאָ, האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף מיין האַלדז און האָט אָפּגעפּייערט אַ הייסן קוש.

אַ שטראַלנדיקע איז זי אַוועק צו דער עדלאידע...

יעקב שייפער

# נקמה

דאַכוי. שוין די לעצטע מאָנאַטן פון דער בלוטיקער מלחמה. אויפן מזרח פראָנט מאַרשירט די רוסישע אַרמיי פאָרויס. די דייטשן ליידן ריזיקע מפּלות און ציען זיך צוריק אין אַ בהלה און לאָזן אַלץ איבער, אָבער ניט די ביסל נאָך לעבן געבליבענע יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין די באַלטישע לענדער, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און אויך די אונגאַרישע יידן, וועלכע זיי האָבן מיטגעשלעפּט און אַריינגעוואָרפן אין די לאַגערן אין און אַרום דאַכוי, ווו די פריערדיקע „איינוווינער" זיינען מאַסנווייז אומגעקומען פון הונגער, קלעפּ און שווערע אַרבעט. די פרישע פּאַרטיעס יידן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּשוטע חיות, שקלאַפן. אָנשטאָט אַ נאָמען האָט יעדערער געהאַט אויף זיך אַ ברעטל מיט אַ נומער.

די אַליאירטע עראָפּלאַנען האָבן פאַרשאַפט די דייטשן שווערע פאַרלוסטן, איבערהויפּט צו זייער קריגס־אינדוסטריע. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן צו בויען אַן אונטערערדישע עראָפּלאַנען פאַבריק, וואָס זאָל זיין אין גאַנצן באַדעקט מיט בעטאָנענע ווענט און בעטאָן דאַך. די ניי געבראַכטע יידישע שקלאַפן האָבן דאָס געדאַרפט זיין די בויער און העלפן ראַטעווען דאָס טויזנט־יאָריקע רייך.

דער הויפּט בוי־מאַטעריאַל איז געווען צעמענט, וואָס מען האָט אויסגעלאָדן פון גרויסע וואַגאָנעס אין קלענערע. אַ פּאַפּירענער זאַק צעמענט האָט געוויגן פופציק קילאָ, וואָס די אויסגעהונגערטע שקלאַפן־אַרבעטער האָבן קוים געקענט דערטראָגן ביז צו דער גרויסער מישמאַשין.

דערפאַר אָבער האָט מען געהאַט כל־ערליי נוצן פון די ליידיקע פּאַפּירענע זעק. אויב ביי איינעם זיינען שוין די שיך אינגאַנצן צעלעכערט, האָט ער אַרומגעוויקלט די פיס מיט אַ צעמענט זאַק. אַ צווייטער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּאָר שקאַרפּעטן, אַ דריטער, וועמענס געשטרייפטער לאַגער־רעקל איז שוין געווען צעפליקט, האָט גאָר געהאַט אַ וווּנדערבאַרן איינפאַל: ער האָט געמאַכט אין זאַק דריי לעכער, עס אָנגעטאָן איבערן קאָפּ און געהאַט אַ פאַרטיקע וועסט. אמת, קעגן דער ווינטערדיקער קעלט און די ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן פון די בערג איז דאָס געווען אַ קנאַפּע באַוואָרעניש.

געאַרבעט האָט מען אין בריגאַדעס. יעדע בריגאַדע האָט געהאַט אַ יידישן קאַפּאָ און אַ דייטשישן מייסטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. אַ טייל פון זיי זיינען געווען עלטערע דייטשן, וואָס זיינען שוין אַליין געווען מיד פון דער מלחמה און האָבן נאָר געיאָגט און געשריגן פון יוצא וועגן, ווען אַ העכערער אינספּעקטאָר איז פאַרבייגעגאַנגען. אָבער דאָס זיינען געווען געציילטע אויסנאַמען. די מערסטע פון זיי האָבן געשלאָגן און געממיתט מיט גרויס הנאה, מען האָט זיי דערצו ניט געדאַרפט צווינגען. דער גרעסטער רוצח אָבער פון זיי אַלעמען איז געווען דער „רויטער". דאָס איז געווען אַ סאַדיסט, אַ מערדער, מיט אַ רויטן אויפגעלאָפענעם פּנים. געשלאָגן האָט ער פאַר יעדער קלייניקייט, און ניט סתם אַזוי געשלאָגן — ער האָט געהאַט זיין ספּעציעלן סיסטעם. ער פלעגט צוגיין נאָענט צום קרבן, אָנכאַפּן ביי די פּלייצעס און מיטן קני געבן אַ קאָפּע אין בויך אַריין, אַזוי אַז דער געשלאָגענער פלעגט אַ פאַרקראַמפּטער פאַלן צו דער ערד, אָבער ער האָט זיך געמוזט גלייך אויפהייבן אויב ער האָט ניט געוועלט צעטראָטן ווערן פון דעם רויטנס שטיוול. אויב עמיצער איז אָפּגעקומען נאָר מיט אַ פּראַסק אין פּנים איז דאָס געווען אַ סימן אַז דער רויטער איז אין אַ גוטער שטימונג. ווי איז געווען צו די יעניקע וואָס זיינען צעטיילט געוואָרן צו זיין בריגאַדע.

יעדן טאָג איידער מען האָט אָנגעפאַנגען די אַרבעט פלעגט ער פריער האַלטן אַ רעדע: „איר פאַרפלוכטע יודן, איר פוילנצער, אומזיסט ווערט איר פרעסן אונזער ברויט? שנעלער לאָוס צו דער אַרבעט און פאַרזיכטיק. אויב עמיצער וועט צערייסן אַ זאַק צעמענט, וועל איך אים



טויטשלאָגן, ווייל איין זאַק צעמענט איז ביי מיר טייערער פון טויזנט יודן!" דאָס איז געווען זיין באַליבטע פראַזע וואָס ער האָט אָבער און ווידער איבערגעחזרט.

באַזונדערס האָט ער זיך איזדעקוועטשט איבער צוויי פון דער בריגאַדע. דער ערשטער איז געווען אַ ישיבה־בחור, אַ רב בן רב, וואָס איז אין דער היים געווען באַשעפטיקט אַלס סעקרעטאַר פון אַ רבנישער אָרגאַניזאַציע. עס איז ניט קלאָר ווי אַזוי דער רויטער האָט אויסגעפונען אַז ער איז אַ רב. „אָך הער ראַבינער", פלעגט ער זיך צו אים ווענדן מיט געמאַכטער העפלעכקייט און דווקא אים הייסן טראָגן צוויי זעק צעמענט, און דערביי צוגעבן זיין שטענדיקע וואָרנונג, נאָך מיט אַ גיפטיקן שמייכל: „אויב דער הער ראַבינער וועט צערייסן אַ זאַק צעמענט וועל איך אים טויטשלאָגן, ווייל איין זאַק צעמענט איז ביי מיר טייערער ווי טויזנט יודן". און טאָמער האָט דער יידישער קאַפּאָ אים געפּרוווט שטעלן ביי לייכטערע אַרבעט, האָט ער גלייך געמאָנט: ווו איז דער הער ראַבינער? איין מאָל האָט ער אים שרעקלעך צעממיתט, אַז ער האָט זיך נאָך דער אַרבעט קוים דערשלעפּט צום לאַגער ווו ער איז אויף מאָרגן אויסגעגאַנגען.

דער צווייטער אויף וועמען ער האָט זיך אָנגעזעצט איז גראַדע געווען דער היפּך, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן; הויך געוואַקסן און אַטלעטיש געבויט. געשטאַמט האָט ער פון אַ פיינער יידישער משפּחה. דער פאָטער איז געווען אַ העברעישער לערער; די מוטער — אַ מוזיק־לערערין. האָבן זיי געזאָרגט אַז זייער בן־יחיד זאָל קריגן אַ גוטע יידישע דערציונג. ער האָט געענדיקט אַ העברעישע מיטלשול און גלייכצייטיק האָט ער באַלאַנגט צו אַ נאַציאָנאַלע יידישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, ווו ער האָט, אַ דאַנק זיין שטאַרקן פיזישן געבוי, זיך זייער אויסגעצייכנט. טאַטע־מאַמע האָבן געהאָפט צו האָבן אַ סך נחת פון זייער געראָטענעם זון. אויסער דעם איז ער געווען אַ ווויילער חבר, אַ „נאַש בראַט", זייער באַליבט ביי חברה און אים גערופן פאַרצויגן: שמואליק.

נאָר עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אַלעמענס האָפענונגען זיינען צערונען געוואָרן. אַ ברוינע פינצטערע כמאַרע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער וועלט. אויך שמואליק און זיינע עלטערן האָבן ניט איסגעמיטן דעם זעלביקן גורל. די דייטשן האָבן אַוועקגעריסן פון אים זיינע עלטערן מיט פאַרביילטע פויסטן האָט ער געמוזט צוקוקן ווי מען פירט זיינע עלטערן, מיט טויזנטער אַנדערע יידן. אויף זייער לעצטן וועג צום פאַרניכטן אין איינעם פון די פעסטונגען וואָס אַרום שטאָט...

ער איז געבליבן איינער אַליין. ער האָט געשוואָרן צו נעמען נקמה! אָבער ווי אַזוי? וואָס קאָן ער טאָן? די געטאָ איז אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט און באַוואַכט טאָג און נאַכט פון די ס.ס. און זייערע משרתים. יעדן טאָג, אויב עס איז ניטאָ קיין אַקציע, ווערן מחנות יידן געשלעפּט אויף שווערע אַרבעט, און דערצו הערשט אין געטאָ אַ שרעקלעכער הונגער, און הונגעריקע מענטשן קענען ניט קעמפן !

שמואליק האָט אָנגעפאַנגען זיך אַרויסצוכאַפּן פון געטאָ, אַראָפּנעמען די שטערנס וואָס יעדער ייד האָט געמוזט טראָגן, און אַריינשמוגלען אין געטאָ אַ ביסל שפּייז פאַר זיך און פאַר אַנדערע. ער האָט געוווּסט אַז אין די וועלדער זיינען טעטיק פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, וואָס טוען אָן די דייטשן אַ סך שאָדן. ענדלעך האָט ער געקראָגן אַ פאַרבינדונג מיט זיי. אין געטאָ האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן גרופּעס יונגע לייט, וואָס פלעגן זיך אַרויסשמוגלען פון געטאָ און אַוועק אין די וועלדער, זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער און קעמפן קעגן פאַרהאַסטן שונא. דאָס לעצטע מאָל ווען שמואליק מיט זיין גרופּע האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די געטאָ איידער זי ווערט ליקווידירט, האָבן די דייטשן זיי געכאַפּט און פאַרשלעפּט קיין דאַכאַו. און דאָ איז ער אַריינגעפאַלן צום „רויטן" אין בריגאַדע.

דערווייל האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן זיינע פיזישע כוחות און קיין אַרבעט איז אים ניט געווען צו שווער. ער האָט זיך אפילו באַמיט צו העלפן אַנדערע. האָט עס איינעם „רויטן" געקאָכט די יויכע — אַ „יודע" זאָל זיין אַזוי קרעפּטיק! פלעגט

ער זיך ספּעציעל „אָפּגעבן“ מיט אים, געבנדיק אים די שווערסטע אַרבעט.

עס איז געווען זייער טרויעריק, ווי אין פּסוק שטייט: „ויאנחו בני ישראל מן העבודה.“

אָבער דער טאָג, בעסער געזאָגט, די נאַכט פון נקמה איז געקומען אויך פאַרן „רויטן“ רשע. איין מאָל, אין נאַכט־שיכט, נאָך דעם ווי מען האָט איסגעלאָדן דעם צעמענט, האָט דער וואַגאָן פּלוצים גענומען „גיין“. דער „רויטער“, וואָס איז געשטאַנען אויף די רעלסן, האָט ניט באַוויזן אָפּצושפּרינגען אָן אַ זייט און דער וואַגאָן איז אים אַריבער איבער ביידע פיס. בליץ־שנעל איז צוגעלאָפן צו אים שמואליק, און מיט אַ הויך קול אים געמאָלדן: „הער מייסטער, דריי זעק צעמענט האָבן זיך אויסגעשאָטן.“ דער „רויטער“, ליגנדיק אין קאָנוולסיעס, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, האָט גענומען ריטשען ווי אַ חזיר, אָבער קיינער האָט אים ניט פאַרשטאַנען. אין גיכן האָט מען אים אַוועקגענומען. מער האָט מען אים ניט געזען. אַ נס איז געווען וואָס מען האָט די יידן ניט באַשולדיקט אין דעם פאַל.

אָבער זייער פאַבריק האָבן זיי ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן. די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט מאַרשירט פאָרויס. עס איז געקומען אַ באַפעל מיטצונעמען די יודן און מאַרשירן. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער „טויטן־מאַרש“. „שנעלער! שנעלער! שנעלער!“ האָבן זיי געטריבן די אויסגעמאַטערטע יידן. זייער ציל איז געווען אַריינצושלעפּן אַלעמען אין די בערג און דאָרטן זיי אומברענגען. אַ שרעקלעכער שניי־שטורעם האָט אויסגעבראָכן און ווער עס איז אָפּגעשטאַנען האָט אים דער ס.ס. מאַן גלייך דערשאָסן אויפן אָרט. אַזוי איז דער גאַנצער וועג געווען פאַרזייט מיט הרוגים בלויז שעהן פאַר דער באַ־פרייונג.

שמואליק אָבער האָט ניט געוואָלט וואַרטן ביז דאָס וועט געשען אויך מיט אים, און דורכגייענדיק אַ דערפל איז ער מיט נאָך עטלעכע יידן אַרויסגעשפּרונגען פון דער ריי און פאַרשוווּנדן צווישן די הייזער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט, ביז אויף מאָרגן פרי האָט די אַמעריקאַנער אַרמיי זיי געפונען און גערעטעוועט. אַביסל שפּעטער האָט זי אויך אָנגעיאָגט און באַפרייט די נאָך־לעבן־געבליבענע פון „טויטן־מאַרש“.

ענדלעך איז ער פריי!! אַ דאַנק דער איבערגעגעבענער הילף פון די אַמעריקאַנער זיינען שמואליק און די מערסטע באַפרייטע געקומען צו די כוחות און זיי האָבן זיך גענומען מיט באַנייטער ענערגיע ווי עס איז צוריק אויפשטעלן זייערע צעבראָכענע לעבנס. שמואליק אָבער שפּאַנט אַרום אַן עלנטער, אַן איינזאַמער, איבער דער גרויסער שטאָט וואָס ליגט אין חורבות.

פּלוצים דערזעט ער אַ באַקאַנטן פּרצוף, אַ מאַן אויף קוליעס, מיט טונקעלעברילן. אָבער זיין רויטער פּנים האָט אים אַרויסגעגעבן. יאָ, דאָס איז ער, „דער רויטער“. ער גייט צו אים צו: — אַך, הער מייסטער, מיר טרעפן זיך ווידער! דער „רויטער“ נעמט ציטערן: — וואַס?! דער הער מייסטער דערקענט מיך ניט? „איין זאַק צעמענט איז דאָך טייערער ווי טויזנט יודן“. „ניין, ניין, איך ניט, ניט“ — נעמט דער רויטער שטאַמלען. שמואליק האָט שטאַרק געוואָלט אים געבן אַ קאָפּע אין בויך, ווי ער פלעגט דאָס טאָן צו זיינע קרבנות און אים אויף אַזאַ אופן „דערמאָנען“. עס האָט אים אָבער געעקלט פון אים. ער האָט אויף אים אַ שפּיי געטאָן און אַוועקגעגאַנגען. מיט אַזוינע שרצים, האָט ער געטראַכט, איז איצט פול גאַנץ דייטשלאַנד. זיי האָבן אַלע געהאָלפן פאַרפייניקן זיין פאָלק. ער וואָלט וועלן אַוועק פון דאַנען וואָס גיכער, אָבער ווו אַהין?

איין מאָל פאַרבייגייענדיק אַ שענק, ווו די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן זיך אַמוזירט מיט די דייטשע „פרייליינס“, האָט ער באַמערקט אַ פּאָר אוניפאָרמירטע מענער וואָס זיצן אָן אַ זייט און נעמען ניט קיין אנטייל אין די הוליאַנקעס. ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט געזען אויף זייערע קליידער דעם מגן־דוד, יידישע סאָלדאַטן! ער איז צוגעפאַלן צו זיי. יאָ, זיי זיינען פון דער ארץ־ישראל־

דריי מאָל האָב איך איבערגעלייענט דיקער בריגאַדע, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די נאַציס. איצט האָבן זיי אַנדערע

מיסיעס... זיי דערציילן אים פון זייערע דערפאַרונגען אין דער מלחמה, פון קאַמפן מיט די ענגלענדער נאָך דער מלחמה, וועגן „אומלעגאַלער“ עליה קיין ארץ־ישראל, צוליב וועלכער זיי געפינען זיך איצט דאָ...

ער הערט אויס אַ גליקלעכער. אָ, איצט ווייסט ער וואָס ער דאַרף טאָן. איצט וועט זיין לעבן האָבן אַ זין.



מ. סאַרנאַ / בריסל

# הבה נתחכמה —

## לאָמיר פאַרזייען וועלן אויסוואַקסן פרוכטן...

דריי מאָל האָב איך געלייענט דעם גרויסן אַרטיקל פון פאָרזיצער פון וועלט־ראַט יצחק קאָרן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין „יידישע צייטונג“, נומער 1620 צום יובל פון 5־יאָריקער טעטיקייט פון וועלט־ראַט פאַר יידיש.

דער חשובער יצחק קאָרן רעדט דאָרט פון די שוועריקייטן מיט וועלכע דער יידיש קאָמיטעט און שפּעטער דער וועלט־ראַט פאַר יידיש האָבן געהאַט אינעם קאַמף פאַר דעם אָנזען און פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש און יידישער קולטור אין מדינת ישראל. דער קאַמף איז נישט געווען אומזיסט. עס זיינען פאַראַן גרויסע דערגרייכונגען. מען האָט אַנערקענט די גרויסע ראָל פון דער טויזנט־יאָריקער יידיש־עפּאָכע פאַר דעם קיום און המשך פון אונדזער פאָלק. די אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע, זי האָט אָבער געגעבן פרוכטן. יצחק קאָרן שטרייכט אונטער די וואַרעמע באַציונג פון משרד התרבות והחינוך לגבי דעם יידישן לימוד אין די שולן און לגבי דער גייסטיקער ירושה פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

איך מז מיך דאָ מודה זיין, אַז ביז איצט האָב איך מיך סקעפּטיש באַצויגן צו דער טעטיקייט פון וועלט־ראַט, ווייל איך האָב נישט געזען קיין קאָנקרעטע אַרבעט אויפן געביט פון חינוך. כ'האָב עס באַטראַכט פאַר אַן אָפּשלעפּונג, ביז עס וועט זיין צו שפּעט עפּעס אויפצוטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט... נאָך, האָב איך געטראַכט, אַז אַ הויז דאַרף מען אָנהייבן בויען פון פונדאַמענט... (אין אונדזער פאַל, פון יידיש־חינוך). כ'האָב אָבער נישט געטראַכט, אַז איידער מען בויט דעם פונדאַמענט דאַרף מען מאַכן דעם פּלאַן, דאַרף מען צוגרייטן דעם באָדן, אַז דאָס הויז זאָל זיין אַ פעסטס...

פון דעם אַרטיקל פון חשובן יצחק קאָרן בין איך געוווּיר געוואָרן אַז דער פּלאַן איז זאָרגפעלטיק צוגעגרייט געוואָרן און איצט וועט מען איבערגיין צום בויען דעם פונדאַמענט — חינוך פאַר יוגנטלעכע און אויך פאַר דערוואַקסענע. נייע דורות יידן וועלן אונטערוואַקסן, דערצויגענע אויף די גייסטיקע ווערטן פון פאַרשניטענעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע און אַ וואָגיקער פאַקטאָר פאַרן קיום און המשך פון אונדזער פאָלק. כ'האָב מיך אויך געפרייט געוווּיר צו ווערן, אַז אויף דער אינטערווענץ פון וועלט־ראַט האָט מען אין אייניקע מיטלשולן אין ישראל אָנגעהויבן אונטעררריכטן יידיש.

אין מכון גרינבערג, אין ירושלים, איז פאָרגעקומען אַ דערגענצונגס־קורס פאַר יידישע לערערס. זיי זיינען געקומען פון פינף לענדער.

עפּעס הייבט דאָס איז זיך אָן צו רירן. ס'וועט זיין פרילינג און רייפער זומער...

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון די יידיש־קאָמיטעטן אין די תפוצות איז אויפצובויען יידיש־וועלטלעכע קולטור־הייזער, אויסגעשטאַט מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַר גייסטיקער און פיזישער אַנטוויקלונג. די שיינקייט און באַקוועמלעכקייט פון די דאָזיקע הייזער דאַרפן ווערן צוציונגס־פונקטן פאַר אונדזער יוגנט, וואָס בלאָנדזשעט און אַסימילירט זיך.

דער וועלט־ראַט דאַרף סטימולירן צו דעם. ער דאַרף אויך אינטערווענירן אין די יידישע שולן אין די תפוצות, אַז זיי זאָלן אַריינגעמען יידיש־לימוד אין זייערע לערן־פּראָגראַמען.

דער באָדן איז צעאַקערט, רייף אויפצונעמען דעם פאַרזיי...

הבה נתחכמה — לאָמיר פאַרזייען, וועלן אויפוואַקסן פרוכטן...

## שרײַבערס און ביכער

זלמן שלאָסער

# אַריה פּאָזים „באַגינען"

I

די אייביקע פראַגע וואָס מאַטערט דאָס האַרץ פון יידישע שרייבערס מאַטערט אויך, ווי עס איז צו זען, אונדזער זקן־הסופרים, אַריה פּאָזי. די פּיינלעכע פראַגע איז: „פאַר וועמען שרייבט מען? פאַר אייניקלעך? פאַר אור־אייניקלעך? מיין לשון איז נישט זייער לשון, מיין געדאַנק איז נישט זייער געדאַנק? — זאָגט מיט באַדויער דער מחבר פון „באַגינען", גלייך ביים אָנהייב אין זיין פירוואָרט.

נאָר ווי עס איז צו זען אין דער לעצטער שורה אין בוך איז דער פּעסימיזם, וואָס די פראַגעס דריקן אויס, אַן איצטיקער, און נישט פון אַמאָל, מחמת דאָס בוך איז באמת געשריבן געוואָרן צווישן די יאָרן 1917-1919, ווען דער שרייבער איז נאָך געווען אַ פרעמדער יונגערמאַן אין לאָנדאָן, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט אַהיים קיין קאַמערינקע, דאָס אידיליש שטעטעלע אין ווייס־רוסלאַנד. און דער פּעסעמיסטישער פירוואָרט שטאַמט פון איצט, פון אונדזער צייט, ווען מיר טראַכטן טאַקע פון אור־אייניקלעך, וואָס וועלן אפשר יאָ וועלן דאָס לייענען און נישט קענען, וועלן זיי מוזן אָנקומען צו אַן איבערזעצונג. נאָר דערווייל ווערט דער פּעסימיזם צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט נאָכן „שיינעם אַמאָל" נאָך מער פאַרשטאַרקט.

פּעסימיזם גייט אָפט געפּאָרט מיט איינזאַמקייט, מיט געפיל פון זיין אַליין אין דער גרויסער, ברייטער וועלט, אָן אַ היים און אָן פריינט. און בענקשאַפט איז אין אַלגעמיין נישט קיין חסרון און אַוודאי נישט קיין שאַנד. ס'איז אַ סענטימענטאַלע איבערלעבונג אין אַ מאָמענט פון וועלן „אַנטלויפן פון דער אויסזיכטלאָזער ווירקלעכקייט וואָס באַאומרואיקט, און פאַרשטאַרקט נאָך מער די בענקשאַפט וואָס זוכט זיכערקייט, ווי מיר זען דאָס פון דער האַרציקער שילדערונג אין בוך „באַגינען". ס'איז טאַקע געווען אַן אָרעם לעבן, נאָר אַזוי גייסטרייך יידיש, וואָס וואָס האָט גובר געווען און פאַרדעקט די אָרעמקייט. באַטראַכט נאָר זייערע פאַנטאַזיעס, זייערע חלומות; הערט נאָר די רייד, די געדאַנקען מיט וועלכע חדר־יינגלעך טראָגן זיך אַרום טאָג און נאַכט. נביאים ווילן זיי ווערן, משיחן ווילן זיי ברענגען. דעם טויט ווילן זיי אָפּשאַפן און דאָס אייביקע לעבן איינשטעלן.

ציניקער און אָפּלאַכער קענען אפשר זאָגן אַז דאָס איז קינדישע פּלוידעריי, וואָס שטאַמט פון אָפּגעלעבטע און פאַרגאַנגענע צייטן. נאָר דאָס איז אַ פאַלשער געדאַנק, וואָס ווערט קלאָר ווען מען פאַרגלייכט די צוויי יינגלעך פון דער מעשה, די צוויי קעגנזאַצן: דווידקע און זיין חבר משהלע. איינער קומט פון אַ היים ווו מען אַרבעט און מען לערנט, בעת דער אַנדערער איז אַ קיילעכדיקער יתום, אָן אַ היים און אָן אַ יידישער דערציונג. קלעפּן זיך נישט צו אים די רייד פון די נביאים און די עטיק פון פּרקי אָבות וואָס יידישע קינדער לערנען. דער סוף זיינער איז דעריבער אַ טונקעלער, אַ פאַרלאָרענער פאַרן יידישן פאָלק.

דעריבער קען מען לייכט פאַרשטיין דעם קאָנטיקן פּעסימיזם פון דעם מחברס פירוואָרט גלייך ביים ערשטן בלעטל — „פאַר וועמען שרייבט מען?" און דער ענטפער איז אויך אַ קלאָרער, הגם נישט קיין געשריבענער: — פאַר די אור־אייניקלעך אונדזערע וואָס וועלן באַלד נאָכקומען שרייבט מען, און זיי וועלן דאָס לייענען אויב נישט אין יידיש וועט דאָס



זיין אין איבערזעצונג. וואָרעם דאָס ווערט י ר ו ש ה, צוזאַמען מיט דער גאַנצער עשירות וואָס די זיידעס מיט די באָבעס, די עלטער־זיידעס מיט די עלטער־באָבעס האָבן געשאַפן און איבערגעגעבן ווער מער און ווער ווייניקער פאַר די דורות.

דאָס גאַנצע בוך „באַגינען" איז פריי פון פּעסימיזם. ס'איז פול מיט גלויבן, טיפן גלויבן אין אונדזער געשיכטע, אין אונדזערע טראַדיציעס, אין אונדזער מסורה און אידעאַלן. ווי אַ גאָלדענער פאָדעם פון יידישן פאָלקלאָר וואָלט זיך זיך געצויגן פון אָנהייב ביזן סוף פון בוך און דאָרט ווו עס ווערט אַביסעלע שווער צו באַנעמען, קומט דעם מחברס וואָרנונג, אַז דאָס איז בלויז אַ משל און אַלץ ווערט קלאָר. און דאָס איז די מעלה פון בוך. ס'איז צוגעפּאַסט פאַר דער יוגנט, דער שטודירנדיקער יוגנט. אמת, זיי קענען דאָס לייענען אויך אין ענגליש. דער פאָלקלאָר האָט אָבער דאַן אַן אַנדער טעם, נישט קיין יידישן טעם.

לויטן נאָמען פון בוך קאָן מען מיינען אַז דאָס איז ביאָגראַפיע. ניין, ס'איז נישט, און ס'איז אויך נישט קיין נאָוועלע אָדער אַ לויזע זאַמלונג דערציילונגען. פון דעסטוועגן זיינען די פאַרשידענע קאַפּיטלען נומערירט און געקייטלט אַזוי אַז יעדעס איינע איז אינהאַלטלעך געקניפּט און געבונדן ווי עס וואָלט געווען איין גאַנצע נאָוועלע, הגם אָן דער ספּעציפישער קאָנסטרוקציע און אַנטוויקלונג פון אַ נאָוועלע. מען וואָלט אפילו געקענט געוויסע שטעלן אויסלאָזן און מען וואָלט נישט דערקענט אַז עפּעס פעלט. עס איז אַ בוך — ווי פּאָזי אַליין זאָגט — אַ בוך פון חלומות אויף חלומות און זיכרונות אַריינגעוועבט אין חלומות. אויך שטימונגען, מער שטימונגען איידער זיכרונות, שטימונגען איבער אַלץ.

און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. ווען מען איז יונג שרייבט מען נישט אויטאָביאָגראַפיעס. מען הייבט דאַן ערשט אָן צו באַנעמען און פאַרשטיין דאָס לעבן. „אַלץ האָט זיך צעזונגען" — שרייבט אַריה פּאָזי וועגן יענעם פרימאָרגן ווען ער איז אין אַ שיפל געזעסן נאָענט צום ברעג, זיך געוויגט און זיך אין חלומות פאַרוויגט —

„און דערפילט האָב איך ווי אין האַרצן טרעט מיר עפּעס אַריין, וואָס איז ביז אַצינד נאָך געווען אומבאַקאַנט. דאָס איז די גרויסע פרייד פון ליבע, ליב צו האָבן אַלץ און מיט אַלעמען. „אַלץ האָט זיך אַרום מיר אין אַ תפילה פאַרטיפט... האָב איך אויף די פליגלען פון זיכרונות געמאַכט אַ נסיעה קיין ווייסרוסלאַנד און מיט אַלטע פריינד זיך אויפסניי באַגעגנט."

ווער זיינען דאָס די אַלטע פריינט נאָך וועלכע ע רהאָט זיך פאַרבענקט און מיט וועלכע ער האָט זיך אויפסניי באַגעגנט?

קודם כל איז דאָס ער אַליין, אין רעטראָספּעקט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, אַ שוואַך יינגעלע אָבער אַ גאָר פעאיק יינגעלע, וואָס האָט זייער שטאַרק געוואָלט לערנען. ער באַקענט אונדז מיט זיין טאַטע־מאַמע, מיט אַן אַלטן קאַנטאָניסט, אַ ניקאָלייעווסקן סאָלדאַט, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויפן יינגל, און וואָס איז געווען פעלדשער אין דעם גאַנצן געגנט. ער דערציילט אונדז אויך וועגן אַ לעגענדאַרער רוסישער פרוי, וואָס האָט דאָרט געלעבט און געווירקט ווי אַ הייליקע און איז פון אַלעמען פאַרגעטערט געוואָרן צוליב אירע מעשים טובים. ער באַקענט אונדז אויך מיט דווידקעס חבר משהלע. דווידקע — דאָס איז ער, פּאָזי, אַליין.

אָט די אַלע פּערסאָנאַזשן, און נאָך אַנדערע פון בוך, זיינען וויכטיק דערמיט, וואָס דורך זיי קען פּאָזי אונדז איבערגעבן זיינע אייגענע געדאַנקען און פילאָסאָפיעס וועגן יידישקייט. גלייכצייטיק באַקאַנט אונדז דער מחבר מיט דער לאַנדשאַפט און דעם ווייסרוסישן פאָלקלאָר, וואָס גיבן צו קאָליר און אייגנאַרטיקייט צו די אויסגעברייטערטע שילדערונגען. דאָס אַלץ צוזאַמען דאַרף געבן דאָס בוך „באַגינען" אַ קינסטלעריש־ליטעראַרישע פאָרם אָנשטאָט די פאָרם פון אַ געשיכטע בוך אָדער אַ פילאָסאָפיש בוך, הגם דער אינהאַלט בלייבט דער זעלבער. צוליב אָט דער פאָרם באַטראַכט איך דאָס בעסטע און ווערטפולסטע פון בוך דעם פאָלקלאָריסטישן עלעמענט און די שפּראַך וואָס איז קלאָר און פאָלקסטימלעך. די זאַצן זיינען נישט צו קאָמפּליצירט און די

ווערטער, הגם לומדישע, פון דעסטוועגן זיינען זיי פון פּאָפּולערן מין לויט ווי דאָס פאָלק נוצט.

צו פּאָזיס שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיין שפּראַך איז אַן אָפּגעהיטע. דעריבער איז מעגליך אַז כאָטש דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן מיט איבער זעכציק יאָר צוריק, דאָך איז זיין שפּראַך געבליבן אַזוי ווי היינט געשריבן. דער וווּנדער איז וואָס אין דער צייט האָט יידיש זיך אַ סך געענדערט. טייל ווערטער זיינען אַרויסגעפאַלן פון באַנוץ און נייע זיינען צוגעקומען. דאָס בוך איז דעריבער נישט שווער צו לייענען. נאָך מער, לויט מיין מיינונג שטיצן זיך אריה פּאָזיס מערסטע בעלעטריסטישע ווערק אויפן ביבלישן און תלמודישן פאָלקלאָר, וואָס מאַכט אונדזער געשיכטע אַזוי בילדלעך און אָנצייענד. דאָס מיינט, פון „באַגינען", וואָס דאַרף זיין זיין ערשט בוך, ביז דער עסיי „די שליחות פון קונסט", געדרוקט אין דעם פעברואַר נומער „צוקונפט".

אין דער „שליחות פון קונסט" זאָגט זיך, צווישן אַנדערע זאַכן, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור דאַרף קונסט לשם קונסט אָפּטרעטן דעם אויבנאָן פאַר קונסט לשם אידעע. וואָרעם דעם נביא אליהוס שליחות (נביא מיינט דאָ קינסטלער) איז צו ברענגען משיחן און צו דעם דאַרף מען זיך ווידמען. ווי אַ קינסטלער, טראָגט דער יידישער שרייבער אויף זיך די אַחריות צו זיין אַ משולח פאַר יידישקייט... ער דאַרף ווילן דעם סטיל פון קלאָרקייט מען זאָל נישט דאַרפן קנייטשן דעם שטערן צו פאַרשטיין. עס דאַרף זיין פאָלקיש, פאָלקיש לשון, פאָלקלאָריסטיש.

איך האָב דאָ נישט בדעה אַריינצוגיין אין אַ דיסקוסיע וועגן אָט דער שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור. נאָר אויף וויפל איך בין באַקאַנט מיט די ווערק וואָס פּאָזי האָט געדרוקט איז ער אומעטום געטריי אָט דער שליחות. מיין איינדרוק איז, אַז ער איז אַ שרייבער פון עטלעכע זשאַנערס אָבער אַלע מיט איין אידעע, איין שליחות, און דאָס איז אויסגעדריקט אין איין וואָרט, יידישקייט, יידישקייט אין אַלע אירע שענסטע אַספּעקטן, אָפּגעזען פון דעם ספּעציפישן זשאַנער אין וועלכן ס'איז געשריבן. און זיינע זשאַנערן זיינען:

די קינסטלערישע דערציילונג און דאָס סימבאָלישע מעשהלע, די היסטאָרישפילאָסאָפישע עסיי, דער פּובליציסטישער אַרטיקל. זיין אידעע, זיין שליחות איז צו פאַרשפּרייטן יידישקייט אַזוי ווי ער פאַרשטייט און ווי ער קלערט עס אויף אין זיינע עסייען ווי „מיסטישע שטרעמונגען אין דער יידישער געשיכטע — קבלה און חסידיזם; אין זיין „משיח אין קייטן"; אין זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „יוסף און זיינע ברידער"; ווי אויך אין אַ פייערדיקן פּאַמפלעט קעגן נאַציזם, וואָס ער מיט יאָרן צוריק פאַרשפּרייט צווישן סטודענטן אין די קאָלעדזשעס און אין זיין איצטיקן בוך „באַגינען", ווו ער דערציילט אונדז מיט אַ סך ליבשאַפט וועגן זיין טאַטנס יידישקייט און די יידישקייט וואָס ער האָט געגנאַשט פון דעם קאַנטאָניסט ר' יחיאל. יענער איינדרוק איז מסתמא פאַרבליבן, פּונקט ווי דאָס וואָס ער האָט נאָך שפּעטער געלערנט. דאָ אין „באַגינען" לאָזן זיך אויך מערקן אַ גרעסערע צאָל פאַרכאַפּנדיקע נאַטור שילדערונגען. גלייך אין אָנהייב קומען פינף זייטלעך מיסטישע נאַטור שילדערונגען. עטוואָס ווייטער קומען נאָך צוויי זייטלעך ווו דער ווינט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטורעם: —

„אַ שטורעם וואָס בייגט יונגע ביימעלעך, בייגט זיי, און עס קרעכצט דער וואַלד און וואָיעט, טראַך־טראַך־טראַך!
— דונערט איינס נאָך דאָס אַנדערע.
און בליצן בלענדן די אויגן און שניידן איינע נאָך די אַנדערע די שוואַרצע הימלען. עס הייבן אָן פאַלן טראָפּנס, גרויסע טראָפּנס רעגן. צו ערשט פאַלן זיי איינציקווייז און זינקען אין זאַמד און קלאַפּן אָפּ אויף די בלעטער פון די ביימער: טאַק־טאַק־טאַק! — און באַלד צעגיסן זיי זיך, צעגיסן זיך אין אַ שטראָם, וואָס פאַרפּלייצט און פאַרגיסט און הייבט אויף דאָס דרימלענדע טייכל און מאַכט מוטנע זיין וואַסער, וואָס מישט זיך מיט די שטראָמען פון וועג, און הייבט אָן פליסן און קייקלען זיך מיט רעש און געפּילדער באַרג אַראָפּ."



שוין, דער שטורעם איז פאַרביי. אַלץ איז צום באַנייטן לעבן אויפגעקומען.

עס קאָן זיין אַז פּאָזיס נייגונג צו נאַטורשילדערונגען שטאַמט נישט בלויז פון דער דאָרפישער סביבה, ווו ער האָט געלעבט, נאָר אויך פון ר' יחיאלס איינפלוס. דער קאַנטאָניסט און גוטער ייד, ר' יחיאל, האָט באַוווּנדערט און ליב געהאַט די נאַטור, אָדער ווי ער האָט עס אָנגערופן „גאָטס וועלט". „הערט ווי די פייגעלעך זינגען — פלעגט ער זאָגן — זעט די בלעטער אויף די ביימער און די גראָזן אויף דער ערד, ווי זיי גרינען זיך און פאַרבן זיך. דאַנקט דעם רבונו של עולם וואָס ער האָט פאַר די מענטשן באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט."

פון די אַלע נאַטור־באַשרייבונגען, פון די אַלע אויפקלערונגען און רייד וועגן דער שיינקייט פון דער וועלט, דער פּילפּול פון זיינע העלדן, ווי דווידקע מיט ר' יחיאלן וועגן נביא און צדיק, תאווה און ליבע, דער אונטערשייד צווישן ריינער ליבע און תאווה לוסט, וועגן לעבן און טויט, ספּעציעל דער ענין האַרמאָניע אין דער נאַטור און אין מענטשלעכן לעבן, זיווג פון השמים, שיינט אַרויס פּאָזיס פ י ל אָ ס אָ פ י ע און צוגאַנג צו דער גאַנצער מיסטעריע וואָס הייסט לעבן. און ווייל עס איז פאָלקלאָר איז נישט שייך אַריינצוגיין אין דיסקוסיעס וועגן דעם, דאָס הייסט, צי זיי זיינען אמת צי נישט. ער לאָזט אָט די געדאַנקען זיך אַנטוויקלען דורך די איבערלעבונגען, אויפפיר און רייד פון זיינע העלדן: יחיאל און זיינע איבערלעבונגען ווי אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט; דוואָשע, דווידקעס מומע, און אירע איבערלעבונגען ווי די ווייב פון אַ גאונישן מוזיקער און ווי די דיסהאַרמאָניע האָט צעשטערט זייער לעבן; ס'איז נישט געווען קיין זיווג; די רייד פון זייער טאָכטער רבקהלע, וואָס האָט געוועזן ווי זייער לעבן ווערט צעשטערט פון זייער דיסהאַרמאָניע; און דווידקע אַליין מיט זיינע איבערלעבונגען אין פאַרלויף פון זיינע בלויז עטלעכע רייף־ווערנדע יאָר.

דורך אַ סך רייד ווייזט אונדז דער שרייבער דעם אונטערשייד צווישן ריינער ליבע וואָס קומט פון דער נשמה און לוסט, וואָס קומט פון גוף, טהרה און תאווה; צווישן דווידקעס ליבע מיט רבקהלען און זיין חבר משהלעס ליבע מיט דער שיקסל כרוזקע, און די אַנדערע, ווי זיי הייסן דאָרט.

ווועלן מיר דאָ בעסער איבערלאָזן די אַלע רייד וועגן ליבע און צוריקגיין צום אָנהייב פון בוך, ווו אַריה פּאָזי גרייט זיך אויף די פליגלען פון זכרונות און חלומות צו זיין ווייטער נסיעה און דערקלערט מיט גרויס פרייד:

„כ'האָב היינט געהערט ווי עס זינגט
און לאַכט די נאַטור!
„האָב איך די אויגן געעפנט און דערזען אַ שמעטערלינג שוועבט, אַ ווייסער און דורכזיכטיקער שמעטערלינג. האָט עס מיך דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס שוועבט אין העלקייט העכער פון די וואָלקנס, און וואָס הערט קיין מאָל ניט אויף צערטלעך אונדז צו פאַרזאָרגן, אויב פאַרזאָרגונג איז וואָס מיר ווינטשן. און דערפילט האָב איך ווי אין האַרצן טרעט מיר עפּעס אַריין, עפּעס אַזוינס וואָס מיר איז ביז איצט נאָך געווען אומבאַקאַנט. דאָס איז די גרויסע פרייד פון ליבע, ליב צו האָבן אַלץ מיט אַלעמען"...

שוין צוליב אָט דער יונגער פרייד אַליין איז כדאי דאָס בוך צו לייענען.

(המשך ווייטער)

# II

# בלומע לעמפּעלס „אַ רגע פֿון אמת“

דערציילונגען. — פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל אביב, 1981.

מען זאָגט, אַז יעדן טאָג, חוץ שבת און יום־טוב, דערשיינט ערגעץ־ווו אַ ייִדיש בוך. די שטעט תל אביב, פּאַריז, ניו־יאָרק, בוענאָס איירעס און נאָך שטעט זיינען געוואָרן פּאָפּולערע טעריטאָריעס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אַלע ווייסן אַז דער פּאַרנעם פֿון ייִדישן לעבן אין דער וועלט האָט זיך געענדערט. צוזאַמען מיט די נעמען פֿון די נייע טעריטאָריעס קומען אויך אויף נעמען פֿון נייע ייִדישע שרייבערס — אָפּט אויך טאַלאַנטירטע. און באמת דאַרף דאָס אונדז ניט וווּנדערן. דער חורבן און די נאָך־חורבן געשעענישן מיט זייער אומגלייבלעכער שינאה און רציחות וואָס זיי האָבן פֿאַרשפּרייט קעגן ייִדן וועלן אונדז שוין ביז אייביק פֿאַרפֿאָלגן און בלייבן אַ קוואַל פֿון אייביק־טרויעריקער פֿאָרשונג און שאַפֿונג, אַ קוואַל פֿון העראָיזם.

צווישן די ביכער וואָס זענען הייַנטיקס יאָר שוין דערשינען געפֿינט זיך אויך אַ באַנד דערציילונגען פֿון דער שרייבערין בלומע לעמפּל. פֿאַר טייל לייענער איז דער נאָמען אפֿשר אומבאַקאַנט — בלויז עטלעכע יאָר זינט דער נאָמען האָט זיך גענומען מערקן אין טייל ייִדישע זשורנאַלן. אין איצטיקן נומער „חשבון“ איז אויך געדרוקט אירס אַ דערציילונג. אָבער למען האמת מוז מען זאָגן אַז נאָך מיט יאָרן צוריק פֿלעגט זי זיך יאָ דרוקן — אין דער לינקער פּרעסע, וועלכע מיר האָבן נישט געלייענט. נאָך דעם האָט זי צוליב אומבאַקאַנטע סיבות אויפֿגעהערט שרייבן. און איצט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, האָט איר קינסטלערישער דראַנג פֿאַר אויסדרוק צוריק דערוואַכט.

אין איר נײַ בוך „אַ רגע פֿון אמת“ אַנטפּלעקט זיך בלומע לעמפּעל ווי אַן אייגנאַרטיקע שעפֿערישע שרייבערין פֿון קורצע דערציילונגען. זי איז אייגנאַרטיק אין איר טעמאַטיק, אין איר פֿאַרנעם און קאָנסטרוקציע. אויך איר סטיל, הגם נישט נײַ — דער שטראָם פֿון אונטערבאַוווּסטזיין און טיילווייז סוררעאַליזם — איז אייגנאַרטיק. זי ברענגט אַרײַן אין אונדזער פּראָזע פֿאַרפֿיינערונג און באַרײַכערונג פֿון ייִדישן וואָרט, זאַץ און בילדלעכקייט. זי האָט וויזיע, זי האָט פֿאַנטאַזיע, ווי זי זאָגט אַליין:

„איך קוק אויף די שטערן וואָס זייַנען שוין פֿון לאַנג פֿאַרלאָשן, אָבער פֿאַר מיר שײַנען זיי נאָך מיטן ערשטן פֿייער פֿון באַשאַף. מיך אַרט ניט אפֿילו וואָס דער הימל זאָגט ליגן... איך נעם אָן דעם פֿאַקט צוזאַמען מיט דער פֿאַנטאַזיע.“

זי איז אויך געבענטשט מיט אַ סך איידלקייט און ראַפֿינירטער קולטור און ווייסט ווי זיך צו באַנוצן מיט איר עשירות“. איר פּראָזע רודערט אויף און האַלט געשפּאַנט דעם לייענער. דער עראָטישער עלעמענט שאָקירט נישט און איר טאָן מאַכט אים זיך פֿילן באַקוועם און אַנגענעם אין איר אָנוועזנקייט. למשל, אין איר דערציילונג „מיין פֿריינד בען“ מאָלט בלומע לעמפּעל דאָס פּערזענלעכע לעבן פֿון אַן אַלטן בחור:

„מיין פֿריינד בען — אַ לערער פֿון פּיאַנע־שפּילן — האָט אי צייט, אי געדולד. קיין ווײַב האָט ער ניט, קיין קינד אויך ניט. ער לעבט מיט זיין קאַץ און הונט. איך וויל אים ניט ווי טאָן. איך לאַך און רעד, פֿרעג זיך נאָך אויף זיין קאַץ, אויף זיין הונט. מיין אינטערעס אין זיין לעבן דערוואַרעמט אים. ער ווערט רירעוודיקער, דרייסטער.“

זי געפֿינט יחידים מיט ספּעציפֿישע פּראָבלעמען, יחידים אין גערעַנגל מיט זיך, מיט זייער גורל. זי פֿאָרשט זיי און באַשרייבט זיי מיט אַ סך וואַרעמקייט און פֿאַרשטענדעניש.



אין „דער חוב“ האָט דאָס מיידל וואָס ליגט אויפֿן אָפּעראַציע־טיש אפֿילו קיין נאָמען נישט. ניין, זי וויל גאָרניט. זי וויל נאָר פֿילן דעם ווייטיק ביזן ביין. זי וויל אויסברענען דאָס ווילדפֿלייש, אָפּשיילן די מאַסקע, דערקענען זיך אַליין. זי פֿאַרמאַכט די אויגן און חלומט פֿון יענע צייטן פֿון איר קינדהייט.

„אויף דער גרינער לאָנקע פֿון איר יוגנט זעט זי זיך ווי אַ מיידעלע. זי שפּילט זיך אין שערבלעך. זי האָט נאָר וואָס געפֿונען אַ וווּנדער־שערבל — און אַנטדעקט אַ פֿאַנטאַסטישע וועלט, אַ וועלט פֿון רויט און גרין און בלוי. ביימשן קרעלן, גרינע פּערל. די קראָפּעווע גליט ווי די זיבן זונען, די שטיינער אויפֿן וועג זענען גאָלדענע מטבעות. דאָס בלאָנדע שייגעצל פֿון יענער זייט טייך שטעלט איר אונטער אַ פֿיסל. ער רייסט אַרויס דאָס שערבל פֿון אירע הענט. דאָס מיידעלע וויינט. דאָס מיידעלע אין איר וויינט נאָך איצט, וויינט נאָך אַלץ. דאָס צעבראָכן־שערבל האָט דאָס שייגעצל צעבראָכן, מיט די פֿיס צעטראָטן... זי דרייט זיך אויס צו דער וואַנט. דאָס מיידעלע אויף יענער ווייטער, גרינער לאָנקע ווישט זיך די אויגן, זי קוקט, טראַכט און דרימלט איין.“

בכלל קען מען דאָס בוך טעמאַטיש איינטיילן אין צוויי טיילן: איין טייל, דער קלענערער, וואָס דערציילט וועגן מענטשן וואָס זענען פֿאַרטאָן מיט זייער אייגענער פּראָבלעמאַטיק, און איין טייל, דער גרעסערער און צענטראַלער, וואָס מאַכט דאָס גאַנצע בוך קינסטלעריש וויכטיק און צייכנט אָפּ די רגע פֿון אמת. דאָס איז די די חורבן טעמאַטיק. מיר זעען דאָס קלאָר אפֿילו אין יענע דערציילונגען וואָס זייַנען נישט קיין וועזנטלעכער טייל פֿון חורבן, ווי למשל: „אַ ייִדישער פּאָעט אין פּאַריז“, „דער טויט פֿון מיין מומע“, „פּערעלע פֿינגאָלדס טאָגבוך“, „דער חוב“ און אפֿשר נאָך עטלעכע. אָבער ערשט די חורבן דערציילונגען, וואָס זייַנען טיף־פֿילנדיקע פּאָעטישע עלעגיעס אויסגעדריקט אין גוטער סוררעאַליסטישער פּראָזע, דערהייבן דאָס בוך צו אַ הויך־קינסטלערישער מדרגה. „די טאָפּעלע שפּיל“, „אפֿילו דער הימל זאָגט ליגן“, „אַ ניט געלייזטער פּראָבלעם“, „אַ רגע פֿון אמת“, „בילדער אויף אַ נאַקעטער קאַנווע“ און נאָך אַזעלכע זייַנען ניט קיין מעמואַרן, ניט קיין מעשה שהיה אָדער רעפּאָרטאַזש פֿון רעאַלן לעבן. זיי זייַנען ריין קינסטלערישע שאַפֿונגען אין רעטראָספּעקט פֿון חורבן. זיי רירן אָן סענסיטיווע יחידישע איבערלעבונגען, טראַגיש־דראַסטישע פֿאַרמעסטן פֿון ראַטעווען זיך אין די נסיונותדיקע רעטעניש פֿון ווידערשטאַנד אָדער רעזיגנאַציע — זיך לאָזן פֿירן צו דער שחיטה.

אין די טאָפּעלע שפּיל“ גייט איר נאָך דער שאָטן פֿון איר חבר און געליבטן, וואָס איז אין וואַלד אומגעקומען. דער שאָטן איז אפֿשר אויך איר געוויסן וואָס פֿאַרפֿאָלגט זי און לאָזט זי ניט פֿאַרגעסן יענע שרעקלעכע איבערלעבונגען. איר דאָקטער עצהט איר צ פֿאַרגעסן דעם נעכטן:

„מיין פֿריינד, דער דאָקטער, איז אין בונקער ניט געווען. איך קאָן אים ניט דערקלערן אַז מיין נעכטן איז דער לאַמטערן אין פֿינצטערן קאָרידאָר. דער פֿלאַם וואָס טאַנצט אויפֿן ווינט. איך טאָר דעם פֿלאַם ניט פֿאַרלעשן. איך טאָר ניט פֿאַרטיליקן דאָס פֿאַרטיליקטע, אויסראָטן דאָס אויסגעראָטענע.“

זי ווערט אַרײַנגעצויגן אין ווילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס. זי גייט צו דעמאָנסטראַציעס ווו זי האָט דערפֿילט דעם כוח פֿון וואָרט. זי האָט באַנומען אַז ניט ערד־ציטערניש, און ניט מבול, נאָר דער כוח פֿון מענטשלעכן וואָרט קאָן סיי צעשטערן, סיי אויפֿבויען אַ גאַנצע וועלט. ביינאַכט איז זי געזעסן און זיך איינגעהערט ווי „זיין“ שטים קומט, ווי אַ המשך פֿון אַ אַ שמועס. — ווי אַזוי קאָנסטו, אַן אָנגעגעסענע, אַ פֿאַרפּוצטע, אַרומגערינגלט מיט פֿריינדלעכע נייעס־רעפּאָרטערן, ווי אַזוי קאָנסטו מאַכן אַזאַ פֿאַרגלייך, פּראָקלאַמירן לאָזונגען, אַז דו וועסט זיך ניט לאָזן פֿירן ווי אַ שאָף צו דער שחיטה? ווער זייַנען עס געווען די שאָף? אפֿשר

די צוויי שיינע שוועסטער בראָנשטיין, וועלכע האָבן נאַקעטע ביים אָפענעם קבר געזונגען: עם ישראל חי!? אָדער אפשר מיינסטו דעם קצב־יונג לייבל, וואָס האָט זיך פרייוויליק אַרומגעבונדן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל און זיך געוואָרפן אונטערן טראַנספּאָרט, אָנגעלאָדן מיט דייטשישע סאָלדאַטן? און אפשר מיינסטו גאָר די וואַרשעווער קינדער מיט געשוואָלענע בייכער, באָרוועסע אין שניי? זיינען זיי דאָס די שאָף?

זייער שיין און דערהויבן איז איר צאַרטע און אידעלע שילדערונג פון דער מיידל זאָסיע אין „בילדער אויף דער נאַקעטער קאַנווע". בעת איר זיין אין ישראל האָט מען איר געלאָזט וויסן וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון איר לאַנדסמיידל זאָסיע. בלומע לעמפעל האָט געוואָלט דערגיין צו די וועגן און אומוועגן וואָס האָבן זאָסיען געפירט צו זנות. זי דרייט זיך אויפן קרבנס משונהדיקע וועגן. זי קען דעם מערדער וואָס האָט איר דערהרגעט. פאַר אַ שטיק ברויט מיט שינקע זיך אָנגעזויפן מיט איר ווייס צעבליטן, זוניק רייפן יונג־פרוילעכן גוף. און אפשר איז זי איר זעלבסטמאָרד באַגאַנגען נאָך פריער? אפשר האָט זיך איר לעבן פאַרענדיקט אין יענער ווילדער אָסיען־נאַכט ווען פעליקס איז געקומען ווי אַ פרינץ אויפן ווייסן פערד? אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ ברויט, אַ גויישע ספודניצע און אַ כוסטקע. זאָסיע איז אַריין אין די שיקסעשע בגדים, געקושט דער מאַמעס נאַסן פנים, שוואַרץ ווי יענע אָסיען נאַכט... זי האָט געקושט איר טאַטנס צעשאָסענעם קערפער וואָס איז געלעגן אויף הפקר אין מיטן מאַרק. טיף אין היי אַ באַגראָבענע האָט זי צייט געהאַט צו באַוויינען איר אייגענעם טויט, נאָכגיין איר אייגענע לוויה.

בלומע לעמפעל זוכט אַן אָנדייט צום היינט אין דער פאַרזונקענער וועלט פון נעכטן.

בלעטערנדיק אַזוי אין געדאַנק גראָבט זי אויס זאָסיעס יחוס, דעם המשך וואָס דורות פון צניעות האָבן אַרויסגעבראַכט, ספעציעל איר פעטער שלמה דער רוסישער. זי דערמאָנט אויך אַז זאָסיעס פויליש איז געווען אַן איינגעפונדעוועטער, אַריינגעוויזיגן מיט דער מילך פון איר גויאישער ניאַניע; אַז אין איר פויליש איז געלעגן דער שטעמפל פון איר טאָפעלער פערזענלעכקייט.

דער געדאַנק, און אפשר דאָס פראָבלעם וועגן „טאָפעלער פערזענלעכקייט" שווימט בולטער אַרויס אין דער טיף פסיכאָלאָגישער דערציילונג „אַ רגע פון אמת", געשריבן אין דער דריטער פערזאָן. אָט דער כאַראַקטער־שטריך איז שטאַרק קענטיק ביי דעם קרבן ווי ביים מערדער — ביי דער פרוי לילי ברוין ווי ביים דאָקטער ברוין.

„לילי שטייט מיטן רענצל אין האַנט. זי זעט זיך ווי אַ געשטאַלט וואָס נאָר דער חלום געדענקט. צען יאָר האָט זי זיך געגרייט, געזאַמלט פאַקטן פון זכרון, פון נאַכטיקע קאָשמאַרן, פון געהיימע טאָגביכער וואָס דער דאָקטער, וואָס לעבט איצט אונטערן נאָמען ברוין האָט אַמאָל געשריבן, אַלץ וועגן די ווילדע פאַרברעכנס וואָס זענען פאָרגעקומען אין יענעם עקספערימענטאַלן שפיטאָל, אין וועלכן דאָקטער האָכמוט האָט געהערשט ווי אַ טעווטאָנישער גאָט."

ביי דער סעלעקציע אין שפיטאָל האָט דר. האָכמוט אָפגעטיילט די וואָס ער האָט פאַרמשפט צום טויט און די וואָס וועלן בלייבן פאַר עקספערימענטן. דר. האָכמוט האָט אויף אַ געוויסן אופן היפנאָטיזירט לילין און זי אָפגעטיילט פון די אַנדערע. שפעטער האָט ער זי אַריבערגעפירט קיין שווייצאַריע, ווו זי האָט געלעבט ווי אַן אַריער און ער פלעגט אָפט קומען זי באַזוכן. לילי האָט אים געבאָרן אַ זון. נאָך דער מלחמה האָט דער דאָקטער האָכמוט געביטן זיין נאָמען אויף דר. ברוין און אויף דעם נאָמען לעגאַליזירט זיין ווייב און זון.

צען יאָר האָבן זיי אַזוי געלעבט מיט דער מאַסקע פון דר. ברוין. איין מאָל ווען אַלע דריי האָבן שפאַצירט אויף די גאַסן פון זשענעווע האָט לילי געקוקט אויף איר זון ברונאָ און געזען דאָס אָפבילד פון זיין טאַטן, ניט דעם איצטיקן פאַרקריפלטן דר. ברוין, נאָר דעם יונגן



דר. האָכמוט. זיין קאַנטיקע גאָמבע, זיין קאָנצענטרירנדיקער, היפנאָטיזירנדיקער בליק האָבן צוריקגעבראַכט די שרעק, דעם ווייטיק און די בושה וואָס דר. האָכמוט האָט געשפרייט אַרום זיך. אין פולן בלענד פון דער שווייצאַרישער זון האָט לילי דערזען דעם דר. האָכמוט אין איר זון ברונאָס פנים, אין זיינע האָר, אין די אויגן — אַ קאָפיע פון דעם געשפענסט וואָס ליגט באַגראָבן אונטער דער חורבה וואָס רופט זיך דר. ברוין. לילי האָט זיך געוואָרט קעגן דער פלוצלינגדיקער אַנטפלעקונג. די זון און דער שניי האָבן געשווינדלט פאַר אירע אויגן. אַ מאַן וואָס איז געגאַנגען אַ פאָר טריט פאַר זיי האָט געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט. לילי האָט געפילט ווי די ערד שווימט אַוועק — זי שטרענגט זיך אָן בייצוקומען דאָס געפיל, אויסצומיידן די קאַטאַסטראָפע, דעם צוזאַמענשטויס מיטן מיראַזש, מיט דער וויזיע וואָס שפאַנט אין גאַנצן אַ פאָר טריט פאַר איר. זי פאַלט אַרויף אויפן האַלדז פון פרעמדן מאַן: „טאַטוסיאַ קאָכאַני", רופט זי אויס מיט אַ ווילדער שטים. נאָר זי דערזעט איר טעות. זי אַנטשולדיקט זיך. זי שטויבט אָפ די מאַסקע וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן פאַרשטעלט איר אייגענעם איך.

איצט האָט זי ביידן אָנגעזאָגט די רגע פון אמת. מערדער און קרבן קוקן זיך אָן. דער זון וואָס שטייט צווישן זיי קאָן דעם פאַקט ניט מיגנערן. דער נעכטן איז פון קבר אויפגעשטאַנען און מאָנט זיין גערעכטן פלאַץ. לילי קוקט דעם קריזיס גלייך אין די אויגן. דעם דאָקטערס היפנאָטישער בליק באַווירקט זי מער ניט. עס באַפאַלט זי נאָר אַ געלעכטער ווען זי קוקט אויף אים ווי ער טאָפטשעט אין שניי. זי לאַכט אַזוי לאַנג ביז זי צעוויינט זיך. ברונאָ, דער זון, וויל וויסן וואָס דאָ קומט פאָר. זאָל ער וויסן, זאָלן אַלע וויסן. זי האָט מער ניט מיט וואָס זיך צו שעמען, מיינט זי...

* * * * *

ווי שוין געזאָגט, איז די דערציילונג „אַ רגע פון אמת", אַ קורצע. פון דעסטוועגן איז זי ברייטער און טיפער פאַרטראַכט ווי מיר קענען עס דאָ איבערגעבן.

נאָך אַנדערע געשטאַלטן קומען דאָ אין באַטראַכט חוץ דעם דאָקטער ברוין און זייער זון ברונאָ: איר אָפשטאַם, און איר יוגנט, ווען זי האָט ליב געהאַט זיך צו רייצן מיטן גורל. דאָס אַלץ ווערט דערמאָנט בלויז פאַרבייגייענדיק, מחמת אַלץ, אַלץ איז דאָ שטאַרק קאָנצענטרירט אַרום לילין און פירט צו דער רגע פון אמת. אין בוך זענען דאָ נאָך עטלעכע דערציילונגען וואָס פירן צו אָט דער רגע. זיי זיינען אַלע געשריבן מיט טאַלאַנט און פסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש.

ערגעץ ווו אין בוך זאָגט בלומע לעמפעל מיט באַשיידנקייט, אַז צו מאָל טראַכט זי אין פאָעטישע טערמינען. אַזוי שנעל ווי זי כאַפט זיך אַז דאָס איז פאָעזיע, פאַרשאַרט זי עס „אונטערן בעט". פון דעסטוועגן בלעטערנדיק דאָס בוך שטויסט מען זיך אָן כמעט אויף יעדן בלעטל מיט אַזעלכע פאָעטישע בילדער וואָס באַרייכערן און דערגאַנצן אירע דערציילונגען און פאַרכאַפן דעם לייענער מיט זייער פלוצימקייט און טיפקייט. די קורצע דיגרעסיעס צוליבן פאָעטישן שטראָם שטערן לחלוטין נישט דעם סיפור המעשה, ווי זי זאָגט:

„דאָס פענצטערל צום עבר האָב איך מיט קינסטלעכן פראָסט פאַרפרוירן."

---

„רויטע שקיעה שטראַלן האָבן זיך אַריינגעריסן דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, זיך אויסגעשפרייט און צעטיילט ווי גליענדיקע שאַרפן פון אַן אָפענער שער. איך בין געזעסן אין דעם אָפענעם מויל פון דער שער ווי אין אַ לאָדקע. איך בין געשוווּמען צום ראַנד פון הימל."

---

„איך האָב איבערגעלאָזט די גרינע ערד, געוואַנדערט איבער סטעפעס, אויסגעמאָסטן דעם בערישן גוף ביז צום האַרץ פון זיין פאַרפרוירן לאַנד."

* * * * *

בלומע לעמפעלס מעטאַפאָרן און בילדער האָבן אַ צאַרטן אָפקלאַנג. אויף די פליגל פון אירע פאָעטישע פאַנטאַזיעס דערהויבט זי דעם לייענער.

## ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס

שמואל ווייס

# דער חורבן אָנדענק מוזעאום
## פון דער יידישער פעדעראַציע אין לאָס אַנדזשעלעס

(איינדרוקן פון אַ באַזוך)

וואָס פאַר אַ צוועק דינט דער מוזעאום פון יידישן חורבן, היינט, 38 יאָר נאָך דעם אומקום פון די לעצטע געטאָ־קעמפער אין וואַרשע?

אויף אָט דער פראַגע וואָס עס שטעלט זיך דער באַזוכער פון דעם אָנדענק־מוזעאום פון דער יידישער פעדעראַציע האָבן, דוכט מיר, זייער עפעקטיוו געענטפערט די טויזנטער ניצול־געוואָרענע מענער און פרויען, פאַרטרעטערס פון דער שארית הפליטה אין 24 לענדער אויפן אייראָפּעאישן און אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט צווישן 4טן און 18טן יוני, 1981, אין ירושלים:

„מיר ווילן אַז די וועלט זאָל ניט פאַרגעסן דעם גיהנום אין וועלכן עס זיינען פאַרברענט געוואָרן זעקס מיליאָנען מענער, פריען און קינדער דורך נאַצישע מערדערס פון דייטשן רייך... מיר ווילן איבערלאָזן אַ הייליקע צוואה פאַר די קומענדיקע דורות צו געדענקען דעם שוידערלעכן מאַסן־מאָרד, האַלטן וואַך דאָס געוויסן פון דער וועלט און פון יידישן פאָלק צו די געפאַרן וואָס נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם שטעלן מיט זיך פאָר פאַר אונדזער ציוויליזאַציע.“

אָט דאָס איז געווען דער שאַלנדיקער רוף פון דעם היסטאָרישן צוזאַמענפאָר אין דער יידישער מדינה ווו עס געפינט זיך דער הייליקער, מאַסיווער, חורבן־מוזעאום פון יד ושם און דאָס זיינען אויך די צילן פון די אַלע אָנדענק־אינסטיטוציעס וואָס יידן האָבן אויסגעבויט אין טייל שטעט אין אַמעריקע.

גראָד היינט, ווען די נאַצישע שלאַנג הייבט ווידער אויף דעם קאָפּ און שיפּעט ווידער מיט איר מערדערישן סם, ווען פאַרשיידענע שרצים מיט אַקאַדעמישע טיטולן דרוקן ביכער צו פאַרשפּרייטן דעם ליגן, אַז דעם האָליקאָסט האָבן אויסגעטראַכט יידן, אַז אוישוויץ איז בלויז אַ דערפינדונג פון יידישער פּראָפּאַגאַנדע — גראָד היינט איז דער באַטייט פון די אָנדענק־מוזעאומס וויכטיק סיי פאַר דער דרויסנדיקער וועלט און סיי פאַר אונדז אַליין ניט צו לאָזן פאַרזינקען ווערן אין אַ לעטאַרגיע צו פאַרגעסן דעם חורבן.

די יידישע פעדעראַציע (דזשואיש פעדערײשאַן קאַונסיל) אין לאָס אַנדזשעלעס האָט געפּלאַנט אויסצובויען דעם חורבן־מוזעאום אויף 590 נאָרט ווערמאָנט עוו., ווו עס זיינען געווען די אָפיסעס פון די מיינסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס. דאָרט האָט דער מוזעאום געזאָלט האָבן אַ באַזונדערן בנין צוזאַמען מיט אַ רחבותדיקן דאָקומענטאַציע צענטער מיט אַרכיוו־מאַטעריאַלן און ליטעראַטור פון חורבן. אָבער בינו־לבינו האָט די פעדעראַציע זיך געמוזט אַריבערציען אין דעם מער יידישלעכן בנין, 6505 ווילשייר בולוואַרד, אין אַ צוועלף שטאָקיגן בנין, ווו דער מוזעאום האָט געמוזט איינגעקלעמט ווערן צווישן די ווענט אויפן 12טן שטאָק. פון דעם געפּלאַנטן דאָקומענטאַציע צענטער האָט לײדער גאָר ניט געקענט זיין קיין רייד, ס׳איז ניט געווען קיין פּלאַץ און די ביכער פון יידישן חורבן, לײדער זייער ווייניק, זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן אויף די שרענק צוזאַמען מיט אַנדערע ביכער פון דער אַמאָל ריזיקער פּיטער מ. קאַהן ביבליאָטעק.

דעם פּלאַץ פון אַ דאָקומענטאַציע־צענ־



טער און חורבן־ביבליאָטעק פאַרנעמט, דוכט מיר, דער שמעון וויזענטאַל צענטער אויף 9760 וועסט פּיקאָ בולוואַרד, וועגן וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין פאַריקן נומער „חשבון“. דאָס פאַרענטפערט אַגב אומדירעקט די פראַגע: פאַרוואָס צוויי חורבן־מוזעאומס אין לאָס אַנדזשעלעס.

* * * * *

דער באַזוכער פון דעם אָנדענק מוזעאום פון דער יידישער פעדעראַציע ווערט באַלד ביים אַריינגאַנג באַווירקט פון אַ קורצן שפּאַציר דורך אַ טונקל באַלויכטעטן טונעל, וואָס דאַרף פאָרשטעלן מיט זיך די טרויעריק־באַקאַנטע אייזנבאַן מיט וואַגאָנען אין וועלכע גוט־באַוואָפנטע נאַצישע מערדער־באַטאַליאָנען האָבן געפירט יידן צו די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ, טרעבלינקע, מיידאַנעק און אַנדערע. באַלד ביים אַריינגאַנג אין דעם טונעל הערט איר דעם פאַרשטיקטן יאָמער פון געפּייניקטע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, א״אַ, און געפירט געוואָרן צו דער שחיטה. דער דאָזיקער שטילער געוויין — אַ סימבאָל פון דעם דורותדיקן יידישן מאַרטירערטום — גייט אייך נאָך די גאַנצע צייט וואָס איר זענט אין דעם מוזעאום.

ס׳איז פאַראַן אַ קלײנער אָפּגעטײלטער שטאָק, דעקאָרירט ווי אַ שולכל וואָס דינט פאַר באַזוכערס און גרופּעס פון שול־קינדער, ווו לערערס קענען דערקלערן דעם הינטערגרונט פון די סימבאָלן און בילדער און אויפנעמען פראַגעס פון פאַראינטערעסירטע באַזוכערס. ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט וואָלט איך זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון דעם דאָזיקן אַלקער און זיך אויסגעוויינט אויף דעם טויט פון מיין טאַטע־מאַמע.

איר זעט קונסט־בילדער און פאָטאָגראַפיעס פון געפּייניקטע מענער און פרויען אין די לאַגערן. איר זעט דאָקומענטן וואָס דערציילן אייך פון דער חיהשקייט פון די נאַצי־אוממענטשן, פון זייער ווילדער הנאה פון פּייניקן זייערע הילפלאָזע קרבנות. איר זעט די בילדער פון קאַצעטניקעס אין זייערע געשטרייפטע שמאַטעס־בגדים; איר זעט די בידנע באַראַקן אין פאַרשיידענע מאָדעלן, וואָס אילוסטרירן די טראַגיק פון די פאַרמשפּטע און דעם תהום פון רציחות וואָס דער נאַצישער מענטשן־אָפּפאַל האָט דערפונדן.

איר זעט די מאַמעס טראָגן זייערע קינדער אויפן וועג צו די גאַז־קאַמערן, קינדער וואָס צערטלעכע מוטערס האָבן ניט געוואָלט אויפגעבן און אָפּטיילן פון זיך. איר זעט ווי אַ פאַרצווייפלטער מענטש וואַרפט זיך אויף עלעקטרישע צוים־דראָטן פון דעם לאַגער — בעסער זעלבסט־מאָרד ווי געפּייניקט ווערן. איר זעט בילדער פון פרויען און יינגלעך, קרבנות פון די עקספּערימענטן וואָס דער טרויעריק־באַקאַנטער דר. מענגעלע, ימח שמו, האָט אויף זיי דורכגעפירט.

ווער באַזוכט דעם מוזעאום? וויפל פון דער האַלב־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך גענומען די מי אַרויפצופאָרן אויף צוועלפטן שטאָק פון דעם בנין צו זען די בילדער, סקולפּטורן און פּלאַסטישע מוסטערן פון דעם חורבן?

די אויפזעערין פון דעם מוזיי, די איידעלע, העפלעכע פרוי מרים בראַונשטיין, דערקלערט מיר, אַז די אינסטיטוציע מאַכט די גרעסטע באַמיונגען צו פאַראינטערעסירן די היגע שולן, יידישע און ניט־יידישע, צו אָרגאַניזירן גרופּעס קינדער, וואָס זאָלן אונטערן אויפזיכט פון זייערע לערערס באַזוכן דעם האָלאָקאָסט מעמאָריאַל. שפּעטער ווערן די קינדער פאַראינטערעסירט צו שרייבן שול־אַרבעטן אויף אָט דער טעמע. זיינען פאַראַן באַריכטן וועגן אָט־די באַזוכן? זיינען פאַראַן קאָפּיעס פון די קינדער־שאַפונגען? אפשר. די יידישע פעדעראַציע איז ווי באַקאַנט, דער עיקר אַ הילף־אינסטיטוציע, וואָס זאַמלט יאָר איין יאָר אויס איבער דרייסיק מיליאָן דאָלער פאַר יידישע נויטן דאָ־הי, איבער אַמעריקע און אויסלאַנד. די מיינסטע פאָנדן גייען פאַר דער יידישער מדינה. בלייבט שוין ניט קיין סך ענערגיע אויף אָפּצוגעבן זיך מיט די פונקציעס פונעם מוזעאום.

די אַרכיטעקטור פון דעם מוזעאום איז

פאַרטראַכט געוואָרן פון דעם קינסטלער בענאָ פישער, אַליין אַ געוועזענער קאַצעטניק, וועלכער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די טראַגיק פון דעם חורבן און זיך באַמיט צו פאַרקערפּערן זיינע טיפע נשמה איבערלעבונגען אין פּלאַסטישע קונסט־פאָרמען אויף וויפל אַזעלכע איבערלעבונגען לאָזן זיך בכלל פאַרקערפּערן אין דער קונסט. אַ סך סימבאָלן קען דער באַזוכער ניט באַנעמען אָן געהעריקער אויפקלערונג, ספּעציעל זיינען אַזעלכע אויפקלערונגען נייטיק פאַר אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער און יוגנטלעכע.

אין איין פאַל ווערט דער באַזוכער שאָקירט פון דער פאָרם אין וועלכער ס'ווערן אָפּגעצייכנט די נעמען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן: אויף אַ קיילעכדיקן שטח, אויף דעם גלאַנציקן מערמלשטיין פון דעם מוזעאום, זיינען אויסגעלייגט שילדלעך מיט די נעמען פון אוישוויץ, מיידאַנעק, סאָביבאָר, טרעבלינקע, מעטהאַוזען און אַנדערע. די שילדלעך אויף מעטאַלענע פּליטעס, זיינען איינגעראַמט אין גלאַנציק מעשענע רעמלעך, אַזעלכע וואָס איר זעט טיילמאָל אויף הויז־טירן און וואָס זאָגן אייך אָן, אַז דאָ וווינט אַ גבירישע משפּחה. דאָס איז, דאַכט מיר, אַ דיסאָנאַנס צו דער טראַגיק פון די לאַגער־פאַרמשפּטע. וואָלט ניט געוועזן מער אין האַרמאָניע מיט די גיהנום־איבערלעבונגען ווען די נעמען פון זייערע לאַגער־קברים וואָלטן געווען אויפגעצייכנט אויף ערד־שוואַרצן האָלץ, אָפּגעברענטע האָלאָוועשקעס, אַנשטאָט אויף דעם גלאַנציקן מעטאַל אויב דאָס דאַרפן זיין סימבאָלן זאָלן דאָס זיין צייכנס וואָס ניצול־געוואָרענע מענער און פרויען געדענקען פון זייערע אייגענער טרויעריקער סביבה.

* * * * *

אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דעם מוזעאום פאַרנעמען צוויי גרויסע מאָזאַיק־בילדער, וואָס זיינען פאַרטראַכט און אויסגעפירט געוואָרן פון בעטי נוטקעוויטש, אַליין אַ געראַטעוועטע פון דעם נאַצי־טעראָר אין ליטע און פּוילן. דער אויפטו פון אָט די קונסט־שאַפונגען איז וואָס בעטי, אַ פּראָפעסיאָנאַלע לערערין, וועלכע פירט אָן מיט אַ קונסט־קלאַס אין דעם פּרעכטיקן ישעיה־טעמפּל אין לאָס אַנדזשעלעס האָט פאַראינטערעסירט אירע שילער און זיי אינספּירירט צו זאַמלען מאַטעריאַלן פון האָליקאָסט און אויף זייער אופן פאַרקערפּערן אין מאָזאַיק.

איבער זעקס חדשים צייט האָבן די יונגע מענטשן געאַרבעט אויף דעם פּראָיעקט וואָס זיי האָבן פאַר זיך באַשטימט. דאָס בילד איז צום ערשט אָפּגעצייכנט געוואָרן אויף פּאַפּיר און דאַן מיט שטיינדלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעשלייפט, אַריינגעזעצט אין מערמלשטיין־פּליטעס.

איר זעט אויסגעזעצט אין שוואַרצן מאָזאַיק דאָס וואָרט י ז כ ו ר. לעבן דער פיר־עקיקער געביידע וואָס איז באַצייכנט מיט דעם וואָרט „שאַוערס" און פון דער געביידע שטרעקט אַרויס אַ רויכערדיקער קוימען — אַ צייכן פון די אויזונס ווו פאַרגאַזטע קערפּערס זיינען פאַרברענט געוואָרן.

אויפן בילד זעט איר פיגורן, איינגעבויגן ביי דער שקלאַפן־אַרבעט, אונטער דער וואַך פון אַ נאַצי־וועכטער מיט אַ ביקס. איר זעט די שטעכיקע דראָטן פון דעם צוים וואָס נעמט אַרום דעם לאַגער; ברעטער־טאַרצענס אין אַ באַראַק מיט דריי אויסגעשטרעקטע פיגורן און אַרום דעם די וואַך־טורעמס פון דעם לאַגער. אויבן, איבערן מאָזאַיק־בילד, זעט איר פּליענדיקע פייגל און אונטן סימבאָלן פון בליענדיקע ביימער און בלומען — אַ גרוס פון דער דרויסנדיקער וועלט און אפשר אויך ווי אַ סימבאָל פון האָפענונג וואָס יעדער אומגליקלעכער אינעם לאַגער האָט געטראָגן פאַרבאָרגן אינעם האַרץ.

אַבאָנירט און שטיצט
חשבון
די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.
אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.



# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב אין תשמ״א

שבת אָוונט, דעם 13טן יוני, 1981, האָט דער קלוב געשלאָסן דעם 55סטן סעזאָן פון זיין קולטור־אַרבעט. דער אָוונט וואָס האָט געצויגן אַן עולם פון אַרום 200 מענטשן איז געווען געווידמעט דעם מייסטער פון דער יידישער פּראָזע און פּאָעזיע — חיים גראַדע. ד״ר בערל פרימער איז ספּעציעל געקומען פון ניו־יאָרק און זיין רעפעראַט האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן דער גוט־געשולטער כאָר פון דער היגער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט פון ליליען ליבראס (אַ טאָכטער פון די פאַרבאַנד טוער — די גיבערמאַנס).

דער פאָרזיצער פון אָוונט, שלמה צוקערמאַן, האָט אין זיין איבערזיכט אָנגעוויזן אויף דער הויכער ניוואָ פון די קולטור פּראָגראַמען דעם סעזאָן אונטער דער אויפזיכט פון דעם לאַנג־יאָריקן פאָרזיצער אַלעקס ראָבין ז״ל, וואָס איז אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדז דעם 3טן מערץ, 1981. אויס רעספּעקט צום נפטר וועט מען ניט וויילן קיין פאָרזיצער דעם זמן נאָר ס'וועט פונקציאָנירן אַ צייטווייליקער פּרעזידיום פון די פאָלגענדע: מאָריס דייטש, משה כהן, שלמה צוקערמאַן און יעקב קאַהאַן.

דער איבערזיכט האָט פאַרצייכנט פאָלגענדעס:

אין די מוזיקאַלישע פּראָגראַמען היי־יאָר האָבן זיך באַטייליקט: מישאַ לעפּקאָוויטש פון דער ל. א. פילהאַרמאָניק, אברהם סלוצקי, חיים אָסטראָווסקי, וולאַדימיר הילי, עליזאַבעט קאַץ און עסטעל מאַרלאָו.

צום ערשטן מאָל האָט דער קלוב אויפגענומען אין נאָוו. 22, 1980, די באַרימטע פאָלקלאָריסטין און זינגערין רות רובין פון ניו־יאָרק. איר אויפטריט האָט געצויגן דעם גרעסטן באַזוך היי־יאָר, ספּעציעל פון יודאַיקאַ און יידיש קלאַסן פון די אוניווערסיטעטן אין דרום קאַליפ.

די וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין פון ישראל האָט געהאַט צוויי אויפטריטן אין פעברואַר 1981, מיט אַ פיינעם אָפּקלייב פון דער יידישער ליטעראַטור. אירע אויפטריטן זיינען שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן.

לאָקאַלע פאָרלייענער האָבן אויך באַרייכערט די אָוונטן פון קלוב. צווישן זיי: מאָטל הורוויץ, ד״ר אַברהם זיגעלבוים, משה כהן, משה מאַנדלבוים און יצחק ראָטבלום.

אַ צאָל וויכטיקע געסט פון ישראל און ניו־יאָרק זיינען אויפגעטראָטן ביים קלוב נאָוועמבער 1980: ד״ר דוב לעווין, פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וועגן: „די ראָל פון די יודנראַטן אין דער היטלער תקופה"; יצחק קאָרן, פאָרזיצער פון וועלט ראַט פאַר יידישער קולטור — „די ליגע פון פריינד פון אַרבעטנדיקן ישראל"; אין דעצעמבער: ד״ר אפרים גוטמאַן, פאָרשונג דירעקטאָר ביים „יד ושם" — „פּאָליטישע באַוועגונגען אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות". יאַנואַר 1981: צוויי אויפטריטן פון דעם ישראל דיכטער חיים מאַלטינסקי — „פון מינסק, בירא־בידזשאַן און פאַרשיקונג קיין סיביר — ביז ישראל."

פון די לאָקאַלע לעקטאָרס זיינען אויפגעטראָטן אין אַ סימפּאָזיום וועגן דעם אויסגאַנג פון די וואַלן אין אַמעריקע אין נאָוועמבער 11980: מאַקס אַלפּער, נתן גראָוויטש, סערגיי נוטקעוויטש און משה כהן אַלס מאָדעראַטאָר; ישראל גובקין — וועגן לייענען און לערנען; מנחם קאַרסאָן — „פידלער אָן די רוף און טוביה דער מילכיקער"; זלמן שלאָסער — וועגן ביי דערשינענע ביכער; סערגיי נוטקעוויטש — הונדערט יאָר יידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע."

אַ ספּעציעלער אָוונט איז געווען געווידמעט יידישן הומאָר. סערגיי נוטקעוויטש האָט געגעבן אַ פּסיכאָלאָגיש־ליטעראַרישן אָפּשאַץ פון הומאָר ביי יידן און משה כהן האָט פאָרגעלייענט מוסטערן פון הומאָר פון אונדזערע ליטעראַרישע אוצרות.

## ימים־טובים און אָנדענק־אָוונטן

גאָר אימפּאָזאַנט זיינען געווען די פייערונגען לכבוד חנוכה און שבועות מיט

אינטערעסאַנטע רעפעראַטן פון דער מלומדת שרה ליינער און פון פורים מיט ד״ר יהודה פּילטש.

ווי אַלע יאָר איז אויך דאָס מאָל געקומען אַ גרויסער עולם צו דעם הזכרה אָוונט פאַר זעקס מיליאָן יידן מיט אַ רעפעראַט פון נתן גורעוויטש, פאָרזיצער פון אַרבעטער רינג און פון דער ליגע פאַר דעם אַרבעטנדיקן ישראל. און צום יום־העצמאות מיט נחום מאַקסאָן, דירעקטאָר פון די פאָלקס אָרגאַניזאַציעס ביים קרן קיימת.

## ספּעציעלע אָוונטן

אין אָקטאָבער האָט דער קלוב דורכגעפירט אַ צאתכם לשלום פאַר חיים און פערל אָסטראָווסקי צו זייער צוריקקער קיין ישראל. חיים אָסטראָווסקי איז אויפגעטראָטן מיט אַ זייער אָרגינעלן פּראָגראַם „אַ זמר צום נייעם יאָר“.

אין זעלבן חודש — אַ בואכם לשלום אָוונט דער סעקרעטאַרין און עקזעקוטיוו מיטגליד, רחל און מענדל סלוצקי. זיי האָבן זיך געטיילט מיט זייערע רייזע־איינדרוקן פון ישראל און פראַנקרייך.

אין מאַי 1981 איז געפייערט געוואָרן דאָס דערשיינען פון אַריה פאָזיס בוך „באַגינען“. מיט אָפּשאַצונגען זיינען אויפגעטראָטן זלמן שלאָסער, רעדאַקטאָר פון „חשבון“ און דער פּאָעט און מיטרעדאַקטאָר פון „חשבון“ משה שקליאַר. דער קלוב, אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון אַלעקס ראָבין ז״ל איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר פינאַנצירונג פון דעם פּראָיעקט. מיט וואַרעמע געפילן איז אויפגענומען געוואָרן די זייער טרעפלעכע ווערטער פונעם מחבר.

צוויי אָוונטן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אינערלעכע קלוב טעטיקייטן. פעברואַר דעם 21טן איז פאָרגעקומען אַן אַקציע פאַר די הצטרכותן פונעם קלוב. מיטן אָנטייל פון אַלעקס ראָבין ז״ל, תנחום ברייס און משה כהן. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם — דער עמוד־קינסטלער חזן ברוך קאָהאָן. אַרום 100 מיטגלידער האָבן זיך בייגעשטייערט מיט $5008.

ביים מיטינג פון אַפּריל 11טן זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן וועגן דעם זשורנאַל „חשבון“ וואָס דער קלוב גיט אַרויס. פון דער רעדאַקציע — זלמן שלאָסער; צירקולאַציע — הענאָך בערמאַן און גרשון פרידמאַן.

עטלעכע הונדערט מיטגלידער און פריינד האָבן זיך פאַרזאַמלט אַפּריל 4טן צום שלושים אָוונט פון אַלעקס ראָבין, דער פאָרזיצער פון קלוב פאַר די לעצטע צען יאָר און דער „אַמבאַסאַדאָר“ פון יידיש און דעם יידישן בוך אין לאָס אַנדזשעלעס און איבער דער גאָרער יידישער וועלט. מיט אָפּשאַצונגען זיינען אויפגעטראָטן: שלמה צוקערמאַן, ד״ר ז. זיגעלבוים, זלמן שלאָסער, משה כהן, הענאָך בערמאַן, אלימלך דייטש, מרים הערבסט און תנחום ברייס.

* * * * *

דער פאָרזיץ ביי די שבת אָוונטן איז מערסטנס געפירט געוואָרן פון אַלעקס ראָבין ז״ל. זיינע אַריינפירן זיינען געווען אַ וויכטיקער טייל פון די טעמעס ביי די אָוונטן. זינט זיין פטירה ווערט דער פאָרזיץ געטיילט צווישן אלימלך דייטש, משה כהן, שלמה צוקערמאַן און יעקב קאַהאַן. די עקזעקוטיווע שליסט אויך איין אַריה פאָזי, עמנואל גאָלדפאַרב, רחל און מענדל סלוצקי.

**משה כהן**

---

## ניי בוך פאָרשונגען און עסייען

שוין דערשינען אַ ניי בוך פאָרשונגען און עסייען פון דעם באַקאַנטן פאָרשער און שרייבער **ד״ר יעקב י. מייטליס**

**„פון ווייטן אַמאָל ביזן היינט“**

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ישראל בוך“ תל אביב, 1981.

דאָס איצטיקע בוך איז אַן אָפּקלייב און זאַמלונג פון אַ ריי פאָרש־אַרבעטן און ליטעראַרישע עסייען, מיט אַ צלאָג פון אַ בינטל זכרונות, דער עיקר פון פּראָמינענטע פערזענלעכקייטן אין יידישן לעבן, באַדייטיקע וואָרט־זאָגער און וואָגיקע דיכטערס, וואָס פון זייער תורה ציט דער מחבר זיין שאַפערישער יניקה.



## ליטעראַטור־פּרעמיע א״נ פון פערנאַנדאָ כענאָ, פאַררופט קאָנקורס פאַרן יאָר 1981

די קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל קאָמיטעט אין מעקסיקע, וואָס אַדמיניסטרירט די ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון פערנאַנדאָ כענאָ און וואָס וועט אויסגעטיילט ווערן צום זעקסטן מאָל אין חודש מערץ פון 1982 (פאַרן יאָר 1981) ווענדעט זיך מיט דעם פאָלגענדן רוף צו אַלע יידישע, העברעישע און יידיש־שפּאַנישע שרייבערס פון דער גאָרער וועלט:

אַלע די וואָס ווילן אנטייל נעמען אין יערלעכן קאָנקורס (פאַר 1981) פון דער פערנאַנדאָ כענאָ פּרעמיע דאַרפן צושיקן צו צוויי (2) עקזעמפּלאַרן פון זייערע געדרוקטע ווערק אין יידיש, עברית, אָדער שפּאַניש, צו דער קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקאָ. אין חודש מערץ פון יאָר 1982 וועלן אויסגעטיילט ווערן די פּרעמיעס פאַרן יאָר 1981 צו דריי ביכער אין די אויבנדערמאָנטע דריי שפּראַכן. יעדע פּרעמיע באַטרעפט די סומע פון טויזנט דאָלער.

ביים שיקן די געדרוקטע ווערק, ווילן מיר בעטן אַלע מחברים, אַז זיי זאָלן נעמען אין אַכט די פאָלגנדע תקנות פון ליטעראַטור־פאָנד:

א) די געדרוקטע ביכער דאַרפן האָבן אויף זייערע שער בלעטער די דאַטע פון זייער דערשיינען אין משך פון די לעצטע 2 יאָר צייט, דאָס מיינט 1980 און 1981.

ב) ביכער וואָס זיינען שוין פּרעמירט געוואָרן דורך אַנדערע ליטעראַטור־פאָנדן קענען ניט גענומען ווערן אין אַכט.

ג) דער טערמין פון צושיקן ביכער, צו צוויי עקזעמפּלאַרן אומבאַדינגט, ענדיקט זיך 31טן דעצעמבער 1981. אַלע ביכער דאַרפן געשיקט ווערן אויפן אַדרעס:

*Premio Literario "Fernando Jeno"*
COMITE CENTRAL ISRAELITA
Acapulco 70, Desp. 503
Mexico 7, D. F.

מיט אַכטונג,

**קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צ.ק. אין מעקסיקע**

שלום לאָקער, פאָרזיצער
חיים לאַזדייסקי, סעקרעטאַר

---

## תיקון טעותן

אין אַרטיקל פון שואל גוטמאַן אין לעצטן נומער (97) „חשבון“ זיינען אַריינגעפאַלן עטלעכע טעותן:

אויף זייט 14 אין צווייטן פּאַראַגראַף שטייט: „ווי געוויסע ספּעציאַליסטן“. עס דאַרף זיין: „ווי געוויסע סימפּליציסטן“.

אויף זייט 17, אין צווייטן פּאַראַגראַף שטייט: „פאַרמיטלט צווישן דעם ,איך' און 'סופער עגאָ'. עס דאַרף זיין: ,איד' און סופּער־עגאָ“.

---

אין דעם אַרטיקל „קורצע עסייען“ פון לייב וואַסערמאַן געדרוקט אין לעצטן נומער (97) „חשבון“ זיינען אַריינגעפאַלן עטלעכע דרוק־פעלערן. אויף דער ערשטער זייט, אונטן ווו עס שטייט: „זיי קאָנען ווערן אַזוי אויסגעשליפן... דאַרף זיין: „זיי קאָנען זיי נישט אַסימילירן אין אַ באַזונדערן זעלבסט, ווו זיי זאָלן ווערן אַזוי אויסגעשליפן“...

אויף זייט 37, אונטן אין ערשטן קאָלום ווו עס שטייט: „גאָר ווייטע באַדינגונגען“, דאַרף זיין „גאָר ווייטע באַדייטונגען, באַשטייט אָבער“...

אויף זייט 39, אויבן אין דער ערשטער שורה ווו עס שטייט „פול מיט סיבות“, דאַרף זיין פול מיט סודות“; און אויף דער זעלבער זייט, דדי לעצטע שורה, שטייט „חוב“ אָנשטאָט „חוק“. אויף דער זעלבער זייט אין צווייטן פּאַראַגראַף זיינען די ערשטע צוויי שורות צעדרייט. עס דאַרף זיין: „ע סהייסט אַז אפילו אויך דאָס וואָס גרויסער הומאָר איז אין הינטערגרונט טיף און ערנסט“...

אַזוי איז עס געווען — אַזוי איז עס געשען

# אין שפּיטאָל אַריין האָט ער ניט געוואָלט גיין

(צו זיין ערשטן יאָרצייט)



מאַקס (מרדכי) קרעמער ע״ה
סעפּט. 1896 — אויגוסט 3, 1980

די סאָפּע אין פראָנט־צימער איז געווען זיין פעסטונג. דאָ האָט ער זיך געפילט זיכער. דאָ האָט אים קיינער גאָרנישט געקענט טאָן, אַזוי האָט ער געמיינט, אפילו ניט דער מלאך המות ובפרט אַז איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, אים געקאָרמעט און אים געפּיעשטשעט, ווער האָט אים געקענט טאָן שלעכטס?

נאָר די היצן, איי די היצן האָבן אומרחמנותדיק געברענט. דעם „קילער" האָט האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן צוליב זיינע בורסייטעס, אַרטרייטעס און וואָס פאַר אַ נאָך „אייטעס" עס האָט אים געפּייניקט. ליגט אַ מענטש און פרעגלט זיך אין דער חמימה. גאָט האָט אים געשענקט דעם חסד פון שלאָף, אַ סך שלאָף. ווען ניט דער אומגליקלעכער צופאַל וואָס די שכנים האָבן דערזען דורך דער גלאָז־טיר, אַז ער איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן און האָבן גערופן די פּאַראַמעדיקס, וואָלט ער אַזוי איינגעשלאָפן, ווי אַ זויג־קינד, אויף אייביק.

ער איז געווען זייער אַ מילדער מענטש, מאַקס קרעמער. מילד ווי אַ לאַם. אין ברענטש איז ער ניט נאָר געווען פינאַנץ־סעקרעטאַר, נאָר אויך אַ פאַמיליע־קאָנסולטאַנט. ווער עס האָט געהאַט עפּעס וואָס זיך צו באַקלאָגן, האָט עס געבראַכט צו אים. אים אונטערגערוקט די טענות צוזאַמען מיטן אָפּצאָל שטייער. ער האָט געקאָנט אויסרעכענען, פאַרשרייבן, אויסהערן יענעם, ענטפערן און פאַרשרייבן אין דער זעלבער צייט. אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז מען געווען אַ מבין אויף קרעמערן. האָט מען אים אויסגעוויילט אין דער „גריוועָנס קאָמיטע", אַ קאָמיטעט אויסצוגלייכן אַלע קריוודעס צווישן אַרבעטער, ביזנעס־אַגענט און אָפט אויך צווישן אַרבעטער און באַלעבאָס, כאָטש דאָס איז געווען די עובדה פונעם ביזנעס־אַגענט. לאַנגע יאָרן האָט ער אַזוי אויסגעגליכן טענות ומענות צווישן אַרבעטער.

מען דערציילט וועגן זיין טאַטן ר׳ יהושע קרעמפּל זצ״ל, וועלכער איז געווען אַ סופר און אַ מלמד, האָט ער געשריבן ספרי תורה און געלערנט מיט קינדער אין דער זעלבער צייט. מען דאַרף וויסן אַז ווען עס כאַפּט זיך חלילה אַריין אַ טעות אין שרייבן איז די ספר תורה פּסול. נאָר ביי ר׳ יהושע קרעמפּל האָט זיך נישט אַריינגעכאַפּט קיין גרייז. און ביי קרעמערן האָבן אַלע מאָל געשטימט די חשבונות.

ס׳איז ווייטיקלעך און נאַריש צו וויינען. נאָר דאָס רחמנות, די בענקשאַפט וויל ניט אָפּטרעטן פון האַרצן.

נכבד הוא לדורות.

ל. מ.



לשנה טובה תכתבו ותחתמו

לאָס אַנגעלעסער
יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

פּאָרזיצער — נתן גראָוויטש
סעקרעטאַר — דוד גאָלדמאַן

THE WORKMEN'S CIRCLE
1525 South Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035
(213) 552-2007 :טעלעפאָנירט

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

**הירשביין-רויזענבלאַט צווייג 359**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

מאָריס דייטש, פאָרזיצער
פנינה אָסמאַן, סעקרעטאַר

---

**ווייצמאַן-זאַלצמאַן צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

דוד שרגא, פאָרזיצער
העגרי קאָמינס, סעקרעטאַר

---

**שלום עליכם צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

טוביה כ״ץ, פאָרזיצער
דאָרע כ״ץ, רעק. רעקרעטאַר
העלען סילווערמאַן, פינ. סעק.

---

**אַרטור זיגלבוים ברענטש 486**
**אַרבעטער רינג**

יצחק פינקלשטיין, סעקרעטאַר
שלום קריסטאל, פאָרזיצער

---

**נאַשעלסקער סאָסייעטי, ל. א.**

יוסף קאָרן, פרעזידענט

---

**נאָווידוואָר סאָסייטי**

רחל קליינבאַרד, פרעזידענט

---

**מעדעם-וולאַדעק-ליעסין בר. 443**
**אַרבעטער רינג**

מאַקס רומאַק, פאָרזיצער
דוד גאָלדמאַן, סעקרעטאַר

---

**בן-גוריון צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

יעקב קאַהאַן, פרעזידענט
גנענדל באָנטשיק קאָר. סעק.
רעי קאַהאַן, סעקר.

---

**באָראָכאָוו-פינסקי עמק צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

לעאָ שלאַפמאַן, פאָרזיצער
בערטאַ קאַרין, פינאַנץ סעקרעטאַר
עדינה פרידמאַן, קולטור, פאָרזיצער

---

**דרורה צווייג פיאָנערן פרויען**

רעגינאַ קירמאַן, פרעזידענט
בערטאַ קאַרין, פינאַנץ סעקרעטאַר
פריידל פרידמאַן, רעקרד. סעקר.

---

**עמנואל רינגלבלום לייען-קרייז**

געניאַ קעניגזאָן, סעקרעטאַר
עטל ראָזנבלאַט, קאַסירער

---

**פריינד פון ייוואָ, לאָס אַנדזשעלעס**

ד״ר העגרי הערבסט, פאָרזיצער



## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

☆ ☆ ☆

ד״ר הערשל בורשטיין און פרוי

---

לוסי און שמעון דייטש — שיקאַגע

---

הערי, טאָני און איליי הירש

---

באַשע וואַנעמייקער און רחל סלאָבאָדקין

---

סאָניע און הערשל משרת

---

חנה רומאַן

---

דוד שרגא

---

ליובע און גמליאל שלאַפמאַן

---

עלסי און לארי שאַרף

---

רחל און דוד קאַפּלאַן

---

סאָפּי און הערי קאַזאַק

---

מנחם קאַרסאָן

---

וועלוול שאָר

תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

**סאַלעס, רבקה און זאב —**

לכבוד ראש השנה תשמ״ב ווינטשן מיר אונדזערע פריינד בכל מקום שהם און חברים אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ גוט און געבענטשט יאָר.

**אַקס, נחמן** — מעקסיקאָ ד.פ.

זאָל דאָס נייע יאָר תשמ״ב ברענגען שלום און פעלקער פאַרברידערונג איבער דער וועלט; שלום אויף עם ישראל און מדינת ישראל.

**מייזעל, מרדכי און דאַראַ**
מיאַמי ביטש

אַ גוט יאָר און אַ ווּנטש אַז אַלע צוזאַמען זאָלן מיר העלפן אָנהאַלטן יידיש לשון און די צייט־שריפטן אין יידיש.

**טויבעס, גיטל**

אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין מאַן יעקב שמואל טויבעס ז״ל.

**בוירנס עליזאַבעט**

ווינטשט אירע קינדער און אייניקלעך און כל ישראל אַ גוט יאָר.

**טעמפער, פערל**

אַלע מיינע פריינד און חברים ווינטש איך אַ גוט געזונט יאָר.

**האָפשטיין, פעני**

אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן מאיר האָפשטיין, טייערער פאָטער פון אוירווינג און דאָראָטי.

## שיינדל און יהודה עלבערג — מאָנטרעאַל

עס קומט אַ ניי יאָר... אָבער...

אָן אונדזער טייערן, נישט פאַרגעסלעכן

**אַלעקס ראַבין ע״ה**

מיר געדענקען אים ביי יעדער געלעגנהייט.



שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אבראַמס, העלען און הערי
אייזנמאַן, רבקה
אַמאַן, סאָניע
אַפּטייקער, אסתר
אַמסטער, ליאָלאַ און לעס
אַנדרעס, חיה רחל — טעקסעס

באַרנעס, לאה
בערמאַן, חוה און הענעך
בערגער, סאָפי
ברייס, טילי און תנחום
בלושטיין, שרה און נחום

גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל
גינגאָלד, מרים — מייאַמי ביטש
גאָלדמאַן, אַדעל און דוד

דאָטשעס, בלענטש און מאַקס
דיימאָנד, אסתר
דייטש, רחל און אלימלך

ווייס, פלאָראַ און שמואל
אין אָנדענק פון אַלעקס ראָבין
ווײַנטרויב, ליליען
וועלטמאַן, פראַניע
אין אָנדענק פון מיין מאַן משה מענדל
וואודס, בנימין און פרוי
ווײַנשטיין, רחל און אליעזר

ד״ר אברהם זיגלבוים און טעמע

טאַובער, סאַלי און בעריש

כהן, משה
כ״ץ, דאָראַ און טוביה

לישינסקי, מלכה און שלמה
אין אָנדענק פון מיין פאָטער שמואל
ליפּסמאַן, ראָזא און שמעון
לעווין, רעגינאַ און דזשעק
לאַקריץ, ישראל
לאַנדסמאַן, ליליען און בערנאַרד

מאַנדלבוים, עטל און משה
מעלאַמדאָוויטש, פייגל און יצחק
סקאָקי, איל.

נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי
ניומאַן, אידיט
נאָדעלמאַן, בעקי און משה
ניומאַן, אליהו און משפחה
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר
סלוצקי, אברהם און משפחה

פּיטערס, דזשין און אוירווינג
פּטאַשעוויטש, חוה און מאָטל
ליטל נעק, נ. י.
פינקלשטיין, סיידי
ד״ר פישער, בערנאַרד און ליסאלעט
ד״ר פישמאַן און משפחה, פּאַסאַדינא
פיינבלאַט, מאַרטין און משפחה
פרענקל, גערטרוד
פרידמאַן, שרה און משה
סאַוטפילד, מיש.
פרידמאַן, יעקב און פריידל
פּאַקס, מרים און סידני

קאַפּלאַן, משה
קאָלאָדני, סילוויאַ און אהרן
קרעמער, לאָטי (מלאך)
קאָטלאַר, זשעני, משה און משפחה
קאַהאַן, חיה רחל און אברהם נתן
דעזערט האָט ספרינגס
ראָדזשער, יוסף און משפחה
רומאַק, מאַקס
ראָזנבוים, גדליה — סאַוטפילד, מיש.

שטיינבערג, קלאַראַ און יעקב
שולוויים, גערטרוד
שנור, יוסף
שאַפּיראָ, באַשקע
ד״ר קאַרל שוגער
שייפער, גילדאַ און טשאַרלס

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַלפער, מאַקס און משפחה
אייכנטאַל, הערמאַן
אָרטענשטיין, פייגל
אָסטראָוו, ראָוז
אבראַמס, נחמה און צבי

---

בערק, ציליע

---

ברוידע, פיליפ
בלויוואל, סאָל און פרווי
בוימגאַרטן, איטאַ און שעפסל
מאָנטרעאַל

ד"ר לייזער בעקער און רות
פיניקס, אַריזאָנאַ

גילדער, שמחה
גליקמאַן, סיסיליאַ
גאָרנשטיין, לאה און משה
גילינסקי, ליובאַ
גיבערמאַן, אסתר
גלאַזער, חייקע און משה
גוראַ, מערי און הערי
גורעצקי, סילוויאַ
גאָרנשטיין, פרימע און דוד
גאָלאָמב, רבקה און אברהם
גובקין, ישראל
גאַלינאַ, סאָפי און אַדאַם

דאָלניק, אַנאַ
לזכרון מיין מאַן ד"ר דאָלניק

הירש, משה
ד"ר הערבסט, מרים און הערשל

וואַנאַמייקער, מאָרים
וויינשל, חיים (מילוואָקי)

זשוק, סאַבינאַ און חיים
זייף, צפורה און אליעזר

טראָמבקע, חוה און יוסף

יאָסמאַן, רוט

לינזער, דזשוליום
מאַרגאָלין, יצחק
נאַטאַנסאָן, דאָראָטי און לייב

סעגאַל, מיני און אָסקאַר
סלוצקי, רחל און מענדל
סאַפיאַן העלען און שמחה
סיגל, סאָפיע

פּאָליאַק, אסתר און שמואל
פעלדרייז, גיטל
פרידמאַן, חיה און גרשון
פאָנטיין, דזשין און אירווינג
פרידמאַן, עדינה
פעלנער, פייגע
פרימאָסט, דזשעני און טשאַרלס
פריזענט, פעני און סאָל
פיטסבורג, פען.
פאָרטער, העלען און יוסף
ראַביי פרידמאַן, יעקב און לאה

קראַוס, דזשון און בען
קליינבאַרד, רחל און בען
קוליק, עטל און חיים
קייזער, דאָראַ
קיפּניס, סעם און משפחה
קאָטלער, אַנאַ
קוויאַט, רבקה און מלך
קירמאַן, רגינה
קאַוואַנט, פרידאַ און הערי
קעניגזאָן, געניע
קופּערמאַן, סאָניע און משפחה

ראָזען, שמעון
ראָזנטאַל, שאַרלאָט און אפרים
ראָטבלום, זהבה און יצחק

שקליאַר. דבורה און משה
שעלי, סעראַ און דניאל
שייפער, ליובאַ און יעקב
שלאָסער, נעכע און זלמן



שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

# יודזשין ווייס

---

# נתן און לודמילאַ גראַוויטש

---

# שרה און שמחה ליינער און משפחה

---

# רעי און דזשעק קאַהאַן

---

# אסתר גראַפאַ

אַ גוט יאָר. מעקסיקאַ סיטי

---

# ציליע און שלמה צוקערמאַן

---

# סימע קאַרפּ (קאַזלאָווסקי)

אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע יידן איבער דער וועלט

---

# פריידע און אָשר שטשושינסקי

GREETINGS FOR THE NEW YEAR

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street

Los Angeles, Ca. 90017

Tel. MA 8-4216



## שמואל איזבאַנס

ניי בוך דערציילונגען

## „אַ וואַלפיש אין יפו"

(דערשינען אין י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל-אביב)

קאָן מען באַקומען אין ציק"אָ פאַרלאַג.

CYCO PUBLISHING HOUSE
25 East 78th Street
New York, N.Y. 10021

און ביים מחבר:

SAMUEL IZBAN
2475 E. 22nd St.
Brooklyn, N.Y. 11235

---

מיט בענקשאַפט און טרויער דערמאָנען מיר

דעם דריטן יאָרצייט

פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער פרוי, מוטער און באָבע

## אסתר מלכה לעוויטאַן ע"ה

הערי לעוויטאַן און משפחה

---

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

## G. FRYDMAN

337½ North Hayowrth Ave. Los Angeles, Calif. 90048

פאַרוואַלטונג „חשבון" Phone: 655-1292